STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05441

# DI PEKH-IDEN

Ari Ibn-Zahav

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Philip & Blanche Meisel*
*in memory of*
*Minnie & Nathan Long and Bessie & David Meisel*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארי אבן=זהב

# די פעך=אידען
## (דזשענטשארעס)

איבערזעצט פון העברעאיש
דורכ'ן מחבר

פארלאג „אחיעבר" — ווארשע 1939

Zakłady Graf. „FENIKS", Warszawa

ARI IBN SAHAV
SMOLARZE
Przekład autora
z hebrajskiego
Wyd. „ACHIEVER"
Warszawa, 1939



ארי אבן-זהב

# דער ערשטער
(אנשטאָט אנ'הקדמה)

Printed in Poland

איז אייך בעקאַנט דאָס גרעניץ־שטעדטעל גראַיעוואָ, נעבען ליקן די, וואָס האָבען אַנ׳אַהנונג וועגען דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלען וויסען, אַז אין גראַיעוואָ, האָט דער העברעאישער שריפטשטעלער אברהם מרדכי פּיורקאַ ז״ל אַרויסגעגעבען דעם „גן שעשועים״, דער ערשטער זשורנאַל פאַר דער יוגענד, אָדער אַז אין ליק, פון יענער זייט גרעניץ, איז געדרוקט געוואָרען דער „המגיד״; און די, וואָס האָבען אַנטיילגענומען אין דער סאָציאַליסטישער אַרבייט אין דעם אַלטען רוסלאַנד, וועלען זיך דערמאָהנען, אַז דורך גראַיעוואָ פלעגט מען אַריבערשוואַרצען די רעוואָלוציאָנערען קיין דייטשלאַנד. — גראַיעוואָ איז די מוטער פון דעם פערד־און שמיר־האַנדעל און פון איהר שטאַמען אַלע פערד־אידען (אָדער ווי מען פלעגט זיי רופען „דזשעגציאַרעס), וואָס זענען געוועזען צעשפּרייט און צעזייהט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, איבער דער גאַנצער „מדינה פּרייסען״, ווי זיי האָבען זי גערופען.

און ווער איז געוועזען דער זיידע, דער ערשטער, וואָס איהם איז איינגעפאַלען דער וואונדערבאַרער געדאַנק זיך אַריבערצוכאַפּען די רוסיש־דייטשע גרעניץ, און געפינען אין פּרייסען אָט די פּרנסה? די פערד־אידען האָבען זיך געמאַטערט און אויסגעפונען, ווער דער אַלטער איז געוועזען, כאָטש קיינער האָט נישט געקאָנט אָנווייזען, פון וואַנען ער נעהמט עס ־מיט דער צייט איז דער ערשטער געוואָרען אַ לעגענדאַרע געשטאַלט, איבער וועלכער מען האָט דערצעהלט וואונדערליכע מעשיות ־ווי להבדיל, איבער אַ רבי אַ בעל־מופת.

געוועזען איז עס מיט הונדערט יאָהר צוריק — אַנדערע זאָגען, אַז נאָך מעהר, ווען די גראַיעוואָ, וואָס איז נאָכהער געוואָרען "קליין פּאַריז", איז נאָך געוועזען אַ דערפעל, וואָס האָט געהערט צו אַ פּריץ. דאָס איז געוועזען אַ יאָהר פופציג איידער מען האָט געבויט די באַהן־ליניע פון עק־רוסלאַנד ביז עק דייטשלאַנד דורך גראַיעוואָ פלוצלונג, איבער נאַכט, איז גראַיעוואָ בעריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער אומגעגענד און עס האָבען זיך געצויגען צו איהר אידען פון רייגראַד, שטשוטשין און אפילו פון וואַנסאָס און ראַדזשילאָווע, פון גאָר דער וועלט. דאַן איז דאָס גאַנצע שטעדטעל נאָך געוועזען אין געסעל נעבען די פיער בית־עולמ׳ס, דעם אידי־שען, דעם פּראַוואָסלאַוונעם, דעם קאַטוילישען און ־דעם עוואַנגעלישען — וועלכע זענען געוועזען אַלע צוזאַמען גרעסער ווי דאָס גאַנצע שטעדטעל; דאָס געסעל הייסט היינט די באָד־גאַס. ווייט אַראָב, ביים סוף געסעל, נעבען „גרינעם באַרג״, וואָס האָט אָבגעהיט דאָס שטעדטעל פון די מתים, האָט געוואוינט אין אַ קעלער משה

אברהם דער וואסערטרעגער, וואס אלע האבען איהם גערופען קורץ „זעלדעס", אויף דער מאמעס נאמען. אט דער איד, ווי ס'רוב אידען, וואס וואוינען נעבעך אין קעלערס, האט געהאט א היבש ביסעל קינדער, און ביז היינט זאגט מען נאך אין גראיעווא און אין דער אומגעגענד אויף אנ'ארימאן, וואס האט א סך קינדער: „ער דערגרייכט דעם הימעל מיט זעלדעס קייטער". — אלע וואסער־טרעגערס און קברנים ביז צו די קרעמערס און די סוחרים און אפילו דעם „גביר" יחסענט מען ביז משה אברהם זעלדעס. און ווען נישט ער, איז גאט ווייס, צי גראיעווא וואלט אינגאנצען נישט אונטערגעגאנגען... זעלדעס האט געהאט איין זוהן, וועלכער האט אנגעפאנגען זיין לעבען מיט גנבענען בייגעל פאר דעם באק, וואס איז געוועזען אין זיין צייט דער בכור פון שטעדטעל, און געשטארבען איז ער אלס „דער גביר פון פרייסען די מדינה".

ווען וועלוועל — אזוי האט ער געהייסען — איז נאך א קינד געווען פלעגט ער אפט פערלאזען זיינע חברים די לאבוזעס, וואס דאס גאנצע שטעדטעל האט פאר זיי מורא געהאט, און אוועק אליין אויפ'ן גרינעם בארג. מיט מורא פלעגט ער קוקען צו די בית־עולמ'ס. בעזונדערס צום אידישען, און מיט בענקעניש צו די לאנקעס, אראב צום טייך, אונטער וועלכען עס האט זיך געצויגען דער שווארצער דייגראדער וואלד, אדער ער פלעגט פערשווינדען אויפן שטשוטשינער וועג און שעה'ן לאנג קוקען צום מערב־האריזאנט, צו דייטשלאנד.

אז ער איז גרעסער געווארען פלעגט ער אנבריינגען ביים טאטען אין קעלער קעץ און הינד און אליין פלעגט ער געהן איבער די קראמען קלויבען פאר זיי אבפאל. האט געטראפען א מעשה, אז ער האט געקאנט מיט'ן לעבען בעצאהלען פאר דעם חסד, וואס ער האט געטהון מיט די בעל־חיים. איינמאל, ווען ס'האט איהם ארומגענומען א גרויס רחמנות אויף זיינע קעצלעך, וואס האבען נישט געוואוסט דעם טעם פון מילך, האט ער אבגעווארט די קיה, ווען זיי זענען געגאנגען פארנאכט צוריק פון פעלד צו זייערע גוישע בעלי־בתים, אנגעכאפט איינע ביים שטריק, זי אריינגעפיהרט אין הויף, צוגעבונדען צו א בוים און אויסגעמאלקען די מילך אין אנ'עמער אריין. ער האט אפילו מורא געהאט ווי פאר'ן טויט, אז מ'זאל איהם נישט כאפען, אבער הערענדיג ווי די קעצעלעך קלאפען מיט די צינגעלעך לעקענדיג די מילך, האט ער אן אלץ פערגעסען.

אבגעטהון זיינס האט ער די קוה אבגעלאזט און זי איז זיך גאנץ רוהיג ארויס פון הויף און זיך געלאזט געהן אהיים. דערווייל האט דער גוי ארומגעזוכט די קוה און פונדערווייטענס האט ער געזעהען, פון וואנען זי איז ארויס. זעהענדיג, אז דאס איידער איז לעדיג. האט ער איהם א שטויס געטהון און איז שנעל געלאפען אין הויף אריין. ער האט גלייך דערזעהען נעבען בוים טראפענס מילך און האט זיך אנגעצונדען ווי א פייער. דערזעהענדיג דעם גוי, וואס איז געווען א בעקאנטער רשע, איז וועלוועל אנטלאפען. איבערן גאנצען שטעדטעל האבען זיך געהערט די געוואלדען פון זעלדעס און דעם גוי, און דער סוף פון שפיל איז געווען, אז מען האטביידע אריינגעזעצט אויף א גאנצע נאכט אין קאזע. אויף צומארגענס האבען זיי זיך איבערגעבעטען און זעלדעס האט דעם גוי בעצאהלט פאר א גאנצען עמער מילך. דער ארימער וואסער־טרעגער האט נעבעך כסדר גערעכענט, וויפיל עמערס וואסער ער וועט דארפען שלעפען, ביז ער וועט דעקען דעם שאדען. אבער ארויסגעטריבען האט ער פון שטוב אלי הינד און קעץ, און קוים האט וועלכער פון זיי נאך געוואגט אריינצושטעקען דעם קאפ, האט ער זיי געשלאגען ביז בלוט, און זיין זוהן וועלוועל האט ער אויך נישט געשאנעוועט.

באלד נאך דעם האט זיך אנגעהויבען א מעשה מיט א באק, וואס האט זיך

געצויגען יאהרען לאנג און וואס דערפון איז איהם פערבליבען דער נאמען „וועל־וועל־באק“ וועלוועל האט געזארגט פאר׳ן באק ווי א טאטע פאר זיין קינד. ער פלעגט פאר איהם קלויבען עסען און אז ער פלעגט נישט קריגען, האט ער געוואוסט וואו א נעהם צו טהון. דעם באק האט ער בעזעצט ביי שלמה דעם פוהרמאן אין שטאל.

ביז דאנען איז אלץ אמת, פון דאנען און ווייטער הויבען זיך אן די לעגענדעם און השערות איבער וועלוועל באק׳ס גדולה. ער איז אריבער די גרעניץ און האט אנגעהויבען צו פערקויפען די פויערען אין דייטשלאנד רוסישען פעך און שמירעכץ. אנגעהויבען האט ער פון פראסטקען, וואס ליגט ביי דער גרעניץ און דור דדי מאזורען אי זצום סוף דערגאנגען ביז בערלין און בראנדענבורג, דעסוי און אנהאלט. מען זאגט, אז אלע האלב יאהר פלעגט ער א פעסעל מיט גאלדענע רענדלעך ברענגען א היים. דאס איז געווים א באבע־מעשה. זיינע אור־אייניקלעך זענען נאך היינט שלעפערס, און די אלטע פעך־הענדלער, וואס געדענקען נאך די „גאלדענע צייט“, פערמאגען נישט אפילו דאס מיסט פון דעם קלענסטען גביר אויף מזרח. דאגעגען מוז אבער אלץ אמת זיין, וואס ווערט דערצעהלט איבער זיינע צרות אין דייטשלאנד, וואו ער האט א לעבען לאנג ארומגעוואנדערט. דאס קאן מען זעהען פון דעם לעבען פון די לעצטע פעך־הענדלער אמאל און אויך היינט, ווען זיי האלטען שוין ביים אונטערגעהן.

פארוואס האט מען איהם גערופען וועלוועל באק? ווי בעקאנט, טאר מען די גרעניץ נישט אדורך, און די פעך־אידען וויסען צו דערצעהלען, אז וועלוועל האט זיך ארויפגעזעצט אויפ׳ן באק דעם בכור, וואס האט איהם אריבערגעפיהרט די פאר וויארסט פון גראיעווא ביז פראסטקען. איידער די גרעניץ־וואך האט זיך ארומגעזעהען איז דער באק מיט וועלוועלען אויף איהם אריבערגעשפרונגען די הויכע קייט און וועלוועל איז שוין געווען אויף יענער זייט. דארט האט זיך פאר איהם געעפענט דער קוואל פון זיין פרנסה, וואס איז געווען, אדער אויסגעזעהען צו זיין, א בעסערע און א חשובערע ווי זיין טאטענס.

וועלוועל׳ן האבען די פעך־אידען קיינמאל נישט פערגעסען. האבען זיי פערקויפט א בלעכעל שמירעכץ און פערדינט א פאר טאלער, פלעגען זיי זיין נאמען דערמאהנען מיט עהרפורכט און זאגען: „ווען נישט וועלוועל משה אברהם׳ס וואלטען מיר אין שטעדטעל פערפוילט געווארען אויף די פיאסקעס אדער אין באד־גאס און מיר וואלטען דעם גאנצען לעבען קיין גראשען נישט געזעהן. א ליכטיגען גן־עדן זאל ער האבען“. אבער א זס׳איז עגגאנגען מיט דער פוטער אראב, אז דער ווינטער איז געווען א שווערער און די פויערען האבען נישט געדארפט קיין שמירעכץ, וויל מען פלעגט פאהרען נישט אויף קיין וואגענס מיט רעדער, נאר מיט שליטענס; אין די ביטערע טעג ווען דער מאגען האט פערלאנגט זייכס און מען האט געמוזט בייטען דעם מזומנעם גראשען אדער ווען עס פלעגען זיך אויסגיסען אנדערע קלאגען אין דייטשען גלות, פלעגט מען איהם דערמאהנען מיט רוגזא צעהן מאל אין טאג און שרייען: „ימח שמו וזכרו זאל ער ווערען, וואס עס איז אין איהם אריין די חכמה פון דער בהמה, וואס ער איז אויף איהר געריטען און האט פאר אונז געעפענט אט דעם גיהנום“, אדער „די ערד זאל איהם ארויסווארפען וואס צוליב איהם ריכטען מיר אב אזא שווערען גלות אין דער צייט, ווען אנדערע אין גראיעווא און אין שטשוטשין און אפילו אין טל־ומטר וואנסאס זענען געווארען גבירים און זיצען ביי א ווארימען אויווען און האבען א הנאה

פין א ווארימען לעפעל עסען און א הייס גלאָז טהיי און דאווענען אפילו דריי מאָל א טאָג מיט א מנין": און אז די צרות זענען דער־אנגען ביז'ן האַלז, פלעגען זיי קריצען מיט די ציינער און שעלטען אויפ'ן קול: הלואי וואָלט די בהמה וועלוועל ראַקער'ן אָראָבגעוואָרפען פון זיך און ער וואָלט דעם קאָפּ צעשמעטערט אָן דער קייט פון גרעניץ און מיר וואָלטען גישט מגולגל געוואָרען און דעם גן־עדן, אין פרייסען המדינה".

# ישראל משה'ס ווינטער

אז עס פלעגט אנלויפען דער חודש אדר אדער אלול, זענען די פעך־אידען געווען גליקליך און קיינער איז נישט געווען זיי גלייך, נאך פינף חדשים לעבען ווי א הונד אין א פרעמדער מדינה, צווישען פרעמדע מענשען, קעהרט זיך ענדליך אום דער דזשעגטשאר צו זיך אהיים, צו אייגען ווייב און קינדער, און האט איהם נאך גאט געגעבען גוט פרנסה, האט אלץ איז שטוב מיט איהם געלאכט. יעדער פעך־איד פלעגט ברענגען א היים מתנות: סחורה אויף א קלייד פאר'ן ווייב, אדער נאר א רינגעלע צי א האר־באנד, יעדער נאך זיין עלטער, לויט דעם ווייב'ס וואונש און דער עיקר לויט דער קעשענע... אבער פוןביידע חדשים, אדר אין אליל, איז אדר געווען מעהר יחסן. מען קאן נישט פערגלייכען דאס נע־ונד־זיין זומער צו ווינטער. ווער עס האט נישט געפרובט צו זיצען אויפ'ן שמירזוועגעלע אין די ווינטערדיגע טעג, ווען דער שנעע בעדעקט די גאנצע וועלט, ווייס נישט וואס עס הייסט גלות; און ווער עס האט נישט געפרוירען אין די גרויסע פרעסט אין א שטאל פון א קרעטשמע, נישט קאנענדיג ארויספאהרען מיט'ן וועגעלע און לייזען א פרוטה, ווייס נישט דעם אמת'ן טעם פון דעם ווארט: שווער איז דעם איד'ס פרנסה ווי קריעת ים־סוף.

קיין תלמידי חכמים זענען זיי נישט געווען, די פעך־אידען, אבער דערפאר זענען זיי געווען אמת'ע צדיקים. קיין שום רבי, קיין שום בעל־תשובה האט נישט אבגעריכט אזא ביטערען און שווערען גלות ווי זיי. אסרו־חג, ווען די ליפען האבען נאך געגלאנצט פון די פעטע יום־טוב'דיגע מאכלים, האבען זיי שוין געמוזט איינפאקען זייער ביסעל וועש מיט די וואכעדיגע בגדים און טלית און תפילין, זיך אוועקזעצען אויף א וואגען און אריבער אויף יענער זייט גרענעץ, פערלאזען די היים אין גראישווא און זיך שלעפען פינף לאנגע חדשים, יעדער חודש אזוי לאנג ווי דער גלות, איבער דער גרויסער דייטשער מדינה פון שטאדט צו שטעדטעל, איבער דערפער און פרייסישע הויפען, דורך פעלדער און וועלדער, בייטאג און ביינאכט, אין היץ און פראסט, שטענדיג, אהן א עק און אהן א ברעג, און צו וואס? נישט חלילה צו מאכען א פערמעגען, צו בויען מויערען, נאר כדי צו פערדינען אויף ברויט און וואסער פאר זיך און פאר ווייב און קינדער. נאר די שנארערס, וואס געהען איבער די הייזער, נאר אזוינע ביטערע אביונים ווי טרעגערס און וואסער־שעפערס, און אויך די משרתים פון די פעך־אידען, וואס האבען געהאלטען ביי א שידוך, האבען פערשפרייט קלאנגען וועגען פעסער מיט געלד, וואס די פעך־הענדלער שיטען־אן, אבער זיי אליין האבען נעבעך געוואוסט דעם ביטערען אמת און מקנא געווען יעדען קרעמערל און אפילו די גאסען־הענדלערס. ווער איהר דאך פרעגען: אויב אזוי, טא פארוואס האבען זיי זיך אויסגע־

קליבן אזא פרנסה? טא פרעגט דעם שוסטער, פארוואס ווארפט ער נישט אוועק די אל, אז ער זעהט אנדערע לעבן אנשטענדיג פון בעסערע מלאכות? און ווער צווינגט דען דעם וואסער־טרעגער צו הענגען אן די עמערס אלע זיינע יאהרען? יעדער מענש האט זיין שיקזאל, יעדען פון זיי האט עפעס אין לעבן פאסירט, אלס קינד אדער אלס יונגערמאן, וואס האט איהם אריבערגעשמיסען אויף יענער זייט גרעניץ און בעשטימט זיין שיקזאל אויף אייביג.

קיין תלמידי־חכמים זענען זיי נישט געווען. זיי האבען געלעבט צווישען גויים. און נישט צווישען סתם גויים, נאר צווישען „פרייסען", וואס אפילו אין דעם איד פון יענע מקומות שטעקט, לויט דער מיינונג פון די פעך־הענדלער, מעהר עשו ווי יעקב. אבער צווישען די פעך־הענדלער גופא זענען אויך געווען מדרגות פון גראבע יונגען: אזעלכע, וואס האבען קיין דין נישט געוואוסט, אזוינע, וואס האבען נישט געקאנט קיין יום תהלים פון אויסעניוועניג אדער אפילו פון אינעווייניג, און אזעלכע, וואס האבען נישט געקאנט אפילו דאווענען פון סידור. און ישראל־משה בארגנעס, ווי מ'האט איהם גערופען לויט דער מאמעס נאמען. האבען אפילו די פראסטעסטע צווישען די פעך־הענדלער געהאלטען פאר אנ'עם הארץ. די אלטע, אז זיי זענען געווען גוט געשטימט, פלעגען זיי אויף איהם מלמד זכות זיין: ער איז געבליבען אלס קינד אהן א טאטע און אהן א מאמע, שיער נישט אבגעשמדט געווארען; קיין קרובים האט ער נישט געהאט און די אידען אין די שטעדטלעך זענען טאקע, ווי אלע אידען, רחמנים בני רחמנים, אבער עס האט זיך נישט געפונען קיין גביר אדער אפילו א קינדערלאזער ארימאן וואס זאל איהם נעהמען צו זיך. דעם אלף־בית האט ער געלערענט ביי די ביידע משוגעים אין אלטען בית־מדרש און מיט זיי האט ער נעגעסען פון דעם, וואס זיי פלעגען צוזאמענקלויבען. אט אזוי איז ער געוואקסען און ס'איז א גרויסער נס, אז ער איז נישט ארויסגעוואקסען א גנב, א רוצח. אז ער איז אלט געווארען 14 יאהר איז אויף איהם געקומען די גאולה טאקע דורך א פעך־איד — אברהם חיים עשו (ער איז געווען א רויטער) האט איהם מיטגענו־מען קיין פרייסען און געוואלט איהם מאכען פאר א מענש. אזוי האט אברהם חיים מיט ישראל משה'ן קיין צרות נישט געהאט — ער איז געווען א גוטמוטיגער אינ־געל, אז מען האט איהם נישט אויפגערעגט — אבער אין אלץ וואס האט צו טהון מיט אידישקייט, ווי דאווענען און שבת האלטען האט ער מיט איהם גארנישט גע־קאנט מאכען. אויב אין גראיעווע, אין אזא אידישער שטאדט מיט אזוי יפעל בתי־מדרשים האט ער גארנישט געלערענט, וואס האט מען פון איהם געקאנט ערווארטען אין די דייטשע דערפער? אז ער איז געקומען אויף ימים־טובים קיין גראיעווא, פערפוצט מיט א גרין רעקעל און א האריגען היטעל, האבען אלע אויסגעשטעלט א פאר אויגען; איז דאס בארגנעס זוהן געווארען אזא לייט? ער איז אבער גע־בליבען דער זעלבער עם־הארץ, וואס האט אפילו נישט געקאנט אויסצעהלען די חדשים, און עס האט איהם גארנישט געאהרט וואס ער ווייסט נישט וואס א איד דארף וויסען; אבער געקרענקט האט איהם, וואס מען האלט איהם פאר אנ'עם־הארץ. ער האט אפילו א סך מאל געפרובט איינחזר'ן די חדשים, נאר פון אלע זענען איהר געבליבען אין זכרון בלויז אלול און ניסן, די חדשים, ווען מען פאהרט צוריק אהיים, אט די צוויי חדשים, וואס יעדער פעך־הענדלער פלעגט בענקען נאך

זיי. בעזונדערס איז ישראל משה אויסגעגאנגען נאך די דאזיגע חדשים, נאכדעם ווי ער האט חתונה געהאט און בפרט אז ס'איז ביי איהם געבוירען געווארען א מייד־דעלע — ער האט אפילו געוואלט א אינגעל, דוקא א אינגעל, פונדעסטוועגען אז עס איז געווארען א מיידעל, האט ער עס ליב געהאט ווי די גאנצע וועלט און אין שווערען ווינטער, ווען ער פלעגט בלייבען שטעקען ביינאכט מיט'ן וועגעלע אין שנעע אויפ'ן פרייען פעלד, פלעגט ער קלערען וועגען זיין קינד און א דאנק דעם פלעגט ער דורכמאכען אזעלכע נעכט בשלום. דער געדאנק וועגען די חדשים ניסן און אלול האבען איהם אויפגעמונטערט אין די שווערסטע שעה'ן — און אזעלכע האבען נישט געפעהלט דעם אידישען נע־ונד'ניק אין „פרייסען" — און איהם גע־געבען כוח אויסצוהאלטען זיינע צרות. קוים האט אנגעהויבען דער שנעע צו צע־געהן און די זון האט זיך בעוויזען מיט ליכטיגע ווארעמע שטראהלען, פלעגט ער לויפען זוכען אין דער אומגעגענד א פעך־הענדלער, כדי זיך צו דערוויסען פון איהם, וויפיל וואכען ער דארף נאך זיין אין „גלות". פלעגט ער זיך דערוויסען, אז עס איז נאך ווינטער און מען איז נאך אפילו שבט נישט אריבער, איז איהם געווארען קאלאמוטנע אויפ'ן הארץ, איז ער אבער געוואויר געווארען, אז עס איז שוין ניסן, דער מלאך הגואל ניסן, איז איהם דאס הארץ אויפגעקוואלען און טרעה־רען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. די ליצנים האבען געזאגט, אז ער חלש'ט נאך זיין שיינע ברויינע, אבער אין אמת'ן איז עס נישט געווען אזוי: שיינע ברויינע איז טאקע אויך נישט קיין אבגעשלאגענע הושענא, נאר דער עיקר האט זיך איהם געבענקט נאכ'ן קליינווארג.

האט יזך מיט דרייסיג פערציג יאהר צוריק געמאכט א ווינטער, וואס עד היום דערמאנען איהם די פעך־אידען צום גוטען, און הייסען הייסט ער „ישראל משה באַ אנעם ווינטער". עס איז געווען זעהר א מילדער ווינטער און דעריבער א ווינטער פון פרנסה; דער כביכול האט זיך ווי דערמאהנט אן זיי די פעך־אידען און געוואלט זיי בעלויהנען, וואס זיי זענען געבליבען אידען אין דער גוישער מדינה. אינדערפריה זענען די שויבען געווען פערצויגען מיט א פרעסטעל, אבער באלד האט עס אויפגעטאיעט; און טאמער איז שוין יא געפאלען א שנעע פון דער נאכט, האט אינדערפריה די ליבע זון געשיקט איהרע שטראהלען, וועלכע זענען ארומגעשפרונגען איבער'ן שנעע און איהם דורכגעלעכערט ווי א זיפ. איבער'ן טאג איז דער שנעע צעגאנגען און מען איז ווידער געפאהרען מיט וועגענער אנשטאט מיט שליטענס, און אז מען פאהרט אויף הערער דארף מען דאך זיי שמירען. אזא גוטען ווינטער האט אפילו וועלוועל באק אין זיינע צייטען נישט געהאט; דער מינ־דעסטער דושעגטשאר האט דאן געמאכט די מטבע און אנגעלעגט דעם בויך־גאר־טעל מיט זילבערנע טאלערס אויף צעשפארט צו ווערען. יענער חנוכה איז געווען ביי די פעך־הענדלער אזוי ווי פורים: זיי האבען אנגעצונדען די ליכטלעך ווי שטענדיג אין דער דאך־קאמער פונ'ם שטאל, אבער פון די שפארעס האט דאס מינ־דעסטע ווינטעלע נישט געבלאזען און קיין איינציג ליכטעלע האט זיך נישט פער־לאשען. און אז עס איז געקומען שבט, אט דער חודש, אויף וועלכען זיי זאגען „שבט איז נישט גלאט", האט אנגעהויבען בלאזען א לייכט ווינטעלע, אט דאס לעבליכע פריהלינג־ווינטעל, וואס כאפט זיך אריין אפילו אין דער נשמה פון אנ'ארימען פעך־הענדלער און ער הויבט אן צו בענקען אהיים. אבער דאס איז נישט די נריי־

זשענדיגע בענקעניש פון אנפאנג ווינטער, ווי פון די לעצטע אדר טעג ווען דער
וואנדרער איבער דייטשלאנד האפט אינגיכען צו זיין אינדערהיים און אויסליגען
די ביינער אויף א ריכטיג בעט.

א הערליכער ווינטער־טאג איז עס געווען, ווען ישראל משה  האט זיך ארומ־
געדרעהט אין די גאסען פון צערבסט אין דער מדינה אנהאלט מיט זיין בעלארען
וועגעלע. ער האט גראד געענדיגט זיין ארבייט, מיטאג־צייט, און האבענדיג א גר־
טע שטימונג האט ער בעשלאסען זיך אריינצוכאפען קיין דעסוי, דער הויפט־
שטאדט פון אנהאלט, כדי זיך צו זעהען מיט ר׳ אברהם חיים׳ען, זיין אמאליגען
בעל־הבית, אדער מיט אנ׳אנדערען פעך־הענדלער, און זיך דערוויסען, וויפיל טעג
אדער וואכען ער מוז נאך בלייבען אין „פרייסען". דרך אגב וועט ער קויפען אביסעל
שמירעכץ אין דער דעסויער שמיר־פאבריק און וועט זיך אריינכאפען אין א פאר
נאהנטע דערפער צו ר׳ אברהם חיים׳ס קונדען. געזאגט און געטהון. אנקומענדיג
קיין דעסוי, האט ער זיך געלאזען געהן גלייך צום „ווייסען בער", דער אכסניה
פון די פעך־הענדלערס. נישט געפינענדיג קיינעם, איז איהם אריין א געדאנק:
אפשר זענען זיי שוין אוועק אהיים אויף יום טוב. ווער ווייס?

אין דרויסען איז פריהלינג און ער אליין געדענקט נאך א ת, ווען אלץ איז
געווען בעדעקט מיט שנעע. ער איז רויט געווארען און דאס הארץ האט ביי איהם
געקלאפט ווי ביי א גנב. אוי וועה, ס׳ארא חרפה, אז אלע וועלען קימען אהיים אויף
פסח און ער נישט! מען וועט גלייך פערשטעהן, אז ער האט נישט געוואוסט, ווען
פסח פאלט אוים. דער ערשטער געדאנק איז געווען, צו געהן צום ראבינער אין
פרעגען, וואסער חודש ס׳איז. „די ראבינער ווייסען גארנישט", האט ער זיך גע־
זאגט, אבער אין דער אמת׳ן האט ער זיך געשעמט צו ווענדען צום ראבינער מיט
אזא שאלה. ער האט זיך געשעמט אפילו צו פרעגען דעם קרעטשמער, וואו די פעך־
הענדלער זענען. ער האט בעשלאסען צו בלייבען אין דעסוי ביז ער וועט אויס־
געפינען, וואו מען האלט אין אידישען לוח. אין אוונד האט ער א פרעג געטהון
דעם קרעטשמער, וואו די פעך־הענדלער זענען און יענער האט איהם געענטפערט:
„זיי מאכען געשעפט". לסוף האט ער פון איהם ארויסגעקריגען, אז ר׳ אברהם
חיים בערייזט די דערפער אין דער אומגעגענד, עס אי זאיהם געווארען לייכטער
אויפ׳ן הארץ. טראצדעם האט ער בעשלאסען צוווארטען אויף ר׳ אברהם חיים׳ען
און פון איהם זיך דערוויסען גענוי, ווי ווייט עס איז נאך צו יום־טוב. אבער
ביינאכט אויפ׳ן געלעגער איז איהם עפעם איינגעפאלען א חשד, אז דער גוי האט
איהם אבגענארט אדער פון שכרות האט ער גארנישט פערשטאנען, וואס ער פרעגט
איהם. ער איז אויף זיך אליין אין כעס געווען, פארוואס ער פערשטעהט נישט די
שווארצע פינטעלעך אין לוח און האט צו זיך אליין געזאגט, אז קומענדיג דאס־
מאל אויף פסח אהיים, וועט ער זיך נעהמען א רבי׳ן און אויסלערנען זיך די חדר־
שים.

אויף צומארגענס אינדערפריה איז ער אוועק אין פאבריק, גענומען א פעסעל
מאשינען־אייל און זיך ארויסגעלאזען אין די נאהנטע דערפער. געוועהנליך איז ער
נישט געווען פון די, וואס האבען ליב אויסצוכאפען יענעמס פרנסה, און וועה איז
דעם געווען וואס האט אריינגעקוקט אין א דארף אדער א גוט, וואס האט „געהערט"

צו איהם, אָבער זייענדיג שוין אין דעסוי, האָט ער נישט געקאָנט גובר זיין דעם יצר־הרע. ער האָט אָנגעזאָגט דעם קרעטשמער, אַז ווען ר׳ אברהם־חיים וועט קומען זאָל ער איהם זאָגען, דאָס ער קומט אין אָוועגד צו איהם — און איז אַרויסגעפאָה־רען. מעשה־שטן האָט ער בעגעגענט אברהם־חיים׳ען שוין אויפ׳ן וועג צום ער־שטען דאָרף. דער אַלטער האָט נישט געדאַרפט פרעגען, וואָס זיין אַמאָליגער יונג טהוט דאָ: אין איהם האָט זיך אָנגעצונדען א פייער, אָבער ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזען. ישראל משה איז לכתחילה געוואָרען צעמישט, אָבער אַזוי ווי ער האָט בעמערקט ר׳ אברהם חיימ׳ען נאָך פונדערווייטענס, האָט ער בעוויזען אינ־צווישען זיך אַביסעל צו בערוהיגען. ערוואַרט האָט ער, אַז דער אַלטער וועט איהם מקבל־פּנים זיין מיט קללות, און אַז ער האָט איהם נאָר געפרעגט רוהיג, וואָס ער טהוט דאָ, איז ישראל־משה גאָר אַנ׳אַנדערער געוואָרען. ער האָט געענטפערט, אַז דער קרעטשמער האָט איהם געזאָגט וואו ער, ר׳ אברהם חיים, געפינט זיך, איז ער אַרויסגעפאָהרען איהם אויפזוכען, כדי ביי איהם זיך צו דערפרעגען, ווען מען דאַרף פאָהרען אהיים. דער אַלטער האָט געשמייכעלט און געזאָגט: „דו פאָהרסט מיך זוכען און דו לעגסט אָן אויף דיין אָרימער שקאַפּע א פעסעל שמירעכץ — דו ביזט געבליבען א פערד ווי געוועזען". דעם וואונק האָט ישראל משה גוט פערשטאַ־נען, אָבער ער האָט געמאַכט א נאַיווע מינע און געזאָגט: „איהר זענט גערעכט, ר׳ אברהם־חיים, איז איינער געבוירען א פערד, בלייבט ער אַזוי ביז אין טויט אַריין". פלוצלונג האָט אויפגעשיינט ר׳ אברהם־חיימ׳ס פּנים און ער האָט זיך אָבגערופען: „און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט שוין אינדערהיים". עס איז דאָך אינגאַנצען א וואָך צו יום־טוב, נאָר איך האָב מיך דאָ אויפגעהאַלטען ביז צו דער לעצטער מינוט, ווייל איך האָב גאָט צו דאַנקען אַזויפיל בעשטעלונגען". ישראל משה האָט זיך געפרעהט, וואָס ער האָט נאָך נישט אינגאַנצען פערשפּעטיגט און געזאָגט: „וועלען מיר פאָהרען צוריק צוזאַמען". „זאָל זיין אַזוי, האָט דער אַלטער געענטפערט, אַמאָל ביזטו מיט מיר געפאָהרען אַלס יונג און דו האָסט מיר געהאָל־פען אומטערוועגס אַראָבציהען די שטיוועל און איצט וועסטו פאָהרען מיט מיר ווי א בעל־הבית׳ל מיט לייטען גלייך". די ווערטער האָבען געשמעקט מיט איראָ־ניע, אָבער ישראל משה האָט עס נישט פערשטאַנען. מיטאָג־צייט זענען זיי אָנגע־קומען קיין דעסוי און ישראל משה איז שנעל אַוועקגעפאָהרען קיין צערבסט, כדי איינצואָרדנען זיין פערדעל איבער יום־טוב און אויף מאָרגען מיטאָג זיין צוריק ביי ר׳ אברהם־חיימ׳ען אין דעסוי. ווייל ער האָט זיך געמוזט איילען, האָט ער געכאַפּט און פערקויפט זיין גאַנצען זאַפּאַס שמירעכץ אונטער׳ן קרן, אָבער אַז ער האָט נאָר א טראַכט געטהון, ווי גרויס די חרפּה וואָלט געוועזען, ווען ער וואָלט נישט געוואוסט ווען צו פאָהרען אהיים, האָט איהם דער היזק גאָרנישט געאַהרט און געטראַכט האָט ער אין הארצען ביי זיך, אַז דאָס איז א שטראָף פון גאָט, ווייל ער האָט געוואָלט זיך אַריינכאַפּען ביי ר׳ אברהם חיימ׳ען אין א דאָרף און איהם אויסכאַפּען זיין פרנסה.

אויף מאָרגען האָט ישראל משה אין דער ריכטיגער שעה זיך אַריינגעשטעלט ביי ר׳ אברהם חיימ׳ען אין דעסוי און ביידע זענען אָבגעפאָהרען מיט דער באַהן קיין בערלין, זיי זענען דאָרט געבליבען נעכטיגען, ווייל דער אַלטער האָט געזאָגט,

א זער דארף מאָרגען עפּעס נויטיגעס ערלעדיגען ,און כאָטש ישראל משה'ן איז געווען א שאָד די איבעריגע הוצאה, האָט ער דאָך געשוויגען. עס איז נישט כדאי ארומצושרייבען די נאַכט אין בערלין. גענוג צו זאָגען, אַז אינדערפריה האָבען זיך ביידע געוואונדערט, אַז אין ווילהעלם'ס רעזידענץ זענען די האָטעלען פול מיט וואַנצען און פליי. און ישראל משה האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל זיין אויפ'ן אָרט פונ'ם קייסער, וואָלט ער פון דאַנען אַנטלאָפען אין די ווייסטע וועלדער, וואו דער סאַמע טייוועל הויזט...

אברהם חיים האָט ערלעדיגט וואָס ער האָט געדאַרפט מיט דער אייל־פאַבריק אין בערלין און איז געווען צופרידען. ישראל משה'ן האָט ער דערפון נישט דער־צעהלט. דער פעך־הענדלער ווייס: איבער מסחר איז שווייגען דאָס בעסטע. — אין אָווענד זענען זיי ביידע אַוועק צו דער באַהן, און ישראל משה האָט געגעבען געלד ר' אברהם חיים'ען, ער זאָל אויך פאַר איהם קויפען א באַהן־בילעט. דער אַלטער איז געשטאַנען א קורצע ווייל אין דער רייה, און וואָס נעהנטער ער האָט זיך גערוקט צום פענסטערל, אַלץ נעהנטער האָט זיך צו איהם צוגערוקט ביי דער זייט ישראל משה און גערעדט אויפ'ן קול: געשאָלטען עפּעס א פעך־הענדלער, גע־חרמ'ט ד ע ם פויער און י ע נ ע ם גוטבעזיצער, וועלכע אברהם חיים האָט גאָר־נישט געקענט. ישראל משה האָט געשאָלטען מיט א התמדה, נישט רעכענענדיג זיך מיט די מענשען, וואָס שטעהען אין דער רייה, וועלכע האָבען אָנגעקוקט זיי ביידע ווי די פּרואים. עס איז אָנגעקומען אברהם חיימ'ס רייה. „איין בילעט קיין דעסוי", — זאָגט ער זיך רוהיג, ישראל משה טהוט איהם א כאַפּ פאַר דער האַנד און שרייט אריין אין פענסטערל: „ער האָט א טעות, ער מיינט 2 קאַרטען קיין פּראַסטקען, אָסטפּרייסען", און שמייכעלט ברייט, ווי ער וואָלט א הנאה געהאַט, וואָס דער אַלטער קאָן זיך אויך אמאָל טועה זיין. דער בילעטען־פערקויפער שטוינט א ווייל. „איך האָב נישט קיין טעות, איין בילעט קיין דעסוי". ישראל משה מיינט, אַז דער אַלטער איז פון זינען אראָב, שרייט ער אריין נאָך שטאַרקער: „דער אַלטער ווייס נישט וואָס ער רעדט, 2 קאַרטען קיין פּראַסטקען". די שורה ווערט לענגער און דער עולם אונגעדולדיגער. „זיי זענען ביידע משוגע", האָט איינער פון דער שורה אויסגעשריען. שטוינט ווידער דער בילעטען - פערקויפער, אָבער באַלד פאַלט איהם איין, אַז עס איז נישט זיין זאַך צו ענטשיידען ווער פון די ביידע איז גערעכט, און אַז ער דאַרף געבען דאָס, וואָס עס פערלאַנגט פון איהם, דער, וואָס שטעהט אין דער רייה. אברהם חיים איז באַלד אַרויס פון דער רייה מיט דעם בילעט קיין דעסוי אין דער האַנד. ער איז אָבגעגאַנגען אין א זייט און ישראל משה מיט'ן פּעקעל אונטער'ן אָרעם נאָך איהם. דער אַלטער האָט ישראל משה'ן אריינגעשטעקט אין האַנד די מטבעות, וואָס ער האָט איהם געגעבען אויף א בילעט קיין פּראַסטקען. ישראל משה איז ערשטוינט געוואָרען און אונזיכער אַרויסגעשטאַמעלט: „ר' אברהם חיים, זענט איהר ביים זינען?" אברהם חיים האָט איהם גאַנץ קלאָר אָנגעקוקט און געענטפערט: „אויב איינער פון אונז ביידע איז משוגע, ביזט דו עס, נאַר דו; ווער לאָזט זיך עס פאָהרען אין מיטען שבת אהיים? אַזוי שטאַרק הלש'סטו נאָך דיין שיינע ברײנען?" ישראל משה'ן איז באַלד אַלץ קלאָר געוואָרען: דער אַלטער האָט איהם דאָ אָבגעטהון אויף טערקיש. ער איז רויט

געוואָרען ווי אַ בוראָק און ווען ער וואָלט געקאָנט וואָלט ער דעם אַלטען צעריסען, ער האָט געקריצט מיט די ציינער אָבער די הענד געהאַלטען ביי זיך — אברהם חיים איז דאָך געווען זיין בעל הבית, און דערצו איז ער נאָך אין „גלות“... „נאָכ־אַמאָל זאָלסטו דיך נישט דערוועגען צוצונעהמען דאָס שטיקעל ברויט ביי דיין בעל־הבית, וואָס ער האָט דיך אַרויסגענומען פון מיסט און געמאַכט פאַר אַ מענש!“ — האָט ר' אברהם חיים געדראָהט מיט'ן פינגער אַנטקעגען ישראל משה'ן און דאַן געזאָגט רוהיג: „איצט געה און קויף אַ בילעט, און איך נעהם דיך מיט צוריק קיין דעסוי“. מלא חרפה איז ישראל משה צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און זיך געשטעלט אין דער רייה. ער איז געשטאַנען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, נישט קוקענדיג אויף ר' אברהם חיים'ען, דער אַלטער ווידער איז געשטאַנען אין ווינקעל נעבען ביידענס פעקלעך און האָט כסדר געקוקט אויף ישראל משה'ן.

די מעשה האָט זיך ווי אויף פליגלען צעטראָגען איבער גאַנץ „פּרייסען“, וואו נאָר אַ פּעך־הענדלער האָט געשטעקט, און איז אפילו ביז גראַיעווא דערגאַנגען.— מענשען זאָגען, אַז נאָך אין דערזעלבער וואָך, — כאָטש ר' אברהם חיים האָט וועגען דעם אהיים נישט געשריבען. אַלע האָבען דאַן דעם דאָזיגען ווינטער אַ נאָמען געגעבען: „ישראל משה באַדאַנעס ווינטער“. און אַזוי הייסט ער עד היום.

# אסרו חג

א וואָך צוויי פאר ימים טובים פלעגן זיך אָנהויבן בעווייזן אין גראַיעוואָ די ערשטע דזשענטאַרז, וואָס זענען געקומען צוריק פון דייטשלאַנד. די פערמעגליכערע פלעגן קומען עטוואָס פריהער, די אָרימערע אַביסעל שפּעטער, אָבער די לעצטע עטליכע טעג פאר יום־טוב זענען שוין אַלע בעלי־בתים און יונגען געווען אין גראַיעוואָ; און כאָטש זיי זענען געווען סך־הכל אייניגע צעהנדליג, איז דאָס שטעדטעל געווען פול מיט זיי. די יונגען זענען געווען אָנגעטהון אין גרינע אָנציגער, אַזוינע ווי ס׳פלעגן טראָגען די גויים פון דער גראַיעווער סביבה, וואָס האָבען געאַרבייט ביי די דייטשען און די מאַזורען, און די בעלי־בתים פלעגן טראָגען גרינע האָריגע היטלען מיט פליגלען, מיט וואָס זיי פלעגן בעטאָנען, אַז זיי זענען „דייטשען". זיי פלעגן זיך אַרומדרעהען אויפן מארק, זיך אַריינכאַפּען אין די בתי־מדרשים און קוקען פון אויבען־אַראָב אויף די קליינשטעדטעלדיגע, וואָס היטען דעם אויווען פון בית־המדרש און נישט אָנגעזעהען די גרויסע וועלט — בערלין, ליפּציג אָדער דעסוי. אַרומוואָגלענדיג אין דייטשלאַנד, האָבען זיי גענוג בעדויערט זייער אייגענעם שיקזאַל: וואָס האָבען זיי, מ׳שטיינס געזאָגט געזעהען אין בערלין אָדער דעסוי? וואָס האָבען זיי אַ הנאה געהאַט פון דער רייכער מדינה „פּרייסען"? מ׳פלעגט זיך שלעפּען אין די דערפער, קלויבען אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, אַ ווארעם לעפעל עסען פלעגען זיי זיך פערגינען נאָר משבת לשבת (און דאָס נישט אַלע), געשלאָפען איז מען אויפן וואָגען אָדער אין אַ שטאַל, די „פּרייסען" פלעגען אויף זיי קוקען ווי אויף ציגיינער — וואָס האָבען זיי נעבעך געוואוסט פון דייטשלאַנד? אָבער קוים האָבען זיי דערשמעקט די גראַיעווער לופט, זענען די אַלע געפיהלען פערשוואונדען און זיי פלעגען כסדר זיך ריהמען פאר די קליינשטעדטעלדיגע מיט דעם, וואָס זיי האָבען געזעהען „אין דער גרויסער וועלט". בין מנחה־למעריב פלעגען קופּקעס בעלי־מלאכות, און אפילו קרעמערס זיך אַרומשטעלען ארום אזא פעך־איד, וואָס פלעגט זיצען ברייט אויף אַ שטיין פאר דער שטוב און רוהיג און בכבוד׳יג דערצעהלען וועגען דעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ און דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, וועגען דעם קיסר גופא וואָס געהט אַלע פריהמאָרגען שפּאַצירען איבער די בערלינער גאַסען, וועגען דער בעלייכטונג פון בערלין אָדער ליפּציג אין אָוונגד, וואָס איז זיבען מאָל שטאַרקער, ווי צום ביישפּיל, אין גראַיעוואָ בייטאָג... אַ צווייטער פלעגט זיצען אין אַן׳אַנדער ווינקעל און דערציילען וועגען דער וואונדערשענער דרעזדען וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזעהען) און וועגען דעם וויגעלע פון יעקאַטערינא דער גרויסער, וואָס שטעהט אין פּאַלאַץ פון צערבסט־אַנאַהלט. אין אמת׳ן איז כאָטש ער האָט דאָס גאַנצע לעבען פערבראַכט אין צערבסט און אין דער סביבה, האָט ער קיינמאָל נישט געוואָגט אַריינצוגעהן אין פּאַלאַץ, וואָס איז געווען זונטאָג אָפען פאר אַלע, אָבער געזעהען האָט ער דעם פּאַלאַץ פון אויסענווענינ, ביים עק פון גאָרטען, הונדערטער מאָל, און אַ וויגעלע איז דאָך נאָר אַ וויגעלע — איז עס נישט אַלץ איינס, ווי ער וואָלט עס געזעהען מיט די אייגענע אויגען? אין גראַיעווער נייגעריגע אידען שטעהען מיט אָפענע מיילער און פרעגען אין דער פאַרנאַכטיגער טונקעלקייט אַריין, פרעגען אָהן אַ שיעור: צי איז דאָס וויגעלע אַ גאָלדענס, צי שטעהט עס פּשוט אויף דער פּאָדלאָגע? און דער דזשענטשאר ענטפערט, וואָס עס פאַלט איהם איין. ער איז, חלילה, נישט משקר. ער זעהט פאר זיינע אויגען דעם גרויסען פּאַלאַץ און דאָס אַנדערע קומט שוין אַרויס אַליין פון האַרצען, גלייך ווי ער וואָלט עס מיט די אייגענע חושים איבערגעלעבט... און אין די אָווענדען צוזעצט

מען זיך אויף דער שוועל אָדער אויף די שטיינער פאַר דער שטוב, ביי אָפענע טהירען, און די פּעך-אידען דערצעהלען וועגען דעם וואונדערבאַרען לאַנד, וואָס איז ממש „ארץ ישראל", און ס'הערען זיך צו אַלט און יונג, די אַלטע הערען פון נייגעריגקייט, געגעצען און האָבען אַ הנאה, און די יונגע — אַ מאָדנער בענקעניש נעהמט זיי אַרום און ס'ציהט זיי ווי מיט שטריק אַהין, אַהין, און פיעל פון זיי ליגען דערנאָך שלאָפלאָז ביינאַכט, קלערען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען אין אָוועגד געהערט און מקנא זענען זיי דעם דזשעגטשאר וואָס שלעפּט זיך טאַקי אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט, אָבער ער זעהט די גרויסע וועלט.. אַלע ווייסען, אַז דאָס רוב פּעך-אידען זענען עמי-ארצים; אַ קרעמער אָדער אַ סוחר וועט זיך מיט זיי נישט משדך זיין, אָבער יום-טוב-צייט, ווען זיי דערצעהלען די נסים ונפלאות איבער דער שענער וועלט, פערגעסט מען זייער יחוס און מלאכה און פון קנאה האָט מען פאַר זיי אָבשיי. דאָס איז נעביך דער איינציגער שכר, וואָס דער דזשעגטשאר האָט אויף דער וועלט. ווארום אפילו יום-טוב איז אייגענטליך פאַר איהם קיין שמחה נישט, און אויב ער האָט אַ שטיקעל געפיהל — און אַזוינע זענען שטענדיג געווען אַ סך צווישען די דזשעגטשארעס — איז פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס ער טרעט אריבער די שוועל פון זיין שטוב, זעהט ער שוין פאַר זיך דעם אסרו חג, אָט דעם טאָג, וואָס איינער פון זיי, וואָס פערשטעהט פירוש-המלות, האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „אסרו עגלה" — שפּאַנט איין דאָס וועגעלע...

אַזאַ מענש איז געווען אויך ר' אברהם חיים עשו. ער פלעגט זאָגען, אַז זינט ער איז געקומען צום שכל האָט ער נאָך נישט געפיהלט דעם טעם פון אַ ריכטיגען יום-טוב. אַ מאָהנער איד איז ער געווען; אַרומוואַנדערענדיג איבער די דייטשע דערפער, פלעגט ער חלש'ן נאָך דער ליעבער גראַיעווע און זי איז פאַר איהם געווען דער איינציגער ליכט-שטראַהל אויף זיינע וואַנדערונגען אין דער פרעמד; אָבער קוים האָט ער גענומען דעם וועג צוריק און איז געפאָהרען פון דעסוי קיין בערלין און פון בערלין קיין קעניגסבערג, וואָס נעהנטער ער איז געקומען צו דער היים, האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַנ'אומעט, און אַז ער איז אַריבער די גרעניץ-קייט און זיך אַריינגעזעצט אינם וואָגען צו פאָהרען קיין גראַיעווע, פלעגט איהם ווערען ביטער אויפ'ן האַרצען ביז טרעהרען. וועט ער זוכה זיין אַמאָל צו פאָהרען אַזוי אויפן וואָגען דורכ'ן וואַלד און די „פּיאַסקעס" מיט'ן געפיהל אַז ער וועט נישט דאַרפען פאָהרען מעהר צוריק? ווען ער זאָל זיין אַ נביא און ווייסען, וויפיעל ס'איז איהם נאָך בעשערט צו לעבען, ווען ער זאָל ווייסען, אַז ער וועטביידע טעכטער התונה מאַכען אָהן נדן און זיין קליין פערמעגען וועט איהם קלעקען בצמצום אויף חיונה, וואָלט ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל געבליבען אין דערהיים. אָבער ר' אברהם חיים איז געווען אַ איד אַ פּיקח און דעריבער האָט ער פערשטאַנען, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ חכם, וואָס זאָל ווייסען וואָס מאָרגען וועט זיין — אפשר אַ שרפה אָדער אַ קראַנקהייט אָדער גאָר אַ מלחמה? — און דעריבער דאַרף מען — ווי פאַניע זאָגט: „שמידען דאָס אייזען ווי לאַנג עס גליהט" און אַזוי לאַנג ווי מען קען נאָך מאַכען אַ טאַלער מאַכ אַ איד וואָס וויים דעם זין פון „קשה פרנסתם של ישראל בקריעת ים סוף" נישט זיצען אָהן אַ שטאָך אַרבייט. ר' אברהם חיים האָט זיך אַליין גוט געקענט און ער האָט געוואוסט, אַז אַזוי לאַנג ווי זיינע פיס וועלען איהם טראָגען, וועט ער אסרו חג זיך אומקעהרען מיט'ן זעלבען וועג און וועט שטענדיג בלייבען אַנ'עבד ביי דעם שמירעביץ און ביים טאַלער — דעריבער טאַקי איז ער שטענדיג געווען אַזוי טרויעריג, קומענדיג אַהיים אויף יום-טוב

גאַנץ אַנדערש אָבער איז געווען זיין פלונית'טע. ביז סאַמע שמחת-תורה (און אין ווינטערדיגען בין-הזמנים ביז אחרון של פסח) איז זי אַרומגעלאָפען און געפאַרעט, זיך געטומעלט אין די קראָמען און יאַטקעס און נישט געהאַט דעם אסרו

חג אין דער לינקער פּיאה. אַ גאַנץ יאָהר פלעגט זי זיצען אין שטוב און אַכטונג געבען אויף די מיידלעך, געלעבט האָט זי קאַרג און געציטערט איבער יעדען גראָשען, וואָס זי נעהמט אַרויס פון קניפּעל. נאָר קוים איז דער מאַן געקומען, איז אין איהר אַ נייע נשמה אַריין זי האָט געעפענט דאָס קניפּעל, וואָס זי האָט אָבגעשפּאָרט אין די פינף חדשים און געשמיסען מיט געלד אין דער יאַטקע און אויפן פּישמאַרק. אָט די אידענע, וואָס איז געווען אַזוי רוהיג אַ גאַנץ יאָהר, איז בין־הזמנים געוואָרען ווי אַ גלאָק און ווערה איז געווען צו דער שכנ׳טע, וואָס האָט זיך דערוועגט אפילו מיט אַ בליק אָנצוריהרען איהר כבוד.

אַ גאַנץ יאָהר פלעגט זי קויפען אַ קעלבערנעם לונג־און־לעבער אָדער אַ פיס מיט גריישלעך און זי מיטביידע טעכטער פלעגען דערמיט אָבקומען איבער דער וואָך — אַמאָל געדעמפּטע לונג און אַמאָל אין זויערען, אַמאָל פיס מיט קאַרטאָפעל און אַמאָל פערגליווערטע אויף קאַלט און ווידעראַמאָל דאָסזעלבע — אָבער אַז דער מאַן פלעגט קומען אַהיים, פלעגט זי אַריינקומען אין יאַטקע שטאָלץ (ווי אַ פּאָליציאַנט, וואָס קומט בודק זיין די ריינקייט און דערביי קויפען פלייש), זיך אַדורכשטופּען צווישען די אָנגעזעהענע, רוהיגע בעל־הבית׳טעס און ווייזען מיט די הענד און מיט אַ טאָן פון אַ גביר׳טע, פלעגט זי אָוועקלעגען אָט אַזאַ מענה־לשון: „לונג האָב איך נישט ליב, אפשר האָט איהר גאַנץ יונגע, פרישע לעבער? גיט אַ פונט; נו, שנײַדט נישט אָב, זאָל זיין נאָך אַ פערטעל; און איצט קומט דער עיקר — יונג קעלבערענס האָט איהר? נײַן, טאָ גיעט מיר פון דאַנען, אַ ריפּעל, פון אַ ריפּעל איז די זופּ אַ מחיה“. דער קצב האָט בשעת־מעשה געלאַכט אין זיך, נאָר אַ איד דאַרף דאָך האָבען פרנסה, האָט ער איהר נאָך צוגעחנפעט: אפשר, בעל־הבית׳טעשי, אַ פוס?“ אפשר האָט ער געמיינט דערמיט איהר אַ שטאָך צו טהון, אָבער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי ערנסט, אויפהויבענדיג דעם בהמה׳שען פוס ביז איהר אין נאָז אַריין, אַז זי האָט עס נישט שלעכט אויסגעטייטשט: „זאָל זיין אַ פוס — האָט זי געענטפערט — דאָס איז אפילו איבעריג, אָבער אַמאָל כאַפּט זיך אַריין צום עסען אַ קרוב, אָדער מיין מאַן ברענגט אימיצען מיט פון גאַס, וועל איך מאַכען עפּעס“, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דעם גאַנצען פזמון האָט זי אויסגעשיט אויף צו־להכעיס די בעל־הבית׳טע, וואָס אַ גאַנץ יאָהר פלעגט זי שטעהן הינטער זיי, נעבען די הינד, וואָס האָבען געוואַרט אויף אַ ביין. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען די זעלבע סדרה ביי די פיש: דו ועסט אַזוי גוט זיין און מיר ווייזען דאָס פישעל, וואָס דו האָסט אָבגעלייגט פאַר אַנשיל דעם גביר — מיין מאַגען, און בעזונדערס מיין מאַנס, איז נישט קיין קנאַפּערער יחסן ווי זיינער“. אַלע ווייבער אויף צו־להכעיס פלעגט זי זיך שלעפּען צוריק לאַנגזאַם, אָנגעלעגט דער פאַרטוך פון כל־טוב, זיך ברעכענדיג אין דרייען, און כדי זיך צו רייצען מיט די שכנ׳טעס, וואָס אַ גאַנץ יאָהר זענען זיי געווען מעהר יחסנטעס פון איהר, האָט זי שוין פונדערווייטענס געשריגען צו די טעכטער איהרע, אַז זיי זאָלען אַרויסגעהן צונעהמען פון איהר די פיש, ווייל ס׳איז אַ שווערע משא, און קוים איז זי אַריינגעפאַלען אין שטוב, האָט זי צונויפגערופען אַלע שכנטעס און געוויזען די לעבעדיגע גרויסע פיש, וואָס מען קריגט היינט אין גאַס — „און גאָרנישט טייער“, האָט זי עטליכע מאָל צוגעגעבען.

אַז די מאַמע האָט זיך געקאָכט ווי אַ באַנקע זענען די ביידע מיידלעך געווען שטיל ווי פערפרוירענע וואַסער, גלייך ווי זיי וואָלטען פערלוירען דאָס לשון. אַ גאַנץ יאָהר האָט די מאַמע געשאָלטען און געחרמ׳ט און געסטראַשעט צעהן מאָל אַ טאָג, אַז זי וועט אַלץ דערצעהלען דעם טאַטען, און אַז אָט איז געקומען דער טאַטע, מיט וועלכען די מאַמע האָט זיי שטענדיג געדראָהט, האָבען זיי זיך געפיהלט, ווי עפּעס אַ פּאָליציאַנט וואָלט זיך אַרומגעדרעהט אין שטוב. זיי האָבען טאַקע גע־

וואוסט, אַז דער טאַטע פרעגט ביי יעדען קומען, ווי זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט און די מאַמע ענטפערט שטענדיג, אַז זי האָט זיך נישט וואָס צו בעקלאָגען, אָבער אַז דער טאַטע פלעגט אַראָבקומען, פלעגט אויף זיי פאַלען אַ טויט־שרעק. אַז ער זאָל וועלען קאָן ער דאָך אויף זיי אַראָבלאָזען דעם פּאַסעק — און דער דאָזיגער געדאַנק אַליין האָט זיי געצוואונגען צו פאָלגען דער מאַמען אַלץ, כאָטש איהרע בעפעהלען זענען געווען אונערטרעגליך. צעהן מאָל אַ טאָג פלעגט זי זיי שיקען אין קראָם אָדער צום בעקער, געגעבען צו פוצען איהרע און דעם טאַטענס שיך, צו פערלאַטען דעם טאַטענס העמדער און אַלטע הויזען, וואָס ס'האָט פון זיין גע־שטונקען דזשעגעטש, אַזש דערשטיקט צו ווערען. בקיצור, זי האָט נישט געקאָנט זעהען, אַז זיי זאָלען זיצען אַ מינוט רוהיג. און אין אָווענד פלעגען זיי מוזען זיצען אין שטוב און זיך לעגען גאַנץ פריה שלאָפען. זיי האָבען געחלשט, בעזונ־דערס שבת און יום־טוב, צום „גרינעם באַרג", וואו ס'פלעגען זיך טרעפען בחורים מיט מיידלעך און ס'איז געווען פרעהליך, אָבער זיי האָבען מורא געהאט פאַר'ן טאַטען. דער טאַטע איז אין אמת'ן נישט געווען אַזאַ שטרענגער, אָבער פרום איז ער געווען און ער האָט געהאַלטען דעם „גרינעם באַרג", און איבערהויפּט דאָס שפּאַצירען פאַר דעם קוואַל פון אַלדאָס בייז. קאָן מען זיך פאָרשטעלען אַ גרעסערן עינוי פאַר דערוואַקסענע מיידלעך, ווי זיצען איינגעשפּאַרט אין שטוב? דער טאַטע איז זיי געווען פרעמד, ווייל זיי האָבען איהם געזעהען נאָר יום־טוב, און אַז ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און אַ גלעט געטהון איינע פון זיי איבערן קאָפּ, איז זי רויט געוואָרען ווי אַ בוראַק, עפּעס ווי אַ פרעמדער וואָלט זי אָנגעריהרט. אין הארצען האָבען ביידע געוואָלט, אַז דער יום־טוב זאָל שוין וואָס שנעלער אַריבער, אָבער הקינע פון זיי האָט נישט געוואָגט דאָס צו זאָגען דער אַנדערער. די ערשטע טעג פלעגען זיי אַלץ מקבל באהבה זיין — בפרט אַז דער טאַטע פלעגט ברענגען סחורה אויף אַ קליידעל אָדער פאַרטוך — אָבער נאָכהער האָבען זיי געצעהלט מיט גרוים אומגעדולד די טעג, וואָס ער האָט נאָך צו זיין און זיי האָ־בען שוין געוואַרט אויף דער שעה, אַז ער זאָל צוריק אַוועק קיין „פּריסען".

עס האָט זיך אָנגערוקט דער שמחת־תורה.

ר' אברהם חיים איז געגאַנגען ווי אַלע אידען פון שטעדטעל אין אַלטען בית־מדרש אויף דער שוהל־גאַס, געקויפט אַ האַלבען „אתה הראית" און מכבד געווען דערמיט דעם יונגען דיין; אַ הקפה האָט ער געקריגען פון די ערשטע — וואָס עס האָט שטאַרק געקרענקט די אַנדערע פעך־הענדלער, כאָטש זיי האָבען אַליין געוואוסט, אַז אַטקעגען זיי איז ער אַ גאַנצער מר־בר־רב־אשי — ער האָט גע־טאַנצט מיט'ן עולם און געשריען אויפן קול: „שישו ושמחו בשמחת תורה", נאָר אין הארצען האָט זיך גאָר נישט געשמהעט מאָרגען אין דער צייט וועט ער שוין זיין אויף יענער זייט גרעניץ, אין ליק אָדער אפשר שוין אין קאָרשען. „שישו ושמחו" — ער וויל כאָטש ביים דאַוונען פערגעסען, וואָס מאָרגען וועט זיין, ער קוקט זיך צו צו די אַנדערע פעך־אידען, ווי זיי גיסען אַריין איין כוס נאָכ'ן אַנ־דערען און „לחיים'ען", אַז עס געהט זיי צוריק פון די אויגען — אָבער אַז ער האָט שוין געהאַט אין זינען דעם „אסרו חג", דאָס וועגעלע, ווען ער איז ערשט אָנגעקומען אַהיים, ווי קאָן ער עס פערגעסען איצט ווען ער זעהט פאַר זיך נעבען אויוועז דעם בעל־עגלה, וואָס ער דאַרף איהם נאָך היינט בעשטעלען, אַז ער זאָל מאָרגען פאַרטאָג איהם קומען נעהמען? זינט ער איז געקומען צום פערשטאַנד, איז שמחת־תורה ביי איהם געוואָרען תשעה באב.... דער גוט־האַרציגער ר' אברהם חיים, וואָס האָט קיינעם נישט מקנא געווען, האָט אין דעם טאָג מקנא געווען די בעל־עגלות, די וואַסער־טרעגערס, די אַלטע שמשים. „און ווער לאָזט דיך נישט

זיין אַ בעל־עגלה אָדער אַ וואַסער־טרעגער?" — איז איהם פאַרבייגעלאָפען אַ מחשבה, „מען טאָר גאָט קיין קשיות נישט פרעגען", האָט ער זיך אַליין געענט־פערט.

נאָכ'ן דאַוונען זענען אַלע מתפללים פאַרבעטען געוואָרען צום גבאי ראשון אויף קידוש. געגאַנגען זענען שטענדיג די בעלי־בתים פון די צוויי ערשטע בענק, און ר' אברהם חיים האָט אויך געהאַט אַ „שטאָדט" אויף דער צווייטער באַנק, ער האָט זי אָבגעקויפט פון אַ מוהמע, וואָס האָט זי געירשנ'ט פון איהר טאַטען, וועלכער האָט קיין זיהן נישט איבערגעלאָזט. ער איז אָבער צו קידוש נישט גע־גאַנגען, ווייל אויפ'ן האַרצען איז איהם געווען לא־עליכם'דיג. די שעה'ן רוקען זיך שנעל, האָט ער צו זיך געזאָגט מיט וועהטאָג, און אַז ער איז אַרויס פון בית־מדרש און ס'איז איהם פערלאָפען דעם וועג אַ ריזיגער הויפען פון פערוועלקטע בלעטער, האָט ער אין זייער רוישען געהערט עפּעס אַ שטיל געיאָמער, וואָס האָט זיך אַזוי ריכטיג געפּאַסט צו זיינע אייגענע געפיהלען.

אַריינגעקומען אין שטוב, האָט איהם שוין ביי דער טהיר מקבל־פּנים געווען דער שמעקעדיגער ריח פון געבראָטענעם גענזענס, וואָס האָט איהם דערמאָהנט זיין קינדהייט, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, און אָבזיפצענדיג האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט: „ווען דער טאַטע זאָל לעבען וואָלט איך נישט מגולגל געוואָרען אין אַזאַ גוישע מדינה". עפענענדיג די טהיר, האָט ער אויפ'ן קול אויסגעשריען: „גוט יום־טוב גוט־יאָהר!" — זיין ווייב האָט שוין גוט געקענט דעם דאָזיגען אויס־געשריי, וועלכער האָט געקלונגען מיט אַ דערשטיקטען צער און ער האָט זי שטענ־דיג געבראַכט צום וויינען. זי איז געבליבען אַ היבשע ווילע אין קיך און ערשט אַז זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, איז זי אַריין אין שטוב און אָנגעהויבען גריי־טען צום טיש. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָהלצייט, ביי וועלכען זיי האָבען איינס מיט'ן אַנדערען קיין וואָרט נישט גערעדט. די מיידלעך האָבען צוגעטראָגען שיסלען און אָראָבגענומען. זיי האָבען זיך גאַנץ רוהיג געגעסען. אַזוי ווי דער טאַטע וואָלט נישט געהאַלטען פאַר'ן אָוועקפאָהרען אויף אַ האַלב יאָהר. די מאַמע אָבער איז דורך דער נאַכט ווי אַ פאַרביטענע געוואָרען, עפּעס קלענער האָט זי אויסגע־זעהען און איהרע אויגען זענען געווען רויט, כאָטש קיינער האָט זי נישט געזעהן וויינענדיג. און ער אַליין, דער טאַטע, האָט סתם געקייט; ער האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען פון דער געגלייזטער שיסעל, און געטראַכט נאָר וועגען איינס: עס איז דאָס לעצטע מאָהלצייט ביים אייגענעם טיש.

מנחה־צייט איז ער אַוועק צוריק אין בית־מדרש און געטאַנצט מיט'ן עולם, גלייך ווי ער וואָלט געווען בגילופין אַזוי ווי די אַנדערע. ביז מעריב און אפילו נאָך מעריב האָט מען נאָך געשפּילט אין פערשידענע שפּילען און ער האָט געקלערט מיט שרעק וועגען דער מינוט ווען מען וועט אויפהערען די שפּילען און ער וועט דאַרפען געהן צוריק אַהיים. דער עיקר האָט ער זיך געפרעהט מיט'ן שפּיל אין „קאַץ און מויז": מען האָט אויסגעשטעלט צוויי שורות אידען, געלאָזען „טויע־רען", און צוויי קלוגע תלמיד־חכמים האָבען געשפּילט די ראָלע פון קאַץ און מויז. צופרידען איז ער געווען פון אָט דעם שפּיעל, ווייל עס האָט לאַנג געדויערט און אַז דער עולם איז מיעד געוואָרען און געוואָלט זיך פונאַנדערגעהן האָט ער געהייסען דעם שמש אַריינברענגען אַ צעהנדליג ביער און מען האָט אָנגעהויבען פונדאַסניי. אין די צוויי שורות איז ער נישט געווען דער איינציגער פעך־הענד־לער — וויזט אויס, אַז די אַנדערע איז אויך געווען ביטער אויפ'ן האַרצען.

אַז די שמחה האָט זיך געענדיגט, זענען זיך די פעך־הענדלער צעגאַנגען ווי אבלים. „ווער יאָגט אונז? פאַרוואָס מוזען מיר באַלד פאַרטאָג אַריבער די גרעניץ?" האָט ר' אברהם חיים געטראַכט. עס קאָן זיין, אַז אַנדערע דזשעגטשערעס האָבען

זיך אויך געשטעלט די זעלבע קשיא, אָבער קיינער האָט נישט געקקלערט, אַז מען קאָן דאָ עפּעס פּעררינכטען און אָרדנען אַז אַלע זאָלען בלייבען אין דערהיים נאָך אַ וואָך. די מורא פאַר דער קאָנקורענץ, פאַר אייסכאַפּען די קונים, איז ביי די פּעך־אידען געווען גרויס, און מען קאָן דאָך קיינמאָל נישט וויסען, ווען אַ איד זאָגט דיר אַז ער פאָהרט צו צו אַ קרוב אין וואָנסאָס, צי ער כאַפּט זיך נישט אַמאָל אריבער די גרעניץ און פערלויפט דיר די „מדינה", כדי אָבצוזעצען אביסעל סחורה ביי דיינע קונדען... עס איז אַ גזירה פון הימעל, עס געהט שוין אַזוי פון דור צו דור, אַז דער פּעך־איד דאַרף זיין נע־ונד וואָס מעהר.

אריינקומענדיג מוצאי־יום־טוב אין שטוב, האָט ר' אברהם חיים באַלד זיך געלעגט שלאָפען. דאָס ווייב האָט נאָך אויסגעבאַקען פאַר איהם חלות אין סוכאַרעס כדי ער זאָל האָבען אויף אַ פּאָר וואָכען „היימיש געבעקס"; דאַן האָט זי אריינגעלעגט זיינע אויסגעלאַטעטע וועש אין אַ ציכעלע, אַוועקגעלעגט איין פּעקעל נעבען צוויטען ביי דער טהיר און האָט זיך אויך געלעגט אויפן בעט. ביידע האָבען זיך געמאַכט שלאָפענדיג און זענען נישט געשלאָפען. זי האָט שטיל אויסגעוויינט איהר הארץ — אין אמת'ן איז זי דאָך אַן'אייביגע עגונה — און ער האָט אריינגעזיפצט אין קישען, בעלאַגערט פון שלעכטע מחשבות, פון מחשבות וועגען שטאַרבען אין דער פרעמד. אַזוינע געדאַנקען פלעגען איהם מאַטערען יעדעס יאָהר פאַר'ן אָבפאָהרען און ס'האָט איהם חלילה גאָרנישט פּאַסירט, נאָר יעדעס מאָל האָט ער געקלערט, אַז היינטיגס מאָל האָבען שוין די דאָזיגע געדאַנקען אַ יסוד...

אָבער די מיידלעך זענען זיך געשלאָפען גאַנץ רוהיג. זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט, ווען דער בעל־עגלה האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, און אַז זיי האָבען געעפענט די אויגען, האָבען זיי געזעהען די מאַמע לויפענדיג פון קיך אין שטוב און פון שטוב אין קיך, און דעם טאַטען, ווי ער בינדט צונויף די פּעקלעך איינס צום אַנדערען.

„איהר קאָנט שוין אויפשטעהן"! האָט די מאַמע אַ זאָג געטהון. פאַרביי־געהענדיג די הילצערנע סאָפקע, אויף וועלכער די מיידלעך זענען געשלאָפען, אין זיי זענען שנעל, ווי אויף אַ בעפעהל, אויפגעשטאַנען. — די לעצטע מינוט האָט נאָך די מאַמע בעוויזען אַ זאָג צו טהון צום טאַטען: „אַזוי לאָזט דו מיך איבער מיט די ממזרות'ן" — איך האָב ביז איצט נישט געוואָלט רעדען"... נאָר ער האָט אַזוי גוט ווי נישט געהערט, וואָס זי האָט אראָבגעזאָגט. אַז די פּעקלעך זענען שוין געווען אויף דער פוהר, האָט ר' אברהם חיים גענומען טלית און תפילין אונטערן אָרעם; געפרעגט דאָס ווייב, צי זי האָט נישט פערגעסען אריינטהון די חומשים, האָט אַ געב געטהון די האַנד דעם ווייב די מיידלעך, נישט זאָגענדיג אַ וואָרט — טרעהרען האָבען איהם געוואָרגען — און שנעל זיך ארויסגעכאַפּט פון שטוב און ארויף אויף דער פוהר. „פאָהר שנעל!" האָט ער אַ וואונק געטהון דעם פוהרמאַן, „זייט געזונד!" האָט ער געשריען צום ווייב און ביידע טעכטער, וואָס זענען געשטאַנען אין טהיר — באַגושעס גאָס איז לאַנג, נאָר ס'איז נאָך פינסטער געווען, און דער וואָגען איז שנעל פערשוואונדען. די מיידלעך זענען אריין אין שטוב און די מאַמע איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צום רוישען פון די רעדער, און אַז דאָס רוישען האָט אויך אויפגעהערט, איז זי אריין אין שטוב.

שניי־בלעטלעך האָבען אָנגעהויבען פאַלען פון הימעל, וואַקלענדיג זיך ווי אין חלום און דאָס וועגעלע האָט זיך געשלעפּט דורכן וואַלד צו דער גרעניץ. ר' אברהם חיים האָט זיך אריינגעטוליעט פאַר קעלט און אומעט, און האָט געקלערט מיט צער וועגען די גוטע יום־טובדיגע טעג, וואָס זענען שוין אַוועק און וועגען דעם ביטער'ען לאַנגען ווינטער וואָס וואַרט אויף איהם אין דער „גאָלדענער" מדינה.

# מזל טוב א אינגעל!

ישראל משה האט חתונה געהאט אין די סוכות'דיגע „בין הזמנים" און זיין ווייב האט סוף סיון געבוירען דאס ערשטע מיידעל. זיינע שונאים צווישען די פער־הענדלערס האבען אויסגעטראכט אויף איהם, אז זיין ווייב זאל זיך האבען צוגעאיילט אביסעל. אברע ר' אברהם חיים האט זיי פערמאכט די מיילער. ישראל משה איז טאקע געווען א „בעל־תאוה". און אין די קרעטשמעס און אויף די דערפער פלעגט ר' אברהם חיים אויף איהם דארפען אכטונג געבען, אז ער זאל נישט פערטשעפען א שיקסע. ער האט איהם טאקע נישט איינמאל געכאפט, ווי ער האט ארויפגעלעגט א האנד אויף א גויה און ער האט איהם פון די דאזיגע מעשים נישט געקאנט אבגעוועהנען. כאטש ער האט איהם דערפאר אפט צעקאטעוועט דאס לייב אויף בלוי מיט'ן בויך־גארטעל. פונדעסטוועגען האט ר' אברהם חיים געגלויבט, אז ישראל משה וועט צו־ווייט נישט פערקריכען, און בפרט מיט א אידישער טאכטער, און ווער רעדט נאך מיט זיין אייגענער כלה. דאס איז געווען פשוט א שם רע. ווארום אויב ישראל משה זאל שוין וועלען פערטשעפען שיינע בריינען, וואלט זי איהם נישט צוגעלאזען, קינד און קייט האבען געוואוסט, אז ווען מען האט איהם געלאזען מיט איהר אליין נאך דער „וועהוכב" ביי איהר טאטען אין שטוב און ער האט איהר ארויפגעלעגט די האנד אויף'ן קארק, ווי ער איז געווען געוועהנט אין פרייסען מיט די שיקסעס, האט זי געמאכט אזא געוואלד, אז אלע מענשען אין שטוב און אויך פון די שכנות'דיגע הייזער זענען זיך צונויפגעלאפען. פאר חרפה האט זי געלייקענט די גאנצע מעשה און געזאגט, אז עס גודיעט זי צום ברעכען, אבער די קרובים, וואס האבען געזעהן דורכ'ן לעכעל פון שלאס און דורך די שפארעס פון דעם הילצערנעם ווענטעל, וואס עס איז פארגעקומען האבען זי בערוהיגט און דער טאטע דער שוסטער האט איהר דאמאלס אין אלעמענס אויגען א קוש געטהון אין קאפ פאר איהר צניעות. סייוויי דער שידוך איז געווארען און דאס גאנצע שטעדטעל האט געוואוסט די מעשה מיט דער האנד, וואס ישראל משה האט ארויפגעלעגט אויף שיינע בריינען. דאס אליין איז דאך דער בעסטער סימן, אז די פער־הענדלערס האבען אויף איהר סתם אויסגעטראכט א בלבול; פונדעסטוועגען האבען אלע דערפון גערעדט און שיינע בריינע האט זיך חדשים לאנג פאר דער טיר נישט געוויזען. ווען איז געווען צו א חושע־

משאר, וואס פלעגט איהם אונטערזוועגס א פרעג טהון מיט א שמייכעל וואס זיין טאטע מאכט. ער האט זיך לייכט בעליידיגט און שנעל זיך אויפגערעגט און אז מען האט איהם פערטשעפעט, איז ער געווען ווי א חיה, כאטש אזוי גופא האט ער קיינמאל קיינעם קיין בייז נישט געטהון און זעלטען אויפגעהויבען אויף עמי־צען א האנד.

אז ער פלעגט זיך אומקעהרען אהיים פון דער רייזע און דערזעהען דאס זיסע מיידעלע אין וויגעלע, איז ער געווארען ווייך ווי פוטער. גאנצע טעג פלעגט ער אבזיצען נעבען וויגעל און עס שאקלען מיט׳ן פוס, און דערביי פון דעם קינד קיין אויג נישט אראבגעלאזט. ער האט דאס טעכטערל געוואלט ארומנעהמען, צודרי־קען צו זיך, נאר ער האט מורא געהאט, אז ער וועט עס צעקוועטשען. ווי גרויס איז געווען זיין טבוחה, אז ער האט זיך איינגעהאלטען נישט צו קושען דאס קינד ווען עס איז געשלאפען. און אז ער האט געדארפט אסרו־חג אוועק פון שטוב, האט ער געוויינט ווי א קליין קינד. — אין הערבסט פלעגט ער כסדר דערציילען דעם קרעטשמער און די פויערן וועגען זיין שרה׳לען, וועלכע איז איינע אין דער וועלט. בלויז אז ער פלעגט זיך טרעפען מיט א פערהיינדלער פלעגט ער שווייגען. ער האט געוואוסט, אז זיי לאכען פון איהם, וואס ער האט אזוי אן שיינע ברייטע און שרה׳לען, און אז די ווילקעס אין טראקטיר האבען שוין דערויף לידלעך געמאכט. אין זיך האט ער פון זיי געלאכט, אבער ער האט זיי נישט געוואלט ברענגען דער־צו, אז זיי זאלען פון איהם חוזק מאכען.

אין א יאהר ארום האט שיינע בריינע געהאט נאך א מיידעל. לכתחילה האט ישראל משה געהאט שטארק פעראיבעל דערויף — ער האט געוואלט א יונגעל — נאר אז ער איז געקומען אויף ימים נוראים אהיים און האט געזעהען אין וויגעל דייזעלען, וואס איז געווען נאך טויזענד מאל שענער פון שרה׳לען, צו וועלכער עס איז קיין גלייכען נישטא, האט ער זיך בערוהיגט און ער האט ווידער כסדר געוויגט דאס וויגעלע, פונקט ווי פאראיאהרען. וואס אהרט עס איהם וואס מענ־שען רעדען? אז ער איז אוועקגעפאהרען האט ער געהאט איין זון אין שטוב און איצט האט ער צוויי זונען, וואס פערלייכטען די גאנצע וועלט. שאקלענדיג דאס וויגעלע, האט ער געטראכט וועגען זיין פרנסה; איצט אז ער האט שוין צוויי קינ־דערלעך, און טאקע מיידלעך, מוז ער פערגרעסערען זיין „מדינה“, כדי ער זאל מעהר פערדינען, זיך לאזען אויף דער דעסויער זייט האט ער נישט געחלומט, ווייל דאס איז געווען זיין אמאליגען בעל־הבית׳ס, ר׳ אברהם חיים׳ס מדינה; אבער ער וועט פרובירען זיין מזל אויף דער מאגדעבורגער זייט. דארטען זענען טאקע אויך דא דזשענטשארעס, וואס די מדינה איז צו זיי אריבער בירושה און דער עיקר זעליג אקס, פאר וועמען ס׳איז געווען וואס מורא צו האבען, אבער טראכטענדיג וועגען די קינדער, האט ער געהאלטען, אז ער מעג זיך פערטשעפען אפילו מיט׳ן סאמע טייוועל.

שיינע בריינע האט ווייטער געקינדעלט. יעדעס יאהר א מיידעל. דאס גאנ־צע שטעדטעל האט געוואוסט, אז ווי דער ליבער גאט גיעט סוף סיון אדער אנ־פאנג תמוז וועט שיינע בריינע געלעגען ווערען. אז מ׳פלעגט שוין האלטען דער־ביי, פלעגט זיך די גאנצע באד־גאס, סיי מיידלעך, סיי ווייבער לאזען טרעפען:

„אַ יונגעל אָדער אַ מיידעל?“ און אַז ס'איז געוואָרען אַ מיידעל, האָבען אַלע הנאה געהאַט, אַלע האָבען שיינע בריינען ליעב געהאַט און דאָך האָבען זיי זיך געפרעהט אויף איהר מפּלה. — און אַז עס האָט געהאַלטען ביי דעם פערטען מיידעלע, האָבען חברה זשוליקעס פערפאַסט אַ לידעל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַט אַזוי:

„באַדאַנעס זוהן קריגט אַ נייע מויד,
נישט גענוג די דריי;
נאָך אַ נדן כדי צו שאַפען
שלעפּט ער זיך אויפסניי“.

פאַהרענדיג יענעם בין־הזמנים צוריק אַהיים, האָט ישראל משה נאָך נישט געוואוסט, צי זיין שיינע בריינע האָט עפּעס געבוירען אָדער נישט. „ווען עס וואָלט געווען אַ יונגעל וואָלט זי מיר געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע“, האָט ער געטראַכט ווייל ער האָט מיט איהר אַזוי געהאַט אָבגעמאַכט. זי פלעגט איהם געוועהנליך שיקען איין קאַרטעל דורכ'ן זומער, נאָך יעדער קימפּעט. דאַסמאָל אָבער האָט זי איהם גאָרנישט געשריבען און ישראל משה האָט געמיינט, אַז זי האָט, חלילה, געמפּילט, דעריבער האָט זי איהם מורא געהאַט צו שרייבען. „שוטה דו, קוה איינע — האָט ער געטראַכט מיט ליעבע — וועט ישראל משה זיין דערפאַר אין כעס? אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר וועט גאָט געבען אַנ'אַנדער קינד“. און אויב זי האָט יאָ געמפּילט, האָט ער ווייטער געטראַכט, איז עס געווים אַ מיידעל. מיט טויט־שרעק האָט ער אַ קלער געטהון, טאָמער איז עס גאָר געווען אַ יונגעל... אַז ער איז אַריבער די גרעניץ און איז געפאָהרען דורכ'ן וואַלד אַהיים, איז איהם אַריין אַ געדאַנק: אפשר האָט זי גאָר געהאַט אַ יונגעל און האָט איהם געוואָלט מאַכען אַ איבעררַאשונג? אָבער, אַז ער איז געקומען אין שטוב אַריין און דערזעהן אַ קינד פון וויגעל און געכאַפּט אַ קוק אויף זיין ווייב, איז איהם באַלד אַלץ קלאָר געוואָרען. עטליכע מינוט האָט ער זיך אַרומגעדרעהט און אַ וואָרט נישט גערעדט. נאָר אַז זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם ווייכען קליינעם פּנים'ל פון דעם מיידעלע, האָט איהם פערקלעמט ביים האַרצען און ער האָט אַ פרעג געטהון: „און ווי האָסטו איהר אַ נאָמען געגעבען?“ דער טאָן איז שוין געווען אַ ווייכער און שיינע בריינע איז גאָר אַנ'אַנדערע געוואָרען. — בשעת מעשה האָט ישראל משה געטראַכט, אַז ער וועט נישט לעבען מעהר מיט זיין ווייב. נאָר דער געדאַנק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטען און ער האָט באַלד אָנגעהויבען אַרויסווייזען שיינע בריינעס גינציגקייט, און מיט ברענענדיגע אויגען האָט ער געקוקט אויף איהר פרעהליכען פּנים בשעת ער האָט איהר געגעבען די מתנה וואָס ער האָט איהר געבראַכט — אַ רויטע שטאָף אויף אַ קלייד. „ביזט און כעס אויף מיר“ — האָט שיינע בריינע זיך געפּיעשטשעט. „נאַרעלע איינע, מיין קליין קיהעלע — האָט ער געזאָגט און וואָס ווייטער איז די שטימע געוואָרען העכער. — מיר וועלען גאָט אויינמאַטערען, און גראַיסווער מענשען אויף צו להכעיס, ימח שמם זאָלען זיי ווערען, וועלען מיר האָבען אַ יונגעלע“ — און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך מיטין גאַנצען כח. „לאָז מיך אָפּ!“, האָט שיינע בריינע געקרעכצט; איהר געזיכט האָט זיך

פערקריממט און איז רויט געוואָרען, ווייל זי איז שיער נישט צעקוועטשט געוואָרען אין זיינע אייזערנע אָרעמס. ווי שרה׳לע האָט דאָס דערזעהן. איז די אויסגעבראָכען מיט א געוויין: „הער פעטער הלב׳עט די מאַמע״. האָט זי געכליפּעט. אַז ישראל משה האָט עס געהערט, האָט ער אָבגעלאָזט דאָס ווייב און זיך א נעהם געטהון צו שרה׳לען, מיין חכמה׳לע״ — האָט ער געשריען און איהר אויסגעקושט יעדען אבר.

אַז ער איז געקומען אויף פסח אַהיים און האָט געפונען שיינע ברייגען טראָגענדיג, האָט ער געגעבען אַכצעהן גראָשען תהלים-זאָגערס. זיי זאָלען בעטען פאַר איהם, אַז ער זאָל קריגען א יונגעל. געמאַכט האָט ער עס אפילו בסוד, אָבער דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך באַלד דערוואוסט, און חברה האָבען איהם נישט געלאָזט לעבען. די „יונגאַטשעס״ פון „פלאַץ״ און אפילו פון די „צילעס״ פלעגען איהם אויפזינגען היגטער׳ן פענסטער און געבען דער שוהל א שפּאָגעל ניי ליעד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען:

„אַט אזוי, נאָך א שפּרונג,
שיינע ברייגע וויל א יונג״

און אויסגעלאָזען:

מיט איין טראָסק מיידען צוויי,
קלאָג, חושעטשאַר, ווינד און וועה״.

און וואָס וועט זיין, אַז די נבואה פון די ממזרים וועט חס־ושלום מקוים ווערען? האָט ער זיך א טראַכט געטהון. ער וועט דאַן אַרויסוואַרפען דאָס וויגעל אין דרויסען... פונדעסטוועגען האָט ער אָנגעזאָגט שיינע ברייגען אסרו חג פאַר׳ן אָבפאָהרען צוריק קיין דייטשלאַנד: „דאגה נישט, שיינע ברייגע! דו זאָלסט מיר למען השם שרייבען, ווי ס׳וועט זיין זאָלסו מיר שרייבען״.

דעם זומער האָט ישראל משה זיך גע׳חנפ׳עט צו ר׳ אברהם־חיימ׳ען. ער פלעגט אָפט פרייטאָג אַראָבפאָהרען קיין דעסוי און בלייבען מיט׳ן אַלטען דעם גאַנצען שבת. ער פלעגט איהם קאָכען פיש אין אַנ׳עמער און אָבשיילען קאַרטאָפעל (אַלץ אין שטאָל), און דאָס אַלץ כדי איבערצובעטען ר׳ אברהם חיים׳ען, וואָס זעליג אָקס האָט אָנגעמאַכט צווישען זיי א בייז לעבען, אַז ער האָט די פיש נישט ריכטיג אויסגעמאַכט, האָט איהם ר׳ אברהם חיים געשאָלטען און געזידעלט. ווי אין די גוטע יאָהרען. ווען ישראל משה איז נאָך זיין יונג געווען, און ישראל משה האָט אַלץ פאַר ליעב גענומען. ווייל ער האָט געוואַרט אויף א בריעף פון שיינע ברייגען און ס׳איז אין דער גאַנצער געגענד נישט געווען קיינער, אויסער ר׳ אברהם חיים, וואָס האָט געקענט די „שוואַרצע פינטעלעך״. דאָס איז געווען א דריי יאָהר נאָך דעם בעריהמטען „ישראל משה׳ס ווינטער״, אָבער ישראל משה האָט זיך געמיהט עס נישט צו דערמאָהנען, כדי דער אַלטער זאָל נישט ווערען ווידער זיך אזוי נוקם זיין דערפאַר, וואָס זעליג אָקס האָט אָנגערעדט אויף איהם. „אַז עס האַנדעלט זיך אין לעבען, וועט ר׳ אברהם חיים זיך נישט אָבנאַרען״, האָט ער זיך געטראַכט, כאָטש אין הארצען האָט איהם געקלאַפּט, — ער האָט זיך כסדר איינגערעדט, אַז זיין ווייב וועט אויך איצט האָבען א מיידעל. אָבער אַז ס׳זוענען אָנגעקומען די

לעצטע סיון־טעג, איז ער שיער נישט אויסגעגאנגען. ווען ס׳וואלט געווען א גיטער מער, וואלט ער איצט אוועק אהיים, אבער די צייטען זענען שלעכטע און דארפען דארף מען א סך און דער עיקר, אז ער וועט פערלאזען די מדינה אויף א חודש פערכאפט זי זעליג אקס מיט זיין חברה...

אז ישראל משה פלעגט יענע טעג קומען קיין דעסוי, פלעגט איהם ר׳ אברהם חיים פרעגען גאנץ ערנסט, וואס ער הערט פון דערהיים און ישראל משה פלעגט הויבען מיט די פלייצעס. ער האט אנגעהויבען צו קלערען, אז זי האט געמפלט. און ס׳האבען זיך בענייט אין זיין מוח די געדאנקען פון פאראיאהרען.

און דער טאג איז געקומען.

אין א זונטאג אינדערפריה, ווי נאר ער איז פערפאהרען צוריק פון דעסוי קיין צערבסט, איידער ער האט נאך בעוויזען אנלאדען סחורה אויפ׳ן וואגען, האט איהם דער קרעטשמער דערלאנגט א קארטעל. ער האט אנגעהויבען, ווי שטענדיג ארייַנקוקען און ארומדרעהען דאס קארטעל און געווען אויף זיך אליין אין כעס, פארוואס ער קאן נישט לייענען. ער האט באלד פערקירעוועט זיין וואגען צוריק קיין דעסוי און זיין אויסגעדארטער שקאפע די נשמה ארויסגעיאגט. טויזענדער געדאנקען זענען איהם דורכן קאפ געגאנגען און ער האט עטליכע מאל געהאט בדעה זיך אומצוקעהרען קיין צערבסט. ער האט ר׳ אברהם חיים׳ען נישט געטראפען, און כאצקלען, דעם יונג פון אברהם חיים׳ען, וואס קאן אויך אביסעל לייענען, אויך נישט, און אז דער קרעטשמער פון „ווייסען בער" האט איהם געזאגט, אז זיי זענען ארויסגעפאהרען אויף דער מדינה, איז ער שיער פון זינען אראב. ערשטענס, ווייס ער נישט וואו זיי צו זוכען, און צווייטענס, קוים איז עס א מיידעל, וועט ער זיך נאך בלאמירען. ער האט זיך ארומגעדרעהט ווי א משוגענער. ער האט בעשטעלט א פאר מאל ביער, דא האט ער געגלעגט און דא האט ער געפאטשט די פערשוויצטע שקאפע און סתם געשאלטען דעם גראבען קרעטשמער, וואס איהם איז אזוי גוט אויף דער וועלט. לסוף איז ער ארויס אויף דער גאס. ער האט זיך דערפרעגט, וואו דער „ראבינער" וואוינט און זיך געלאזען געהן צו איהם. אז ער איז אנגעקומען פאר׳ן טויער פונ׳ם ראבינער׳ס הויז האט ער זיך געשעהמט פאר זיך אליין און נישט געהאט דעם מוט ארייַנצוגעהן אין הויף. כדי זיך לייכטער צו מאכען האט ער אין געדאנק פארבייגעפיהרט פאר זיך אלע פעדערהענדלערס וואס קאנען נישט שרייבען און לייענען, און דאך האט ער נישט געוואגט ארייַנגעהן צום ראבינער: ער איז געווען א בישן און האט נישט געוואלט מען זאל איהם האלטען פאר אנ׳עם הארץ. צום סוף האט ער זיך געזאגט: טאמער איז עס טאקע א מיידעל, איז דאך שוין גלייכער, אז ר׳ אברהם חיים זאל איהם גארנישט זעהן, און דער דאזיגער געדאנק האט איהם צוגעגעבען מוט, אז ער זאל אנקלינגען ביים ראבינער. כאטש זיינע אויסגעשמירטע בגדים און די צעפאטעלטע בארד האבען נישט דערוועקט קיין גרויסען רעספעקט, האט איהם דער ראבינער אבגעגעבען א ברייטען שלום־עליכם און איהם ארייַנגענומען אין זיין ארבייטס־צימער.

דער ראבינער האט געהאט א שפיציג ־ פערשוירען בערדעל, געגאנגען אהן א היטעל און האט אויסגעזעהן ווי גראיעווער פריץ. דער ראבינער האט איהם געשטעלט א שטוהל, אבער ער האט זיך בשום אופן נישט געוואלט זעצען. ער האט אנגעהויבען דערצעהלען, אז ער איז אלס קינד געבליבען א יתום און איז אין חדר

נישט געגאַנגען, און אַזוי ווייטער, א. א. וו. דער ראַבינער האָט פון ישראל משה'ס דייטש פיעל נישט פערשטאַנען, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און זיך בעמיהט עפּעס אַרויסצוקריגען, און אַז ער האָט געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער, האָט ער שנעל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. לסוף האָט ישראל משה אַרויסגענומען דאָס קאַרטעל פון קעשענע און געבעטען דעם ראַבינער, אַז ער זאָל עס איהם איבערלייענען. אַז דער ראַבינער האָט נאָר אַריינגעקוקט אין קאַרטעל, איז ער געוואָרען אַ פערענדערטער. ער האָט דאָס כתב נישט געקענט לייענען. אָבער, ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער זיך געשעהמט עס גלייך מודה צו זיין. אַז ישראל משה האָט געזעהען, ווי דער ראַבינער קנייטשט דעם שטערן און קאָן אַ וואָרט נישט אַרויסברענגען, האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיגע הנאה: „מיט וואָס איז ער בעסער פון מיר?" אחוץ וואָס דער ראַבינער האָט געקאָנט לייענען נאָר דרוק-שריפט, וואָלט אפילו אַ גוטער לייענער פון געשריבענס נישט אַזוי שנעל געקאָנט דורכקריכען די צעבראָכענע אותיות, וועלכע עס האָט אָנגעפּיקעוועט חייקע פייוועל ציגיינערס פון דער באָד-גאַס. דער ראַבינער האָט אַרומגעדרעהט דאָס קאַרטעל פון אַלע זייטען, האָט עס אַרונטערגעשטעלט אונטער אַ פערגרעסער גלאָז, און פון דעם גאַנצען קאַרטעל האָט ער אַרויסגעקריגען די ווערטער: „נאָך דיין מאַטען מינדעל", ישראל משה'ן זענען די פּאָר ווערטער געווען גענוג, און ווייזענדיג אויפ'ן קאַרטעל מיט'ן פינגער ווי ער וואָלט עס אָנגעטאַפּט האָט ער אַ געשריי געטהון צום ראַבינער: „נישט מינדעל, נאָר מענדעל". ער האָט אַ נעהם געטהון דאָס קאַרטעל פון ראַבינער, איהם אַריינגעשטעקט זיין גרויסע האַנד און איהם הערצליך געדאַנקט. דער ראַבינער האָט זיך פּאַר איהם ענטשולדיגט און ערקלערט, אַז אין דייטשלאַנד געהט נישט דאָס כתב. נאָר ישראל משה האָט נישט געהערט און נישט פערשטאַנען, וואָס דער ראַבינער האָט אַזוי פיעל גערעדט, ער האָט געדאַנקט אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, און אַריינרוקענדיג פּאַרזיכטיג דאָס קאַרטעל אין קעשענע, האָט ער געזאָגט: „די ווערטער זענען דער עיקר; דאָס איבריגע איז שטות'עריי". דרך אגב האָט ער דעם ראַבינער דערצעהלט, אַז זיין ווייב האָט שוין געבוירען פיער מיידלעך און דאָס איז דאָס ערשטע יונגעל.

„מזל טוב!" האָט דער ראַבינער געזאָגט בעגלייטענדיג ישראל משה'ן צו דער טיר.

ישראל משה איז געלאָפען שנעל צוריק אין קרעטשמע, אָבער ר' אברהם חיים'ען האָט ער נאָך אַלץ נישט געפונען ער האָט זיך אַרומגעדרעהט פאַר דער שטוב, קוקענדיג אויף אַלע עקען גאַסען און אויף יערען וואָגען וואָס האָט זיך בעוויזען. פּאַרנאַכטצייט איז ר' אברהם חיים אָנגעקומען. ישראל משה האָט איהם אַריינגעשטעקט אַ האַנד מיט שמחה און צו כאַפּקלען האָט ער געזאָגט ווי ער וואָלט זיין בעל-הבית געווען: „דו געה און פיהר אריין דאָס פערד אין שטאַל. איך האָב וואָס צו רעדען מיט ר' אברהם חיים'ען". ר' אברהם חיים האָט באַלד פערשטאַנען, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, נאָר ער איז גאַנץ רוהיג אַריין מיט ישראל משה'ן אין קרעטשמע. „צוויי ביער", האָט ישראל משה אַ געשריי געטהון צום קרעטשמער, און ר' אברהם חיים'ען האָט ער געזאָגט אויף גיך: „איך האָב געקריגען אַ קאַרטעל פון מיין ווייב זאָל געזונד זיין; מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז זי האָט געהאַט אַ יונגעל— וואָס זאָגט איהר ר' אברהם חיים? איהר קאָנט דאָך לייענען בעסער ווי איך", און געבענדיג איהם דאָס קאַרטעל האָט ער ווייטער געזאָגט: „איך האָב איהר געהייסען

א נאָמען געבען מענדעל, נאָך מיין טאַטען". ר' אברהם חיים האָט גאַנץ געלאַסען אַרויסגענומען די בריוון פון שיידעל און האָט געלייענט פאַר זיך און נאָכהער האָט ער א זאָג געטהון פרעהליך צו ישראל משה'ן: „אמת, מזל טוב, א יונגעל! און נאָך דיין טאַטען". באַצעקעל איז גראָד אָנגעקומען. „נאָך א ביער!" האָט ישראל משה א געשריי געטהון צום בופעט. און ס'איז געוואָרען שמחה וששון. ישראל משה'ן האָט זיך זעהר געוואָלט זאָגען ר' אברהם חיים'ען, אז ער זאָל איהם שרייבען א בריף צו שיינע ברײנען, אז זי זאָל אכטונג געבען אויפ'ן קינד, און אז ער וועט קומען אהיים וועט ער איהר ברענגען מתנות, וואָס וועלען איהר די אויגען פערבלאָנדזשען. אָבער ער האָט ער זיך געשעהמט. ער האָט געוואוסט, אז ר' אברהם-חיים איז אַן'אַלטער ליט און ער וועט איהם נאָך מאַכען צו שפּאָט ביי אַלע דזשענטשאַרעס. די ריכטיגקייט געזאָגט, נאָך יענעם ווינטער וואָלט ער איצט ר' אברהם חיים'ען נישט געגלויבט, נאָר ער האָט דאָך דאָ געזעהען, אז עס שטימט מיט דעם, וואָס דער ראַבינער האָט איהם געזאָגט. דעם ראַבינער האָט ער דאָך אין קיין זאַך נישט געקאָנט חושד זיין און ער וואָלט אייגענטליך באַלד נאָכ'ן בעזוך ביים ראַבינער זיך געקאָנט אומקעהרען קיין צערבסט, נאָר ער איז געווען אזוי גליקליך, אז ער האָט געמוזט זיין שמחה אויסדריקען פאַר עמיצען — און פאַר וועמען האָט ער עס געזאָלט טהון? פאַר'ן קרעטשמער דעם משומד אין צערבסט? אָדער פאַר'ן גוי פון שטאַהל? און אפשר פאַר זעליג אָקס, ימח שמו? ר' אברהם חיים איז דאָך א איד א חכם, און איהם האָט ער צו פערדאַנקען, וואָס ער האָט א ווייב און א פרנסה... לסוף האָט ער ר' אברהם חיים'ען געגעבען פיער טאָלער און איהם געבעטען, זיי אָבשיקען צו שיינע ברײנען. אייגענטליך קען מען אָבשיקען אויך פון צערבסט, אָבער דעסוי איז דאָך א גרעסערע שטאָדט מיט א גרויסער פּאָסט און ר' אברהם חיים איז אַן'עהרליכער מאַן — אז ער וועט אָבשיקען דאָס געלד, וועט ער אליין זעהן, וואָס דער בעאַמטער פערצייכענט (די ריכטיגקייט געזאָגט, האָט ר' אברהם חיים אליין אויך נישט געקענט די גויישע אותיות) און שיינע ברײנע וועט קריגען דאָס געלד בשלמות.

קיינמאָל איז ישראל משה'ן נישט געווען אזוי שווער דער „גלות" ווי דעם סוף זומער. איי, ווען ער זאָל האָבען פליגלען, וואָלט ער אַוועקגעפלויגען קיין גראַיעוואָ און זיך פער'גנב'עט ביינאַכט צו זיין שטוב, געכאַפּט א בליק אין וויגעלע און צוריקגעפלויגען. ער האָט אָפט געהאַט פּאַראיבעל אויף שיינע ברײנען, וואָס זי שרייבט איהם גאָרנישט איבער מענדעלען, אָבער ער האָט זיך גלייך איבערגעבעטען: זי איז פּאַרט א בריה און זי האָט שטענדיג נעביך צו האָרעווען. ביי יעדען טאָלער, וואָס ער האָט אַריינגעלעגט אין בויך-גאַרטעל, האָט ער געזאָגט: „מעהה מיליך פאַר שיינע ברײנען, וועט זי קאָנען זויגען מענדעלען ווי ס'דאַרף צו זיין"... און פאַר'ן אָבפאָהר קיין גראַיעוואָ האָט ער געקויפט פאַר'ן ווייב צוויי פאַרטוכער, פאַר די מיידלעך זעקעלעך, פאַר אַלע פיער, און פאַר מענדעלען גאָרנישט — ער האָט געקלערט און געקוקט און נישט געוואוסט, וואָס צו קויפען. „פאַר איהם איז דער גאַנצער בויך-גאַרטעל מיט די טאָלערס", האָט ער געזאָגט און זיך בערוהיגט.

אז ער איז דאָסמאָל געפאָהרען פון פראַסטקען דורכ'ן באָגושער וואַלד קיין גראַיעוואָ, איז ער געווען איבערגליקליך. ער האָט נישט געוואָרט אויף א אידישען פוהרמאַן, ער האָט גענומען א גוי פון כאַנזשע — דאָס דאַרף נעבען דער גרעניץ — און איהם געהייסען פאָהרען שנעל אהיים.

„די פאדלע שלעפט זיך ווי א טשערעפּאכע“, האָט ער געברומט.

אַז ער איז אַריין אין שטוב, איז ער געפאַלען שיינע ברײַנען אויפ׳ן האַלז, גישט שעהמענדיג זיך פאַר דער שכנ׳טע, וואָס איז דאָן געווען אין שטוב און געשטאַנען נעבען קוימען. ער האָט שיינע ברײַנען געקושט פון גאַנצען הארצען. אפילו נאָך דער חופּה האָט ער זי אַזוי נישט געקושט. א פערשעהמטע האָט זי זיך אַרויסגערעהט פון זיינע הענד און האָט עפּעס־וואָס גשטאַמעלט. „וואָס איז די חרפּה?— האָט ער זיך אָבגערופען — מיר זענען דאָך מאַן און ווייב“. „אודאי“, האָט איהם די שכנ׳טע צוגעהאָלפען און געשמייכעלט. שיינע ברײַנע איז געווען אי פערשעהמט, אי טרויעריג. „דאָס קינד איז אפשר קראַנק?“ האָט ער אומרוהיג א פרעג געטהון. „ניין“ האָט זי געזאָגט שטיל. ישראל משה איז צוגעגאַנגען צו וויגעלע, האָט אָנגעהויבען פרעהליך צווּיטשען צום עופ׳עלע, וואָס איז געלעגען מיט אָפענע אויגען: „מענדעלע, מענדעלע, קדיש מיינער!“ און אַזוי שפּילענדיג זיך האָט ער פערהויבען די קאָלדרע און האָט דערזעהן דאָס צאַרטע קערפּערל. ער איז אויפגעציטערט געוואָרען.

אַז שיינע ברײַנע האָט דערהערט ווי ער מורמעלט „מענדעלע“, האָט זי באַלד פערשטאַנען זיין טעות און א זאָג געטהון שטיל:

„זי הייסט מינדל“.

ער איז געוואָרען ווייס ווי שניי און באַלד דערויף רויט ווי א פייער. ר׳ אברהם חיים האָט איהם אָבגענאַרט! — און אַז ער איז געקומען צו זיך האָט ער אויסגעשריען ווילד ווי א חיה:

„גיט מיר א האַק — איך וועל איהם אוועקהרגענען!“

שיינע ברײַנע איז צעמישט געוואָרען. זי האָט נישט געוואוסט, וועמען ער וויל דערהרג׳ענען, און יז האָט איהם גיעפּרובט אָבהאַלטען, שרייענדיג צו דער שכנ׳טע:

„פייגעלע קרוין, נשמה, האָט רחמנות און רופט מענשען!“

ער האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ווייבס הענד און האָט אָנגעהויבען זוכען די האַק. דערווייל זענען שוין אַריין אין שטוב פייגעל׳ס מאַן און ברודער און נאָך צוויי שכנים און מען האָט אָנגעהויבען איהם בערוהיגען, זיי האָבען איהם אוועקגעזעצט נעבען טיש און איהם געמוסרט, אַז ס׳איז נישט שען פאַר א איד, און בפרט פאַר א שענעם איד ווי ער, אַרויסצווייזען אַזא רוגזא. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי איינס, כאָטש די שטימע איז געוואָרען אַלץ שטילער: „איך מוז איהם אוועקהרגענען!“

און שיינע ברײַנע איז געשטאַנען ביים קוימען טרויעריג און צעבראָכען, און געזאָגט צו פייגען גאַנץ שטיל:

„חייקע פּיוועל ציגיינערס, די אויסגעלאַסענע מויד, זי האָט דאָך כסדר געשמייכעלט, בשעת זי האָט געשריבען דאָס קאַרטעל, נאָר זי האָט עס מיר אָנגעמאַכט“...

# ר׳ זינדעל תלמיד חכם

אַז גאָט האָט געבענטשט ר' אברהם חיים עשו'ן און ער איז געוואָרען בעלייבט (רייך) האָט ער זיך בעשלאָסען נעהמען אַ ישיבה־בחור פאַר אַנ'איידעם. ר' אברהם חיים איז געווען אַ איד אַ פקח און געהאַט אַ ווייטען בליק. ער האָט זיך שטענדיג געוויצעלט איבער דעם לעבען פון די פעך־הענדלער — מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ אַלטען ליץ — אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פערגעסען דעם „מוסר השכל" פון דעם דאָזיגען גלות־לעבען, און איידער זיך משדך זיין מיט אַ פעך־אידען, האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען אין לאָמזשער ישיבה און נעהמען דאָרט אַ מאַן פאַר זיין צירלען, די עלטערע טאָכטער. אַ קרעמער אדער אַ סוחר און אפילו אַ ריכטיגער שניידער וועט זיך דאָך נישט משדך זיין מיט אַ פעך־הענדלער, און מיט די שמי־דאַקעס — דאָס איז געווען אַ פערצווייגטע משפחה אין גראַיעווא — אָדער אפילו מיט אַ גוטען שוסטער האָט ווידער ר' אברהם חיים זיך נישט געוואָלט משדך זיין.

אין אַ שענעם בין־הזמנים, צווישען ראש השנה און יום־כפור, האָט ער זיך אוועקגעלאָזען אין לאָמזשער ישיבה און אויסגעקליבען אַ בחור אַ צאַצקע, זוהנ־דעל מתמיד פון שטשוטשין, די נאָהענטסטע שכנ'טע פון גראַיעווא אויף מערב־זייט, אַ קיימא לן פון צוויי מייל ווייט פון גראַיעווא. אַזוי ווי אסרו חג האָט ער געמוזט צוריק קיין דייטשלאַנד, האָט ער עס שנעל אָבגעמאַכט, אַ טאָג פאַר סוכות האָט מען געשריבען די תנאים און חול־המועד האָט מען גע־פראַוועט די חתונה. צירל, וואָס איז געווען גענואַוינט צו שפּאַצירען אויפ'ן „גרי־נעם בארג", ווען דער טאַטע איז נישט געווען און פלעגט זיך דאָרט טרעפען מיט בחורים אויך, האָט שטאַרק געהאַט פעראיבעל, וואָס מען גיט איהר אַ מאַן אין אַ פערמאַכטען זאַק, נאָר אַז זי האָט איהם דערזעהען אונטער דער חופה צום ער־שטען מאָל, האָט זי זיך געפרעהט; זי האָט געזעהען, אַז דער טאַטע איז אַ אַלטער סוחר און ער וויס, וואָס איינצוקויפען — גרויס און שען, שענער ווי אַלע שניי־דער־יונגען, שוסטערס און סטאָליאַרעס און אפילו ווי די שמיר־יונגען, וואָס קו־מען אַראָב פון פרייסען פערפוצט אין „בגדי מלכות".

אַזוי ווי ר' אברהם חיים איז געווען דער ערשטער פעך־איד, וואָס האָט זיך איינגעקויפט אַ איידעם אַ בן־תורה, איז ער געשטיגען אין די אויגען פון די גבירים, דעם דיין און אפילו אין די אויגען פון רב. נאָר די לאָבוסעס פון באַר־גאַם האָבען זיך מיט דעם ווייניג־וואָס געררעכענט און אַז די געסט זענען אַרויס מיט דער כלה פון ר' אברהם חיים'ס שטוב און זיך געלאָזען געהן מיט מוזיק צום שוהל, האָבען אָט די חברה בעגלייט דער כלה מיט אַלטע און נייע לידלעך, וואָס זיי האָבען מחבר געווען ספּעציעל פאַר דזשעקטשאַרסקע חתונות, און אי־בערגעשריען די פידעלעך, אונטער דער חופה איז ר' אברהם חיים געשטאַנען אַ פערביטערטער, ווייל די לאָבוסעס זענען געשטאַנען אויף די צוימען און לאַכענדיג געמאַכט דעם אָנגעלאָפענעם עולם, אַז מען האָט נישט געקענט מסדר קידושין

זיין. איז דאָס נאָך ווייניג, האָבען זיי א לאַז געטהון פערשטונקענע אייער ריב־טיג אין דער כלה אריין. ווען נישט ר׳ אברהם חיים׳ס געלאַסענקייט, וואָלט אַ אומגליק פאסירט. האַצקעל, ר׳ אברהם חיים׳ס א יונג, האָט אויך געכאַפּט מיט א פערשטונקענע איי, און דערצו נאָך א קאַטשערנע; האָט ער לאַנג נישט געטראכט א כאַפּ געטהון פון רב דעם שטעקען מיט דעם זילבערנעם הענדטעל און זיך געלאָ־זען אויף דער חברה, שרייענדיג: „איך וועל זיי צורייסען ווי א הערינג״. ר׳ אבר־הם חיים האָט איהם אבגעהאַלטען און איהם נאָך גוט אויסגעשייגעצט, וואָס ער האָט געכאַפּט דעם רבי׳ס שטעקען.

אַ איד א חכם איז עס געווען; ווען ער לאָזט האַצקלען געהן, וואָלט בלוט פערגאָסען געוואָרען. בשעת מעשה האָט ר׳ אברהם חיים זיך דערמאָהנט אָן אזאַ פאַל, וואָס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אז גלייך פון דער חופה האָט מען גע־פיהרט דעם חתן אין קאָזע אריין... און אזוי ווי מען האָט אויף זיי נישט גע־לעגט קיין אכט, האָבען לאָבוסעס חברה איינגעלעגט דעם שוהל־הויף, ביז זיי זע־נען הייזעריג געוואָרען. בעזונדערס האָבען זיי געזונגען מיט׳ן לידעל: „האָט אַ פעך־איד א נייעם משרת, פאר זיך און פאר דער טאָכטער אויף כפּרות״. אבער ר׳ אברהם חיים האָט געשמייכעלט: נישט איהם מיינט מען — ער האָט גענומען א ישיבה־בחור, וואָס וועט זיצען און לערנען און אביסעל צוהאַנדלען, אבער נישט זיין קיין משרת.

ביי די „שבע ברכות״ האָט זונדעל מתמיד געהאַלטען א דרשה. ר׳ אברהם חיים האָט א טשוואַק נישט פערשטאַנען פון גאַנצען פּלפּול, אָבער טרעהרען זע־נען איהם געשטאַנען אין די אויגען, ווען דער דיין האָט געדריקט דעם חתן די האַנד. זיין ווייב ווידער, וואָס האָט אריינגעקוקט בראש פון די שכנה׳טעס דורך די שפּארעס פון קיך־טהיר, איז געווען אזוי איבערראַשט, אז זי האָט זיך גע־כאַפּט מיט אלע ווייבער קושען. דאָס איז געווען א שטאַרקער אויסדרוק פון בע־גייסטערונג, בעזונדערס ווען מען דערמאָהנט זיך, ווי זי האָט פיינד געהאַט די שכנות און ווי זי פלעגט וועלען בין־הזמנים, אז זיי זאָלען פּלאַצען פון פערדרוס, ווען זי פלעגט זיך שלעפּען מיט קושען פון כל־טוב...

דאָס מאָל איז ר׳ אברהם חיים אוועקגעפאָהרען אסרו־חג מיט א רוהיגען געמיט. ראשית כל איז איהם אראָב א בארג פון קאָפּ, און צווייטענס, ס׳איז גע־בליבען אין שטוב א מאַנספּערשוין, און נישט אבי א פלאָקען, נאָר א כלי, אַ צאַצקע... דאָס ווייב ווידער האָט געליטען גרויסע יסורים. יאָהרען־יאָהרען איז זי געווען געוועהנט, ווען דער מאַן פלעגט נישט זיין, אָבצוקומען מיט א לונג און א פּוס משבת לשבת, אבער אז ס׳איז דאָ אַנ׳איידעם אין שטוב, געהט עס נישט. און אז זי האָט זיך צו איהם צוגעוועהנט, האָט זי געוואָלט אָנהויבען „אביסעל״ צוקאַרגען. אָבער צירל האָט עס נישט דערלאָזט. איינמאָל, ווען זונדעל איז געווען אין בית־המדרש, איז אויסגעבראָכען אזאַ מחלוקת צווישען דער מאַמען און דער טאָכטער, אז מען איז זיך צונויפגעלאָפען אויף זייערע געשרייען, און ווען די טאָכטער זאָל נישט האָבען קיין בושה — זי האָט געוואָלט, אז איהר מאַן זאָל זיך דערפון חלילה נישט דערוויסען — וואָלט זיך די מחלוקת אזוי שנעל נישט געענדיגט. דער סוף פון שפּיל איז געווען, אַז די טאָכטער האָט אריינגעשריבען א בריוועל דעם טאַטען, און ר׳ אברהם חיים האָט דעם זו״ג באַלד געשריבען

א בריף, אז ווען מען האט איהר איהם פארגעלייענט, איז זי שיער נישט אין חלשות געפאלען. זינט דעם האט זי זיך טאקי געבעסערט, נאר קארגשאפט איז דאך א נאטור־זאך, א ליידענשאפט ווי אלע ליידענשאפטען; פלעגט זי פון צייט צו צייט פרובען נאכקומען איהר ליידענשאפט, אבער ס'איז איהר קיינמאל נישט געלונגען.

דאס יאהר, וואס זונדעל איז געווען ביי ר' אברהם חיים'ען אויף קעסט, איז זי, ר' אברהם חיים'ס ווייב, שיער פון זינען אראב. אזוי ווי זי האט אין די פינף חדשים גארנישט אבגעשפארט, האט זי דאך נישט געקענט בין־הזמנים בריקען געגען די שכנה'טעס און די גביר'טעס אין יאטקע און אויפ'ן פיש־מארק און אזוי ווי זי איז געווען מיט דעם בריקען געוועהנט יאהרענלאנג, האט זי שיער נישט געפלאצט פון פערדרוס.

קוים איז אריבער דאס קעסט־יאהר, האט זיך געשטעלט די פראגע פון פרנסה פאר'ן יונגען פאר. ר' אברהם חיים האט געהאלטען, אז זונדעל פאסט נישט פאר א קרעמער און זונדעל האט דאס אויך צוגעגעבען. טא וואס וועט ער טהון מיט די הונדערט רובעל נדן? האט ער זיי אוועקגעליהען זיין שווער. — ווי נאר ר' אברהם חיים איז אוועק קיין דייטשלאנד, האט זיך זונדעל אוועקגעלאזט אין שטשוטשין, זיין געבורטס־שטעדטעל. דארט האט ער געהאט א סך קרובים און געהאפט עפעס צו געפינען. זיין צירל איז געבליבען מיט דער מאמען, ווייל זיי האבען געקריגען אויף פינף יאהר א קאמער אין דער צוויי־צימערדיגער דירה פון אברהם חיים'ען. זונדעל האט געוואלט ווערען א רבי אין דער תלמוד־תורה, נאר ער האט זיך נישט געקענט אריינקריגען; די, וואס זענען נאהנט „צום שיסעל", האבען אלץ נאך אנהויב יאהר בעזעצט. האט ער געוואלט עפענען א חדר, האבען עס די אנדערע מלמדים דערשמעקט און אט דער חלום איז אויך שנעל צוריסען געווארען. וואס טהוט מען? האט איהם געזאגט זיין פעטער, ביי וועמען ער איז געווען: „די זיכערסטע פרנסה איז מלאכה; איך וועל דיך אויסלערנען גארבען פעל און דו וועסט זיין א גארבער". זונדעל איז בלאס געווארען: צו וואס האט ער אזוי פיל געלערענט אין דער ישיבה? גע'חלומט האט ער פון רבנות און וועט ווערען א גארבער? דער פעטער האט פערשטאנען, אז זונדעל צווייפעלט, ווייל עס איז נישט קיין שטארק בכבוד'יגע מלאכה, און ער האט געזאגט: און אז דיין שווער איז א שמיר־איד, איז ער נישט קיין כשר'ער איד? שטשוטשין איז ווייט פערצען וויארסט פון גראיעווא, ווער דארף וויסען, וואס דו טהוסט? דיין ווייב וועסטו זאגען, אז דו ביזט א מלמד.... ווי זונדעל האט נאר דערהערט, אז ער קען עס אויסבעהאלטען פון גראיעווא, האט ער מסכים געווען. — איינמאל אין חודש פלעגט ער קומען אויף א שבת צו זיין ווייב, פלעגט ברענגען א פאר טאלער פאר איהר און פאר משה בערלען — דאס קינד, וואס איז אינצווישען אנגעקומען — און באלד זונטאג פלעגט ער ווידער אוועק צו זיין פאסקודנער מלאכה.

אנפאנג ניסן איז ר' אברהם חיים געקומען אהיים. דאס ווייב האט איהם דערציילט, אז זונדעל איז געווארען א מלמד און ברענגט צירלען זיינע „שכירות". דאס האט ר' אברהם חיים'ען שטארק הנאה געטהון: מיט דער צייט קען ער ווערען א אמת'ער רב... די לעצטע וואך פאר פסח, אז אלע מלמדים האבען שוין צולאזען די חדרים און זונדעל איז נישט געקומען, האט זיך ר' אברהם חיים שטארק

געוואונדערט.. בפרט אז זונדעל ווייס דאָך, אז דער שווער קומט פון זער גרויסער וועלט בעצייטענס און מען דאַרף איהם געבען שלום־עליכם. וואָס טהוט א מענש נישט צוליב פרנסה — האָט געטראַכט ר' אברהם חיים — אבער וואָס טהוט א מלמד אין שטשוטשין ערב פסח, אז די משפחה איז אין גראַיעוואָ? און אז זיין ווייב האָט איהם א זאָג געטהון, אז זי האָט געחלומט, אז זונדעל איז קראַנק, האָט ער קיין סך נישט געטראַכט, זיך אַרויפגעזעצט אויף א וואָגען און אין צוויי שעה אַרום איז ער שוין געווען אין שטשוטשין. ער איז אויסגעגאַנגען אַלע בתי־מדרשים און מנינים, און אז ער האָט איהם נישט געפונען, איז ער אַוועק צו זונדעלס פעטער דעם גאַרבער. דאָרט האָט ער געזעהען זונדלען זיצענדיג אין קיך ביים עסען. זעהענדיג זונדעלס בגדים און ווי ער איז בלאַס געוואָרען, האָט ער באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. זונדעל איז אויפגעשטאַנען און מיט א אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ איהם געגעבען שלום־עליכם. באַלד האָט זיך געיאָוועט זיין פעטער און געענטפערט ווי אויף א פראַגע: „מה רעש? א שמיער־איד איז א מענש און א גאַרבער איז א חיה? אויב זונדעל איז א תלמיד־חכם וועט עס ביי איהם די פעל פון די אָקסען נישט צונעהמען". דערווייל זענען אַלע דריי אַריין אין „שטוב" און זיך געזעצט ביים טיש. ר' אברהם חיים'ען האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ: ער האָט גענומען א ישיבה־בחור און געקריגען א גאַרבער. כדי איהם צו בערוהיגען, האָט זונדעלס פעטער געזאָגט: „און איהר ר' אברהם חיים, אז איהר זענט א פעך־איד, זענט איהר נישט קיין חכם און מיט אַלע מעלות?" און אז ער האָט בעמערקט, אז עס נעהמט איהם, האָט ער צוגעגעבען: „און ר' יוחנן הסנדלר און ר' יהושע נפחא, דער שמיד, האָבען נישט מחיה מתים געווען?". ביי דער טענה האָבען זיך די בעלי־מלאכות שטענדיג געהאַלטען און זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס די גבירים, פון וועלכע א סך קענען א בלאַט גמרא, קוקען אויף די בעלי־מלאכות פון אויבען אַראָב.. דאַן איז זונדעל געקומען צו זיך און געלאָזען דערצעהלט זיין שווער, ווי ער איז צו דער דאָזיגער מלאכה געקומען. „איך האָב עס געמאַכט — האָט ער געענדיגט — כדי צו קאָנען מפרנס זיין מיין ווייב און קינד, און נישט דאַרפען נעהמען ביי אייך, וואָס איהר זענט נע ונד צוליב דעם שטיקעל ברויט פאַר זיך". ר' אברהם חיים איז געוואָרען זעהר ווייך און געזוכט צו בערוהיגען זיין איידעם. פונדעסטוועגען האָט ער געהאַלטען, אז ס'איז בעסער אז אין גראַיעוואָ, און אפילו ביי איהם אין שטוב, זאָל קיינער דערפון נישט וויסען. זיי האָבען ביידע בעשלאָסען צו זאָגען, אז ער האָט זיך צוגעקיהלט און איז געלעגען קראַנק ביים פעטער אין שטוב.

קומענדיג אַהיים, האָט איהם ר' אברהם־חיים באַלד געלעגט אין בעט און צירל האָט איהם בעדינט ווי א מאַמע. אז קיינער איז אין צימער נישט געווען, האָט זיך ר' אברהם־חיים אַריינגעכאַפּט צו זונדלען, איהם געגלעט אויפ'ן קאָפּ און ביידע האָבען געלאַכט פון דעם איינפאַל. ערב פסח איז ער אויפגעשטאַנען און פסח איז ער געגאַנגען אין שוהל מיט'ן שווער, אָנגעטהון אין א שוואַרצע קאַפּאָטע און א רבנישען הוט. ר' אברהם חיים'ען האָט שטאַרק הנאה געטהון, וואָס אַלע האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט קנאה.

און די יום־טוב'דיגע טעג זענען אַוועק.

ר' אברהם חיים האָט זיך צוריקגעקעהרט צום שמיער־וועגעלע, און זונדעל — צום פעטער'ס גאַרבאַרניע.

אין חודש תמוז, א פרייטאָג, האָט דאָס פּאַסירט, וואָס האָט בעשטימט זונדעלס שיקזאַל אויף זיין גאַנצען לעבען. — איידער ער פלעגט פאָהרען אַהיים, פלעגט ער געהן אין שטשוטשינער באָד און זיך גוט אויספּאַרען. יענעם פרייטאָג אין פּלוצלינג געשטאָרבען דעם בעדער'ס טאַטע און מען האָט די באָד נישט גע־

הייצט. ער האָט זיך אַפּילו גוט אָבגעטובלט אין מקוה, אָבער דאָס קאַלטע וואַסער האָט, ווייזט אויס, נישט אויסגעצויגען דעם שלעכטען פּעל־ריח פון זיין קערפּער. פאַהרענדיג קיין גראַיעווא, האָט ער בעדאַרפט לאָזען עטליכע פּעקלאך ביים גוט־בעזיצער אין פּאַפּאָווע; ער האָט אויסגעליידיגט דעם זאַק און איהם גענומען מיט זיך. אַנקומענדיג אַהיים, האָט ער זיך ראשית כל אריינגעכאַפּט אין שטאַל און אין אַ ווינקעל אָבגעלייגט דעם ליידיגען זאַק. וואָס ער האָט געדאַרפט זונטאַג מיט־נעהמען מיט זיך קיין שטשוטשין. צירל האָט איהם אַפּילו געזעהן אַרויסגעהענדיג פון שטאַל, נאָר זי האָט זיך געשעמט איהם צו פרעגען, וואָס ער האָט דאָרט געטהון. זיצענדיג פריטאָג־צו־נאַכטס ביים טיש האָט פון איהם געהאַקט עפּעס אַ שלעכטער ריח. ער אַליין, זייענדיג געוואוינט מיט דעם, האָט עס נישט געפיהלט, אָבער צירל האָט עס שטאַרק געפיהלט און ווי אויף צו להכעיס האָט עס איהר געצויגען איינ־צואָטעמען כסדר דעם ריח. עפּעס האָט איהר דער גערוך דערמאָהנט און זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָהנען, וואָס דאָס איז. ביינאַכט איז זי שיער נישט דער־שטיקט געוואָרען און בשום אופן נישט געקענט צוטהון קיין אויג. אַז ער האָט גע־כראָפּעט, האָט זי זיך צוגערוקט צו איהם און אַרומגעשמעקט זיין העמד, זיין האַלז, און צום סוף האָט זי זיך דערמאָהנט, אַז אַזאַ שטינקענדיגען ריח פלעגט זי פיהלען געהענדיג צום בעקער דורך די צילעס, נעבען דער גאַרבאַרניע. זי איז אויפגעשפּרונ־גען פון בעט, זיך אָנגעטהון און אריין אין שטאַל. אַז זי האָט געפונען דעם זאַק און איהם צוגעלייגט צום נאָז, איז איהר נישט גוט געוואָרען אַזש צום ברעכען. זי איז אריין אין שטוב בלאַס ווי קאַלך, און דעם גאַנצען שבת האָט זי איהם נישט צוגע־לאָזען אין איהרע ד׳ אמות.

זונטאַג אין דערפריה, אַז ער האָט זיך אָבגעזעגענט, האָט ער זיך פערגנב׳עט אין שטאַל אַרויסצונעהמען זיין זאַק. צירל איז איהם שטיל נאָך, און ווי ער האָט געוואָלט אַרויס פון שטאַל, איז זי אַריין. „וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַק?" האָט זי געפרעגט אויפגערעגט. ער האָט געשטאַמעלט. „דו ביסט אַ פערשטינקענער גאַרבער און נישט קיין מלמד — האָט זי איהם אריינגעפאַהרען גאַנץ שטיל, כדי מען זאָל חלילה, נישט הערען אין דרויסען — איך וועל מיט דיר נישט לעבען!" און זי איז אַרויסגעלאָפען שנעל. ער איז געבליבען אַ קורצע ווייל׳ע אין טונקעלען שטאַל, מיט׳ן זאַק אין האַנד, צומישט און צושראָקען, און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער איהם איינגעגראָבען אין אַ פערשעמטער און אַ צעשוויצטער זיך געלאָזען צו די פוהרען, וואָס פאַהרען קיין שטשוטשין.

דעם אַנדערען חודש האָט ער זיך שוין אַרומגעוואַשען אין באָד ווי ס׳דאַרף צו זיין. ער האָט אויף זיך געגאָסען הייסע שאַפּקעס איינעם נאָכ׳ן אַנדערען; ער איז אַרויף אויף דער העכסטער באַנק און געגעבען דעם שמש אַ האַלבע קאָפּיקע, ער זאָל איהם גוט דורכשמייסען מיט׳ן בעזים׳ל. קיין פּאַפּאָווע האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט מיטנעהמען קיין זאַק, און פונדעסטוועגען האָט צירל מיט איהם נישט געוואָלט רעדען, ווען ער איז געקומען. ביים עסען איז זי געזעסען פון דער צווייטער זייט טיש און ביינאַכט איז זי געלעגען אויפ׳ן קאַנט פון איהר בעט, כדי צו ליגען וואָס ווייטער פון איהם. ביידע האָבען נישט געקענט שלאָפען, אָבער זיי האָבען איינער מיט׳ן אַנדערען אַ וואָרט נישט גערעדט. ער האָט איהר געוואָלט פרע־גען, פאַרוואָס זי איז אויף איהם אין כעס און איהר אַרויסנעהמען פון הארצען איהר חשד, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדען; טאָמער וועט חס ושלום דורך דעם הילצערנעם וועגטעל הערען זיין שוויגער, וועט ער דאָן די ריכטיגע מפּלה האָבען... אויף צו־מאָרגענס, בשעת צירל האָט געזייגט אין זייער קאַמער דאָס קינד, האָט ער געפונען אַ שעת הכושר מיט איהר צו רעדען. ער איז צוגעגאַנ־

גען צו איהר, צוגערוקט זיין ארבעל, צו איהר נאז און געזאגט שטיל: „טהו א שמעק פון מיין ארבעל, דו האסט זיך געווים טועה געווען. זי האט אויסגעדרעהט דעם קאפ אן א זייט, און אז ער איז נישט אבגעטרעטען, איז זי אויפגעשטאנען מיט'ן זויגענדיגען קינד ביי דער ברוסט און איז אריבער אין צווייטען צימער, וואו די מאמע מיט דער שוועסטער זענען געווען. זונטאג איז ער נעביך אוועק צוריק קיין שטשוטשין, נישט האבענדיג זיך איבערגעבעטען מיט זיין צירלען.

די מאמע האט געזעהן, אז עפעס איז דא צווישען צירלען און זונדלען געשעהן, און אז עס איז איהר נישט געלונגען ארויסצוקריגען פון דער טאכטער גארנישט, האט זי זי געלאזען צורוה. „זיי וועלען זיך שוין איבערבעטען", האט זי זיך גע־טראכט. זי האט גאנץ גוט געדענקט דאס אלטע שפריכווארט: „וואו צוויי ליגען אויף איין קישען, זאל זיך קיין דריטער נישט מישען", און זי האט גובר געווען איהר נייגעריגקייט. — שבת מברכין חודש אלול איז איהם אויך נישט געלונגען זיך איבערבעטען מיט זיין ווייב. להיפך, אז זי האט איהם דערזעהן, איז זי געוואָ־רען א אנגעצונדענע און געשלאפען איז זי אויפ'ן קופער, וואס איז געשטאנען נע־בען די בעטען. איהר אויף צו־להכעים איז ער נאך שבת־צו־נאכטס אוועק צוריק קיין שטשוטשין, און אפט האט ער נאכהער געקלערט, צוליב וואס ער האט איהר געקרענקט. — וואס מעהר עס האט זיך צוגערוקט צו ראש־השנה, איז ער אלץ גע־ווארען רוהיגער: דער שווער וועט קומען, וועט ער שוין מאכען א שלום צווישען זיי; ער וועט איהר אויספאטשען רעכטס און לינקס, וועט זי שוין לעבען מיט איהם.

ר' אברהם חיים איז געקומען אהיים א וואך פאר ראש־השנה, פינף טעג פאר זונדלען. דאס ווייב האט איהם באלד דערצעהלט, אז עפעס איז געשעהן צווישען צירלען מיט זונדלען. נאר צירל דערצעהלט איהר גארנישט, עפעס ווי ס'וואלטען געווען סודות פאר א מאמען. דעם זעלביגען אווענד, אז צירעל איז שוין געלעגען אין בעט, איז ר' אברהם חיים אריין צו איהר און שטרענג געפרעגט, וואס עס איז געשעהן. אויך נאך דער חתונה איז ר' אברהם חיים געבליבען ביי צירלען עפעס „א פעטער, וואס איז געקומען אויף יום־טוב פון פרייסען" און פאר גרוים הרפה האט זי זיך איבערגעדעקט מיט דער פערענע איבער די אויגען און האט א ווארט נישט געענטפערט. „אויב איך וועל אויף דיר אראבלאזען דעם פאס — האט ער איהר געסטראשעט האלטענדיג אין האנד דעם שפיץ פאס — וועסטו מיר שוין ענטפערן". זי איז אויסגעבראכען אין א יאמער און קלאגענדיג ווי אויף חורבן בית־המקדש האט זי אלץ דערצעהלט. „בינסט דאך גאר א נאר", האט ער געזאגט מיט א ווייכער־שטימע און איז ארוים. אויף צו־מארגענס האט ער ווידער געפונען א שעת הכושר און געוואלט מיט איהר פערלעגען א טענה. דאס מאל האט זי נישט געוויינט; זי האט אויסגעשטעלט א פאר גרויסע אויגען — עשו'ס משפחה האט געהאט א שם מיט זייערע גרויסע אויגען — און מיט א ענטשלאסענער שטימע אויסגערופען: „איך וועל נישט לעבען מיט א פערשטונקענעם גארבער, איהר מעגט מיך צושניידען אויף שטיקער!" ר' אברהם חיים, וואס האט זיינע טעכטער ליעב געהאט און זיי פערשטאנען, האט אראבגעלאזען דעם קאפ און גארנישט געענט־פערט. די ריכטיגקייט געזאגט, איז ער אויך נישט געווען צופרידען פון איידעם'ס מלאכה און האט נישט געקלערט, אז ער וועט ביי דעם אייביג בלייבען. די מאמע האט צושיקט ביידע טעכטער, די איינע צום בעקער אויסוועלגערן מצה'קעס מיט ציבעלע און די אנדערע אין מארק — אנדערש האט זי זיי נישט געקענט ארויסקרי־גען פון שטוב, ווען דער טאטע פלעגט זיין אין דערהיים — און דאן האט זי זיך אלץ דערוואוסט פון איהר מאן. א ווייל איז זי געווען אין כעס אויפ'ן איידעם און א ווייל אויף דער טאכטער און געבליבען איז זי ביים רוגז אויף דער טאכטער: „וואס מיינט זי, אז דו בינסט ראטשילד? ס'איז טאקע א מיאוסע מלאכה, אבער

אויב דו וועסט איהם אָבנעהמען, מוסטו דאָך איהם צוריקגעבען די הונדערט רובעל".
„מיין פּלונית'טע איז אַ חכם פון אויג", האָט ר' אברהם חיים געטראַכט, ווייל גראָד די מינוט האָט ער אויך געקלערט וועגען די הונדערט קערבלאַך, וואָס ער האָט אריינגעלעגט אין געשעפט און וואָס טראָגען גאַנץ שען.

אויפ'ן אַנדערן טאָג האָט ער אַרויסגעשיקט זיין ווייב מיט דער יונגערער טאָכטער פון שטוב און איז געבליבען אויף פיער אויגען מיט צירלען. ער האָט זיך געשפּילט מיט משה בערלען, וואָס איז געלעגען אין וויגעלע און געלאַכט אויפ'ן קול. ווען ר' אברהם חיים האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו זיין העלזעלע; דאַן האָט ער צוגערופען צירלען און איהר געבעטען אַ גלאָז טיי. ווי זי האָט איהם דערלאַנגט דאָס גלאָז טיי, האָט ער איהר אַ פרעג געטהון: „און ווען איך וואָלט דיר געגעבען אַ מאַן אַ פעד־הענדלער, וואָלסטו געווען צופרידען?" „אודאי! דו בינסט דאָך אויך אַ פעד־הענדלער, און אפילו פון די משרתים שטינקט גאַרנישט און זיי קומען אויס־געפּוצט אין בגדי־מלכות", האָט זי געענטפערט. „און אַז איך זאָל זונדלען מיט־נעהמען מיט מיר?", האָט ער שטיל אַ פרעג געטהון. זי האָט געשוויגען אַ ווייל. גלייך איז זי געקומען צו זיך און געענטפערט: „דאַן וועל איך האָבען אַ מאַן, וואָס ער איז אי אַ תלמיד חכם און אי נישט קיין גאַרבער". ער האָט איהר אַ קלאַפּ גע־טהון אויפ'ן פּלייצע מיט ליבע.

ר' אברהם חיים'ען איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אָט דער אויסוועג האָט אין זיך אַ סך מעלות. ערשטענס, ער וועט נישט דאַרפען צוריקגעבען די הונ־דערט „קאַרבאָנצעס"; צווייטענס, ער דאַרף האָבען צוויי יונגען אָדער איין יונג און אַ שותף, איז דאָך שוין בעסער, אַז מיט זיין יונג חאַצקעל זאָל פאָהרען זיין איידעם זונדעל, וואָס איז דאָך זיין בלוט און אַ אָרענטליכער מענש דערצו; דריי־טענס, שבת און אין די אָווענדען און אין די לאַנגע ווינטערדיגע טויטע טעג וועט זיין איידעם מיט איהם לערנען חומש און רש"י און עין יעקב אויך; פערטענס, צירל מיט זונדלען וועלען לעבען בשלום ובשלוה. — אומגעדולדיג האָט ער ערוואַרט זונדלען, נאָר בעצם איז ער געווען גאַנץ רוהיג, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זונדעל וועט מסכים זיין צו אַלץ, וואָס ער וועט איהם זאָגען. ער האָט געזאָגט צירלען, אַז ער האָט זיך ענטשלאָסען מיטנעהמען איהר מאַן מיט זיך, און זי האָט זיך צובלי־פעט פון גרויס שמחה.

פאָהרענדיג קיין גראַיעוואַ, האָט זונדעל זיך איינגעהזר'ט, וואָס ער וועט ריידען מיט זיין שווער: ער וועט אריינוואַרפען פסוקים פון דער תורה און משליב פון גמרא און מדרש, און דער אַלטער וועט דער טאָכטער שוין אויסלערנען הלכות נשים. — קומענדיג אהיים, האָט איהם זיין ווייב, צו זיין גרויסען שטוינען, פריינד־ליך מקבל פּנים געווען; און ער, דער תלמיד חכם און גוטהערציגער, האָט אין איין סעקונדע פערגעסען אַלע צרות, וואָס זי האָט איהם אָנגעטהון חדשים לאַנג, און ער איז געווען גליקליך. נאָך דעם זעלבען אָוונט, געהענדיג צוזאַמען פון בית־מדרש, האָט דער שווער געזאָגט דעם איידעם: „איך ווייס אַלץ, און איך האָב בעשלאָסען דיך מיטנעהמען מיט מיר". זונדעל איז ערשטוינט געוואָרען און געשוויגען. איין איינציגער געדאַנק האָט בעהערשט זיין מוח: וועט ער ווערען גאָר אַ פעד־איד? און ר' אברהם חיים האָט פאַרטגעזעצט: „אַ פעד־הענדלער איז דאָך אַ סוחר און אַ גאַרבער איז אין דער אמת'ן נישט מעהר ווי אַ האַקער ,אַ שינדער — דו וועסט זיין אַ סוחר, און אַנשטאָט צו בלייבען דיין גאַנצען לעבען אַ קליין גאַרבערל און אַ פשוטער אַרבייטער, אָבהענגיג פון יענעם, וועסטו זיין אַ בכבודיגער פעד־הענדלער, ווייל דו בינסט אַ תלמיד־חכם; דו וועסט זיין זעלבשטענדיג, מיין שותף און מיין יורש — איך האָב דאָך נישט קיין אַנדער זוהן". „איהר זענט אי קלוג אי גוט, שווער", האָט זונדעל געשטאַמעלט פאַר דאַנקבאַרקייט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ

פון חרפה. כדי אויסצוואַרצלען די גאַרבעריי אינגאַנצען פון זונדלען, האָט ר׳ אברהם חיים אַ שטאַרקען שמעק געטהון פון זיינע בגדים און געזאָגט: „דו בינטסט דאָך געווים געווען אין מרחץ און דאָך שטינקט פון דיר נבלה. פעך און טראָן און שמיער און שלייפאייל זענען ריין און האָבען אַ געזונטען ריח". „ס'איז אַזוי", האָט זונדעל צוגעגעבען, כאָטש ער האָט נאָך אין לעבען נישט אַ שמעק געטהון דעם ריח פון די דאָזיגע מינים.

קומענדיג אהיים, האָבען זיי זיך געזעצט ביים טיש. „זיץ נעבען איהם", האָט ר׳ אברהם חיים צוגערופען פאָטערליך צירלען. „זאָל ער פריהער געהן אין באָד", האָט צירעל זיך געפיעששטעט, זיך זעצענדיג נעבען זונדלען, און זי איז רויט געוואָרען.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט די שטילע „טראַגעדיע" אין ר׳ אברהם חיים'ס הויז.

אסרו חג האָבען זיי ביידע פערלאָזען גראַיעווא און זיך געלאָזען קיין „פרייסען". גאַנץ גראַיעווא האָט געקאָכט: אַ ישיבה־בחור איז געוואָרען אַ דזשענטשאַר. „דער אַלטער האָט פערפיהרט דעם זיידענעם יונגעלמאַנטשיק", האָבען ישיבה־בחורים געזאָגט. איינער פון די גבירים האָט געזאָגט: „אַנשטאַט זיך אויפהויבען צו אַ מדרגה מיט זיין איידעם, האָט ער אַראָבגעשלעפט דעם איידעם נאָך זיך". „ער וועט אָט די פשוטע אידען אַביסעל לערנען תורה, ר׳ אברהם חיים איז אַ כשר'ער איד און ער ווייס וואָס ער טהוט", האָט זיך אָנגענומען פאַר איהם דער דיין.

די פעך־אידען וואָס זענען צוזאַמענגעפאָהרען אין פראָסטקען, פון וואַנען זיי פלעגען זיך פונאַנדערפאָהרען איבער גאַנץ דייטשלאַנד, האָט די ידיעה געטראָפען ווי אַ דונער. „איצט, אַז ער האָט מיט זיך אַ תלמיד־חכם, וועט ר׳ אברהם חיים פערשלינגען אַלע מדינות", האָבען זיי געזאָגט איינער דעם אַנדערן מיט דאגה. און ר׳ אברהם חיים איז זיך אַרומגעגאַנגען צווישען זיי מיט אַ אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ אויף זיין איידעם, ווי אַ איד וואָס לאָזט זיך אין וועג אַריין און פיהרט מיט זיך אַ ספר תורה...

# אויף קבר אבות

ישראל משה האט גע׳ירש׳ענט נאך ר׳ אברהם חיים׳ען דעסוי און די מדינה. ר׳ אברהם חיים איז געשטארבען אין דעסוי פלוצלונג און די אידישע געמיינדע האט איהם מקבר געווען. ישראל משה האט זיך דערוואוסט וועגען דעם פון דעם איי־האבער פון דער קרעטשמע „צום גראסען אדלער“, וואס האט געלייענט יעדען טאג די צייטונג פון דעסוי. ער האט איהם געזאגט, אז די אידישע געמיינדע זוכט א אידען פון גראיעווא, וואס זאל טהון חסד של אמת מיט זייער לאנדסמאן. גלייך איז ישראל משה נישט געפאהרען קיין דעסוי, ווייל ער האט מורא געהאט, אז ס׳קען איהם פלאצען א פאר טאלער, אבער אין א וואך ארום איז ער אהין געקומען, פעסט ענטשלאסען צו פערנעהמען דעם אלטענס שמאלץ־גרוב דעסוי. ער איז גע־קומען מיט זיין יונג זלמן און פערפאהרען אין דער קרעטשמע „צום ווייסען בער“. ער האט זיך דארט ערקונדיגט, וואו חאצקעל ר׳ אברהם חיים׳ס יונג, שטעקט, און האט איהם פארגעשלאגען, אז ער זאל ארבייטען ביי איהם. חאצקעל איז געווען נאך זיין בעל־הבית׳ס טויט זעהר פערצווייפעלט. צוריק אהיים האט ער נישט גע־וואלט פאהרען, נאכדעם ווי ער האט טועם געווען דעם טעם פון דער גרויסער וועלט, און אנהויבען האנדלען אליין, איז איהם גארנישט איינגעפאלען, דער עיקר, ווייל עס האבען איהם אויסגעפעהלט די ערשטע הונדערט מארק. דעריבער איז ער שטארק געווען צופרידען פון ישראל משה׳ס אנגעבאט און האט אנגעהויבען אר־בייטען ביי איהם.

ישראל משה איז געוואָרען דאן דער בעל־הבית פון דער גאנצער מדינה אנ־האַלט און ס'איז איהם געגאנגען, אויף אלע אידען געזאָגט געוואָרען. חאצקעל האָט איהם פאַרגעשטעלט פאַר די פויערים, אז ער איז דער ברודער פון פערשטאָר־בענעם, און די פויערים האָבען זיך איהם אנפערטרויט ווי ר' אברהם חיים'ען, וועלכען זיי האָבען געקענט צעהנדליגער יאָהרען און איהם געהאַלטען פאַר זעהר אנ'אנשטענדיגען. אין א יאָהר צוויי ארום, אז חאצקעל פלעגט זיך צווערטלען מיט זיין בעל־הבית, פלעגט ער איהם סטראשען, אז ער וועט אויסזאָגען די גויים דעם אמת, אבער ישראל משה האָט איהם אויסגעלאכט. ער האָט געקענט זיינע גויים און געוואוסט, אז זיי וועלען חאצקלען נישט גלויבען... ווי אָפט פלעגט חאצ־קעל זיך עסען די לעבער, וואָס ער האָט אליין, אדער מיט א שותף נישט אָנגע־הויבען בערייזען דעסוי און ווערען א בעל־הבית פאר זיך, אבער אזעלכע זאכען לאָזען זיך נישט כאַפּען צוריק. א „זמן" פערגעהט און א זמן קומט, איין יאָהר לויפט נאָכ'ן אנדערען און חאצקעל בלייבט א יונג ביי ישראל משה'ן, קריגט קל־לות און חרמות אָהן א מאָס, און עסען פעהלט צו אמאָל צו דער זעט, און חאצ־קעל זעהט קיין אויסזיכט נישט, זיך אמאָל צו בעפרייען. „אויב ישראל משה באַ־דאנעם וועט שטארבען, וועל איך שוין נישט זיין אזא טפש, אז איך זאָל איבער־געבען אנ'אנדערען א פערטיגע פרנסה", האָט ער אָפט געטראכט. אבער ישראל משה איז נאָך געווען געזונט יונג און חאצקעל'ס האָפנונגען זיינען געווען זעהר שוואכע.

צום ערגסטען איז געווען אום ווינטער. דער בעל־הבית זיצט אויפ'ן וואָגען, צווישען די פעלצעך שמיר, די הענד אין די ארבעל פון שעפסענעם פוטער, און ער, דער יונג מוז האַלטען כסדר די לייצען און אָנטרייבען די פערדלעך. אָבער נאָך ערגער זיינען געווען יענע ווינטער־טעג, ווען ס'איז געלעגען א הויכער שניי און מען האָט נישט געקענט ארויספאָהרען מיט'ן וועגעל פון הויף פון „ווייסען בער". די בעלי־בתים פלעגען שיער נישט משוגע ווערען; זיי פלעגען זיך דרעהען כסדר פון קרעטשמע אין הויף אין שטאָל און פון שטאָל אין קרעטשמע. דאן ווידער פלעגען זיי האַלטען כסדר דעם קאָפּ אָן פענסטער אנגעשפארט און ארויסקוקען צים גרויסען הימעל און, קוקענדיג אויף די יונגען, וואָס ווייסען אין די טעג נאָך פון פרעסען און שלאָפען כביכול, פלעגען זיי שיער נישט קריגען אנ'אפּאָפּלעקסיע. דער אמת געזאָגט, זיינען די איצטיגע בעלי־בתים אויך געווען אמאָל יונגען און געוואוסט, וואָסער ענוי דאָס איז, אז דער בעל־הבית צעהלט יעדען כזית, וואָס דער־יונג נעהמט אין מויל אריין, אבער די זכרונות האָבען קיין בעל־הבית נישט גע־בראַכט דערצו, אז ער זאָל זיך אנדערש פיהרען מיט זיינע יונגען. אין ענין אכילה איז ישראל משה געווען בעקאַנט צום בייזען. יונגען דארפען קריגען ביי איהם עסען, ווען זיי ארבייטען, אבער בשעת דער שניי פערלעגט אלע וועגען און ס'איז נישטאָ קיין שטאָך ארבייט און קיין פעניג ריוח, איז ער נישט קיין משה מחויב זיי מפרנס צו זיין. „ווער ס'האָט מיר געגעבען דעם שניי, זאָל אייך געבען ברויט מיט טיי", פלעגט ער זיינע יונגען אין אזוינע טעג זאָגען. די יונגען האָבען פער־שטאַנען, וואָס ער מיינט, און פלעגען זיך ארויסלאָזען צופוס אין די דערפער, און דארט קריגען ביי די פויערים עפּעס צום עסען. זיי פלעגען נאָך אמאָל ברענגען פולע קעשענעס קארטאָפּעל און גראָבע ברויט, און ישראל משה בכבודו ובעצמו

פלעגט זיך אייך צו זאט אנעסען, ווייל אין די טעג האט ער זיך אויך נישט פערגינען דעם ביסען אין מויל. און ווי קאן עס זיין אנדערש? די פערהונגערטע טאלערס, איידער ס'איז אראב דער גרויסער שנייי, האט ער דאך שוין פערגראבען אין בויך־גארטען און ער האט איבער זיי מעהר קיין שליטה נישט, און וואס עס וועט זיין נאכ'ן שנייי, ווייס מען דאך נישט, דעריבער מוז מען זיין שפארזאם, זעהר שפארזאם. ווען ער וואלט זיך נישט געשעמט פאר זיינע יונגען, וואלט ער זיך ציזאמען ארויסגעלאזען איבער די דערפער און געבעטען עפּעס עסען מיט זיי צוזאמען...

דער ווינטער איז געווען זעהר א שטארקער. אלטע פעך־הענדלער האבען נאך אזא ווינטער נישט געדענקט, ממש דער היפך פון „ישראל משה באראנעס ווינטער". מען האט גערעדט, אז די שמיר זאל אין די פעסלעך האבען פערפרוירען געווארען. די פערד אין שטאל האבען געציטערט און דער וואגען אין הויף האט שיער נישט געפּלאצט. ביינאכט פלעגט דער הימעל זיין אויסגעשטערנט און אינדערפריה העל־גרוי. שליטענס זענען געלאפען איבער די גאסען און די גלעקלעך, וואס זייער קלאנג איז אזוי אנגענעהם, פלעגען ישראל משה'ן אייסער זיך מאכען. די שויבען זענען געווען בעדעקט מיט אייז און דורך צוויי לעכלעך, וואס ישראל משה האט געמאכט אין אייז מיט א קופערנער מטבע, פלעגט ער ארויסקוקען אין דרויסען. ישראל משה איז דאן געווען אויף אלץ אין כעס: אויף טאטע־מאמע, וואס זענען פריה געשטארבען, און ער האט צוליב דעם געמוזט אוועק אין דער ווייטער וועלט, אויף אברהם חיים'ען עליו השלום, וואס האט איהם מיט זיך גענומען, און נאכמעהר אויף די יונגען און אויפ'ן קרעטשמער, וואס האבען אויסגעזעהען ווי זיי וואלטען גאר א הנאה געהאט, וואס זיי זיצען דא און נעהמען איהם ארויס די לעצטע פרוטה פון קעשענע, און אפילו אויף דעם, וואס מען טאר נישט דערמאהנען אומגעוואשען, האט ער געהאט פאראיבעל און געטראכט, וואס מען טאר נישט. נאר אויף וועמען זאל ער אויסגיסען זיין ירגזון? אויף די, וואס ליגען אין דער ערד? אויף דעם, וואס זיצט אין הימעל? און אז ער זאל זיך פערטשעפען מיט דעם קרעטשמער, מיט דעם פאניץ, וועט ער איהם דאך איינס־צוויי ארויסטרייבען מיט די פערדלעך און מיט דעם וועגעל. דער קרעטשמער לעבט טאקי פון איהם — די ריכטיגקייט געזאגט, גרויסע אויסגעבער זענען די פעך־הענדלער קיינמאל נישט געווען — יא, ער לעבט פון איהם, אבער יעקי זוכט כבוד און פאר דער קלענסטער בעליידיגונג איז ער גרייט דיך אומצוברענגען. און אז אין כעס איז ער פארט, ישראל משה, און אז ער פלאצט שיער פון אויפרעגונג, קען ער זיין כעס נאר אויף די יונגען אויסגיסען. זעהט ער זיי זיצען אין זאל פון דער קרעטשמע, איז ווי מען וואלט איהם מיט אייז־קאלטע וואסער אבגעגאסען. זיצען זיי אין שטאל און אונטערהאלטען זיך, רעגען איהם אויף זייערע זארגלאזע פנים'ער. — ער גיט זיי א סידור אין האנד און הייסט זיי זאגען א פאר קאפיטלעך תהלים — אפשר וועט גאט רחמנות האבען און דער שנייי וועט צוגעהן. ער אליין פלעגט רעדען וואס מען דארף נישט, ווייל ער איז געווען אנ'עם־הארץ, דאווענען האט ער נישט געקענט, פון תהלים זאגען איז דאך שוין אבגערעדט, תפלין פלעגט ער לעגען זעהר זעלטען; נאר דאן ווען ס'איז איהם געווען ביטער, האט ער געגלויבט אין כח פון תהלים־זאגען און פלעגט אוועקזעצען זלמנ'ען און חאצקלען זאגען פסוק ביי פסוק, ווי אין בית־מדרש אין גראיעווא. ער פלעגט פון

זיי נישט אראבלאזען קיין אויג, און ווער איז דעם געווען, וואס האט א שמייס־בעל געטאן, אדער האט געוואלט אויפהערען, ווייל ס'איז איהם פשוט טרוקען געווארען אין האלז. דאס תהלים־זאגען פלעגט זיין אין שטאל נעבען די צוויי פערד, ווייל אין קרעטשמע וואלט דער גראבער קרעטשמער זיי אויסגעלאכט, און ישראל משה האט געשאנעוועט דעם תהלים'ס כבוד, בעזונדערס דאן, ווען ער האט געדארפט אנקומען צו זיין הילף... אז ס'איז איהם קאלט געווארען אין די ביינער, פלעגט ער איבעררייסען דאס תהלים־זאגען און די יונגען פלעגען זיך ארויסלאזען איבער דער „מדינה" עפעס אבצועסען. וואס מעהר די פרעסט האבען אנגעהאלטען און מען האט נישט געארבייט, איז ישראל משה געווארען בייזער, און די צרות פון די יונגען זענען געווארען גרעסער.

עס איז שוין געווען זעקס טעג נאכאנאנד א שטארקער פראסט און דער שנייע איז אלעמאל געווארען טיפער. ישראל משה פלעגט כסדר ארויס אין דרויסען, פערדרייסען דעם קאפ צום הימעל און וועלען ארויסקריגען, צי דער פראסט וועט פלאצען. מיטאגצייט, ארויסגעהענדיג אין דרויסען, האט איהם אויסגעוויזען, אז די קעלט איז שוואכער און ער האט געזעהן עפעס ווי א צייכען, אז דער שנייע צו־געהט באלד. ער האט אנגעקלאפט אין פענסטער און ארויסגערופען חאצקלען. „מיר דוכט זיך, אז עס טייעט, חאצקעל, ווי מיינסטו?" — האט ער איהם א זאג געטאן ארויסגעהענדיג, האט חאצקעל געפיהלט, ווי די אויערען האבען איהם א סמאליע געטהון פון קעלט, און געזאגט פשוט: „מיר דוכט, אז דער פראסט פערנעהמט זיך שטארקער". ישראל משה איז געווארען אנגעצונדען, פערקריצט מיט די צייהן און געשריגען ווילד: „ביי לייטען א יונג זוכט דעם בעל־הבית א בחת רוח אנצוטהון — די ערד זאל ארויסווארפען דיין טאטען, וואס איז אזוי יונג געשטארבען און דו ביזט צו מיר געקומען, מיך צו קרענקען און דאס הארץ אויפעסען!" דאס איז נאר געווען א הקדמה, און נאכהער איז אראב א האגעל פון קללות, אזעלכע מאדנע, וואס נישט יעדער פעך־הענדלער האט דערצו זוכה געווען. באלד נאכדעם איז כאצקעל ארויס צוויי מאל כסדר אין דרויסען, צוריק אריין אין קרעטשמע און געזאגט: „עס טייעט". נאר ער האט מיט דעם נאך ערגער גע־מאכט. ביים צווייטען מאל האט ישראל משה אויפגעהויבען זיין האנד, און אזוי ווי חאצקעל האט זיך אבגעדרעהט איז אראב זיין פויסט מיט'ן גאנצען כח אויפ'ן טיש און א גלאז ביער איז אבגעשפרונגען, אראבגעפאלען און צושמעטערט גע־ווארען אויף שטיקלעך. „און שארענס מאכסטו מיר נאך אויך אן אין אזעלכע ביטערע צייטען", האט ער געדונערט און נאכגעיאגט חאצקלען. חאצקעל איז אנטלאפען און נאך איהם אויך זלמן, כאטש ער האט דאך געווים גארנישט געטהון. ישראל משה איז געבליבען אין צימער, און אז דער קרעטשמער איז אריין און האט אנגעהויבען קלויבען די שטיקלעך גלאז גאנץ רוהיג — ער איז געווען גע־וואוינט צו דעם — האט איהם ישראל משה אנגעהויבען צו ערקלערען אויף א מין דייטש, פון וועלכען דער קרעטשמער האט א ווארט נישט פערשטאנען, וואס דא איז געשעהען, און האט צוגעלעגט א שורה קללות ספעציעל פעך־הענדלערישע (די האט דער קרעטשמער גיכער פערשטאנען)... דער גראבער קרעטשמער האט איהם א קלאפ געטהון אויפ'ן פלייצע און געזאגט: „מען מוז די זאכען נישט בעהמען אזוי ערנסט". „ער קען מיר מוסר זאגען, אז ער וועט אויף מיין חשבון

פֿערשרייבען דאָס צעבראָכענע גלאָז און אויך אויף איהר פּערדינען", האָט זיך ישראל משה געטראַכט און אַרויסגעברומט אַ קללה. — יענעם גאַנצען טאָג און גאַנצען אָוועגד האָט ער זיך נישט גערירט פון קרעטשמע, כדי די יונגען זאָלען נישט קאָנען אריין און זאָלען טאַקי פּלאַצען פון פּראָסט אויף די גאַסען אָדער אין שטאָל.

אויף צומאָרגענס איז דער פּראָסט געוואָרען נאָך שטארקער. ישראל משה האָט איינגעזעהן, אַז חאצקעל האָט דאָך רעכט געהאַט, אָבער צוגעבען דאָס האָט ער נישט געקענט — דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ בעל־הבית. „אויב עס וועט נאָך לאַנג אַזוי אַנהאַלטען, וועל איך אייך מוזען שיקען צוריק אהיים", האָט ער געזאָגט יענעם פריהמאָרגען חאצקלען און זלמנ'ען, ווען זיי האָבען זיך נאָר געוויזען אויף זיינע אויגען. אָט דעם פּזמון האָבען זיי גוט געקענט, און אויסערדעם האָבען זיי דערקענט אין זיין שטימע, אַז ער וויל זיך איבערבעטען. סוף־כל־סוף, אַז מען דאַרף אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים, ווער וועט איהם זיי זאָגען — דער קרעטשמער אָדער די פּעך־הענדלער, וואָס קאָנקורירען מיט איהם? יענעם טאָג איז ישראל משה געווען גוט — „ווי צו אַ געשוויר צוצולעגען", האָט חאצקעל געזאָגט — און מיטאָגצייט האָט ער בעשטעלט פאַר זיי צוויי קליינע „העלע" (פערקירצונג פון „העלען ביער"). כאָטש ער האָט זיי נישט געבעטען, האָבען זיי אליין גענומען זיין סידור, אריין אין שטאָל און מיט חשק אָבגעזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים. אַז ער איז אַרויס אין הויף און געהערט הינטערן טהיר די „אינגלעך" זאָגענדיג תהלים, איז ער געוואָרען גערירט ביז טרערען... זיי זענען דאָך גוטע קינדער, און איך בין אַנ'עם־הארץ, אַ רשע — האָט ער זיך געטראַכט און איז אַוועק פון שטאָל אויף די שפּיץ פינגער.

ארום דריי אַזייגער בייטאָג איז ער אַוועק אויף „קבר אבות", אויפ'ן קבר פון ר' אברהם חיימ'ען. דעם גאַנצען טאָג האָט ער געטראַכט בסדר פון ר' אברהם חיימ'ען און געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ס'איז זעהר נישט ריכטיג פון איהם, וואָס ער איז די גאַנצע פיער יאָהר נאָך זיין טויט קיין איינציג מאָל נישט געווען אויף זיין קבר. ער איז טאַקי שטענדיג פּעריאָגט ביי זיין ביטערער פרנסה, אָבער אין אַזעלכע פרעסט, ווען ער געהט אויס פון לאַנגווייליגקייט, פאַרוואָס זאָל ער טאַקי נישט געהען אויף קבר־אבות? עס איז אַ פליכט, און אַ מצוה אויך, און עס קאָן טאַקי אַמאָל העלפען אויך... לכתחילה האָט ער געמיינט מיטצונעהמען מיט זיך ביידע יונגען, נאָר אַמענדע האָט ער בעשלאָסען צו געהן אַליין. סוף־כל־סוף איז עס דאָך אַ גוישער בית־עלמין — טאָ וואָס האָט ער מורא צו האָבען? און אפשר וועט זיך איהם ביים קבר אַרויסכאַפּען עפּעס אַ גרייז, וועלען עס די יונגען צעליינען אויף טעלערלעך ביז גראַיעוואַ, און נאכהער וועט ער זיין צו שאַנד און צו שפּאָט.... ער האָט אָנגעזאָגט די יונגען, אַז זיי זאָלען זאָגען אַ סך תהלים פאַר דער נשמה פון ר' אברהם חיימ'ען און איז אַוועק.

טרויעריגע געדאַנקען האָבען איהם אַרומגענומען, געהענדיג צום בית־עלמין. עס איז שווער און ביטער צו לעבען צווישען גויים, אָבער נישט קומען צו קבר ישראל — צי איז נאָך פאַרהאַן עפּעס שרעקליכערס? ער איז נישט גאַנץ זיכער, אַז ס'איז דאָ אַ גן־עדן, און דאָך — צו קבר ישראל וויל יעדער קומען... און איז עס נישט שרעקליך צו ליגען אין אַ פרעמד לאַנד, ווייט פון קרובים און ידידים?

אינדערהיים געהט מען יעדן יאָהרצייט אויפן' קבר, און תשעה באב גשווים, און דאָ אין דעסוי, אין אזא גוישער שטאָדט, וואָס דער ראַבינער איז אויך א גוי, איז דער איד אזוי איינזאם און זיין קבר אזוי פערלאָזען... „עס איז נישט גוט צו זיין א פעד איד", האָט ער געמורמעלט. — און אזוי איז ער אָנגעקומען צום בית־עלמין. דער שומר, אַן'אַלטער מאָגערער גוי, האָט איהם גאַנץ שען אויפגענומען, און הערענדיג, וואָס ער וויל, האָט ער געעפענט א בוך, דערמאָהנט ישראל משה'ן די גאַנצע מעשה, און איז געגאַנגען מיט איהם צום קבר. דער שניי איז געווען טיף, ביז די קניע, און זיי זענען קוים צוגעקראָכען צום קבר. דער שומר האָט אָבגעווישט מיט'ן האַנד דעם שניי פון קליינעם ברעטעלע, וואָס פאַר'ן קבר, און אז ער האָט געזעהן, אז דער נומער שטימט, האָט ער געזאָגט ישראל משה'ן: „דאָס איז דער קבר, וואָס מיין הערר זוכט". „דאַנקע שעהן", האָט ישראל משה אויסגערופען, אראָבנעהמענדיג עטליכע מאָל דאָס היטעל. דער וועכטער איז געגאַנגען צוריק צו זיין הייזעל, וואָס איז אין איינגאַנג פון בית־עלמין, און ישראל משה איז געבליבען אַליין ביים קבר.

א טויטע שטילקייט איז געלעגען ארום, נאָר דאָס קראַקען פון ווראָנעס אין דערסקלאַנג פון די גלעקלעך פון שליטענס האָט ער געהערט, און דאָס האָט נאָך אויף איהם מעהר אימה געוואָרפען. ער האָט זיך אָבער גענומען אין די הענד און זיך געמאַכט מוט. פאַר וועמען זאָל ער מורא האָבען — פאַר זיין ר' אברהם חיים'ען? צעהנדליגער יאָהרען איז ער ארומגעפאָהרען מיט איהם אויף איין וועגעל, אין די נעכט דורך פינסטערע וועלדער; ער איז אויך געשלאָפען מיט איהם אויף די אויבער־שטעלער און זיך געוואָרעמט נעבען זיין קערפער — פאַר איהם האָט ער עפּעס מורא צו האָבען? „ווען ר' אברהם חיים זאָל איצט אויפשטעהען פון קבר, וואָלט ער איהם ארומגעכאַפּט און געקושט", האָט ער זיך א טראַכט געטהון, און א קאַלטער שוויים איז איהם ארורך איבער'ן גאַנצען קערפער ביי דעם געדאַנק. צום סוף האָט ער זיך ווידער געמאַכט מוט און, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער געזאָגט: „ר' אברהם חיים". מעהר האָט ער א וואָרט נישט ארויסגעבראַכט. ער איז געשטאַנען ווי איינע פון די הונדערטער, הונדערטער מצבות, און פון זיינע אויגען זענען טרעהרען גערונען אזא צדיק, אזא גוטער, ווי ער איז געווען, און ער מוז ליגען צווישען גויים און קיינער בעזוכט נישט זיין קבר און לאָזט נישט אויף איהם קיין טרעהר. איז דאָ א גאָט אין הימעל, אז דאָס איז דער סוף פון ר' אברהם חיים'ען? אָט אזוי קלערענדיג, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען, געזעהן, ווי דער הימעל ווערט דונקעלער, און האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר זיינע שרעקליכע געדאַנקען. „דו ביזט אַן'עם־הארץ"! האָט ער זיך אַליין געזידעלט, מיט די שטיוועל האָט ער אָבגעשאַרט דעם שניי פון בערגעלע ערד, ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף איהם, האָט איהם ארומגענומען מיט זיינע אָרעמס און האָט זיך צוכליפּעט ווי א קליין קינד, ווי אַן'אומגליקליך קינד. ער האָט געשטאַמעלט: „גוטער ר' אברהם חיים", און ארויסרעדענדיג דאָס, האָט ער זיך דערמאָהנט ווי אויף צו להכעיס, ווי ר' אברהם חיים פלעגט איהם נישט געבען עסען און ווי ער פלעגט איהם מאַכען צו שפּאָט, אָבער ער האָט זיך בעמיהט צו פערטרייבען די דאָזיגע נארישע געדאַנקען, און פאַר איהם איז געשטאַנען ר' אברהם חיים אזעלכער, ווי ער איז אריין אין בית־המדרש, איהם ארויסגענומען

פון די משוגעים און איהם געזאָגט: „קום מיט מיר". „קום מיט מיר"! — ער האָט איצט געהערט ווידער די שטימע, ווי זי וואָלט פון קבר ארויס, און א טויטע שרעק האָט איהם ארומגעכאַפּט. עס האָט זיך איהם געדאכט, אז ער קאָן נישט אויפשטעהען.... אז ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, איז דער הימעל שוין געווען בעשאָטען מיט שטערען, און די ווייסקייט פון בית־הקברות און פון די מצבות האָט אויסגעזעהן, ווי אונענדליך פיל מתים, וואָס זענען איבער'ן קאָפּ בעדעקט מיט תכריכים. „וואָס האָט מיך אהער געטראָגען?" האָט ער געטראכט מיט מורא. נאָר אז ער האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער „ר' אברהם חיים", איז ער ווידער געקומען צו זיך. האלטענדיג שוין ביים אוועקגעהן, איז זיין בליק געפאלען אויף דעם קליינעם ברעטעל מיט די ציפערען. „פון וואנען האָט דער אלטער גוי גע־וואוסט, אז דוקא דאָ ליגט ר' אברהם חיים"? האָט ער זיך אליין געפרעגט. ווער ווייס? אפשר האָט ער זיך געוואָרפען אויף א פרעמדען קבר? און אפשר האָט ער אויסגעגאָסען זיין הארץ און א זכות געביעטען ביי אַנ'אַנלטער גויה, וואָס עס איז שוין פון איהר קיין זכר נישטאָ? און אפשר איז געוואָרען א ודאי, און ער האָט זיך פאר זיך אליין פערשעמט. „זיין גאנצען לעבען האָט ער געהארעוועט און אז ער איז געשטאָרבען, איז פון זיין גאנצער פראַצע נישט געבליבען אפילו אויף א מצבה נאָך איהם", האָט ער אויסגעשריגען און געזיפצט. ער האָט א וואָרף געטהון א בליק אויף די רייהען קברים און געזאָגט: וואו איהר ליגט, זאָלט איהר האָבען א ליכטיגען גן־עדן, ר' אברהם חיים! דאָ איז געווען אייער אמאָליגער משרת ישראל משה, איהר זאָלט בעטען פאר איהם, אז ער זאָל נישט שטארבען אין דער פרעמד". און ער האָט אָנגעהויבען געהען צוריק. אין דונקעלע האָט ער שווער געזעהן די צייכענס פון זיינע און פון שומר'ס טריט, און נאָך זיי איז ער געגאנגען צוריק צום טויער. אלע ווייַלע איז ער געבליבען שטעהן און אומגעדרעהט דיעם קאָפּ. טראַכטענדיג אזוי אין שניי, האָט ער געקלערט די אייביג־ריכטיגע מחשבות, וואָס יעדער קלערט, ווען ער זעהט דעם טויט אין זיינע ד' אמות. „אויב דאָס איז אונזער ענדע, פארוואָס זענען מיר אזוי קאַרג? און פאר־וואָס געבען מיר נישט די אָרימע יונגען דעם ביסען ברויט? און פארוואָס הרג'ענען מיר זיך אויף א פרוטה, אויב נאָכ'ן טויט קענען אויך דעם מלכ'ס אוצרות נישט שענקען צוריק דאָס לעבען?" — און אזוי קלערענדיג, איז ער דערגאנגען ביז'ן טויער. דאָס טויער איז געווען אפען, און פון פענסטערעל פון שומר האָט ארויס־געלויכטען דאָס ליכט פון א קליין לעמפעלע. ער האָט אָנגעהויבען צו טאַפּען אין די וועסטעל־קעשענעס, כדי ארויסצונעהמען א פאָר פעניג פאר דעם שומר, און אזוי טאַפּענדיג דאָס וועסטעל, איז ער אדורך דאָס טויער אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט געשטעלט טריט און איז ארויס אויפ'ן שאָסעע.

.עס איז גאנץ גרייליך, אז דער גוי, דער עם הארץ האָט מיך אבגענארט, כדי ער זאָל עפּעס קריגען — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, — וועל איך נאָך פער־שווענדען מיינע לעצטע פאָר פעניג אין אזעלכע שווערע צייטען?".

קומענדיג צוריק אין קרעטשמע, האָט ער געהאט זעהר א גוטע שטימונג, ווי ער וואָלט דאָ בעזוכט א ידיד, וואָס ער האָט איהם שוין יאָהרענלאנג נישט גע־זעהן. ער איז אויך געווען צופרידען, וואָס ער איז ארויס פון רשות פון די טויטע און געפינט זיך ווידער צווישען די לעבעדיגע.

ארייַנקומענדיג אין זאַל פון דער קרעטשמע און נישט געפינענדיג דאָרט

די יונגען, האָט ער זיך געלאָזט געהן פרעהליך צום שטאַל, כדי זיי צו דערצעהלען וועגען זיין בעזוך ביי ר׳ אברהם חיים׳ען, און אז ער האָט געזעהן, אז אין שטאַל איז פינסטער, איז ער געגאַנגען צום לעדיגען פּלאַץ הינטער׳ן שטאַל „ימח שמכם זאָלט איהר ווערען, ממזרים!“, האָט ער געשריגען. ער האָט זיי געזעהן זיך שפּילענדיג אין קוליעס שניי מיט ביידע דינסטען פון קרעטשמע. אין האָט זיי געפּאַקט, ווי זיי יאָגען נאָך די שיקסעס. אין איין מינוט איז דאָס שפּיל געוואָרען איבערגעריסען און אַלע פיער זענען זיך צולאָפען אויף אַנ׳אַנדער זייט, נאָר נישט צום קרעטשמע צו. „הלואי וואָלט איהר געווען דאָרט, — ער האָט אַ מאַך געטהון מיט׳ן האַנד אויפ׳ן בית־עלמין — און ר׳ אברהם חיים דאָ! ער וואָלט אַזעלכע פּאַסקודנע זאַכען נישט געמאַכט“, האָט ער זיי נאָכגעשריגען אין געזיפצט אויף דעם נייען דור פּעך־הענדלער, וואָס זענען פויל און אויסגעלאַסען. ער איז אַריין אין שטאַל און, גלעטענדיג זיין שענע קאַבילע, האָט ער געזיפצט אויף ר׳ אברהם חיים׳ען — אַזאַ שענער איד און ליגט אין דרערד.

אַז די יונגען זענען נאָכהער געקומען אין קרעטשמע, איז ער זיי נישט בעפאַלען. ער איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט געזאָגט: „ווען דער קרעטשמער זאָל דאָס וויסען, וואָלט ער אייך אַרויסגעטריבען ווי די הינד און אייך נאָך אָנגעגעבען אין געריכט — נאָכאַמאָל זאָל אַזוינס נישט פּאַסירען, שקצים!“. זלמן האָט שיער נישט אַ זאָג געטהון, אַז דער קרעטשמער ווייסט עס, נאָר האַצקעל האָט איהם אַ קוועטש געטהון אויפ׳ן פוס בעצייטענס. ישראל משה איז געגאַנגען צוריק אויף זיין אָרט און ווייטער דערצעהלט דעם קרעטשמער וועגען זיין בעזוך ביי ר׳ אברהם חיים׳ען, און דער קרעטשמער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: „יאָ, יאָ“, אַזוי ווי ער וואָלט איהם פערשטאַנען. אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין מיט אַלע פּעך־הענדלערס, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבען זעהר ליב מען זאָל זיי אויסהערען.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָבען די יונגען געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און געגאַנגען אין שטאַל שלאָפען. ישראל משה פלעגט אין די ווינטערדיגע קאַלטע נעכט שלאָפען אין קרעטשמע, אין דעם אויבער־שטיבעל, אין דעם זעלבען בעט, וואו ר׳ אברהם חיים פלעגט ווינטער שלאָפען. — אַז די יונגען האָבען געזעהן דורך די שפּאַלטען פון שטאַל, אַז אין אויבער־שטיבעל איז ליכטיג געוואָרען, זענען זיי שטילערהייד אַרויס צוריק אין קרעטשמע. זיי אַנטקעגען זענען אַריין פון קיך אין זאַל ביידע מוידען און מיט אַנ׳אויסגעלאַסענעם געלעכטער זיך געזעצט נעבען זיי און געטרונקען צוזאַמען ביער.

ישראל משה האָט געלאָזען דאָס ליכט לאַנג ברענען. אָט איז ער אַריין אין צימער, גענוי ווי ר׳ אברהם חיים פלעגט אַריין, ער ליגט אויף דעם זעלבען בעט, און אפשר אויך אויף דעם זעלבען קישען — איז עס נישט קיין בייזער סימן, אַז ער וועט שטאַרבען אין דער פרעמד ווי ר׳ אברהם חיים? ער האָט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון דעם ליכט, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען ווי די נשמה פון ר׳ אברהם חיים׳ען... ער האָט געוואָלט זיך אייפהויבען, זיך אָנטהון, אַראָבגעהן אין שטאַל און זיך לעגען נעבען די יונגען, נאָר ער האָט מורא געהאַט זיך אויפצוהויבען. דער גראַמאָפאָן און די געלעכטערס פון אונטען האָבען איהם אויפגעמונטערט, און דאַסמאָל, קלערענדיג וועגען זיין בעזוך אויף „קבר אבות“.

האָט איהם דאָס פּרעכע פּרויען־געלעכטער פון אונטען צו קיין שלעכטע מחשבות נישט געבראכט.

ער איז איינגעשלאָפען ביים צאנקענדען ליכטעל, און זיין האנד האָט גע־האלטען אונטער׳ן קישען פעסט די תפילין.

# צו קבר ישראל

ווען ר׳ אברהם חיים איז געשטאָרבען אין דעסוי, איז זיין איידעם זונדעל מיט איהם שוין נישט געווען. די יאָהרען זענען געלאָפען. זונדעלס משפחה איז גרעסער געוואָרען, א סך משרתים האָבען זיך אָבגעריסען און זיך אליין ארויסגעלאָזען אויף דער מדינה, און זונדעל איז אוועק פון זיין שווער בשלום און האָט זיך בעזעצט אין האַלבערשטאַדט. בין־הזמנים פלעגען זיי פאָהרען צוזאמען אהיים, אָבער אין „פרייסען“ האָבען זיי זיך אין די גאַנצע פינף חדשים כמעט נישט געזעהען. אז זיין שווער איז געשטאָרבען, האָט זיך זונדעל דערוואוסט אין מאַגדעבורג פון זעליג אָקסען. ער האָט גלייך פשרקערעוועט קיין דעסוי. אין ערשטען מאָמענט איז ער געווען גרייט אין איין העמד צו בלייבען, אבי זיין שווער צו קבר־ישראל אין גראיעוואַ צו ברענגען, און צום סוף האָט מען אויפ׳ן קבר אפילו א מצבה נישט געשטעלט. ר׳ זונדעל איז פאַר זיך אויך אפשר געווען גערעכט: אז ער האָט נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל (א אידישער בית עלמין אין דייטשלאַנד האָבען די פעך־אידען נישט געהאַלטען פאַר קבר ישראל), טאָ צו וואָס זאָל ער נאָך שטעלען א מצבה, וואָס זאָל נאָך שטעהן אלס עדות, אז זיין שווער האָט נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל? אָבער ר׳ זונדעל האָט גוט געדענקט דעם טויט פון זיין שווער אין דער פרעמד. זייט דעם איז איהם זעהר שווער געפאַלען דאָס זעגענען זיך פון גראיעוואַ און אז ער פלעגט האָבען אין דייטשלאַנד קאָפּ־ אָדער בויך־שמערצען, איז ער געווען גרייט איינצושפּאַנען זיין וועגעל און לויפען אהיים. גרייט איז ער געווען, אָבער ער האָט עס קיינמאָל נישט געמאַכט. זיין לעבענסדראַנג האָט נישט צוגעלאָזען, אז די מחשבות אי־בער׳ן טויט זאָלען זיך איינוואָרצלען אין איהם; און פון דער אנדערער זייט האָבען איהם געהאַלטען די דאגות־פרנסה און די מורא פאַר דער קאָנקורענץ פון זעליג אָקס און זיין חבריא.

ר׳ זונדעל איז נישט געווען אזוי געזונד און איינגעפעסטיגט ווי די אנדערע פעך־אידען: געווען זענען זיי שוין אלס קינדער שטענדיג אויף דער פרייער לופט, זייער קערפּער איז פערהאַרטעוועט געוואָרען געגען קעלט און היץ און זייער מאָגען געגען די טרוקענע אכילות; ער אָבער איז געווען פעראיידעלט, כאָטש נישט שטענדיג האָט ער אויף די „טעג“ אין לאָמזשע ריכטיג געגעסען. אין פערלויף פון די יאָהרען, וואָס ער איז געווען א דזשעגמשאַר, איז ער געזונטער און קרעפטיגער געוואָרען ווי אין דער יוגענד. עס האָט זיך אָן איהם איבערהויפּט אָנגעקלעבט נישט ווייניג פון דעם אמת׳ן פעך־אידען: שילטען די יונגען און די פויערים האָט ער זיך אויסגעלערנט פון זיין שווער — „ווען דער דזשעגמשאַר זאָל נישט שילטען, וואָלט ער געפּלאַצט“, פלעגען זיי זאָגען — פערדרעהען א ביי־סעל דעם קאָפּ די קונדען אין א נויט — נאָר אין א נויט — האָט ער אליין זיך אויסגעלערנט און פיינד האָבען זיינע חברים די פעך־אידען האָט ער זיך פון זיי אלע געלערנט. אָנקומענדיג דעם ערשטען ווינטער קיין דעסוי, פלעגט ער אויף יעדען שבת מברכין צוזאמענברענגען אלע פעך־אידען פון דער גאַנצער סביבה, ביז מאַגדעבורג, און דאָרט, איפ׳ן פעלד, ארומגערינגעלט פון די וועגענער, פלעגט

מען דאַווענען בצבור. די אידיליע, וואָס אַ סך פעך־אידען האָבען וועגען איהר געטרוימט צעהנדליגער יאָהרען, האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. צווישען די תפלות פלעגט איינעם דעם אַנדערען וועלען אויספאָרשען וועגען זיינע געשעפטען, און די וואָס האָבען זיך פיינד אין דערוואַכען, קאָנען נישט שפּילען קיין ליבע שבת, און ס'איז אַזוי ווייט געקומען, אַז ר' אברהם חיים אליין האָט געלאָזען צוקריכען דעם שענעם מנהג. ר' זונדעל האָט שוין דאָ, אין זיין יוגענד, איינגעזעהען, אַז זיין שווער איז גערעכט, און ווען ער איז אַליין אַלט געוואָרען, האָט ער יענעם ווינטער, וואָס מען פלעגט זיך איין מאָל אין חודש אויפקומען אין דעסוי, געדענקט ווי עפּעס אַ חלום, וואָס איז קיינמאָל קיין ווירקליכקייט נישט געווען...

כאָטש עס האָט זיך אָנגעקלעבט אָן ר' זונדלען אַ סך פון זיין בראַנזשע, פונדעסטוועגען איז ער געווען אַנ'אַנדערער. ער איז געווען דער איינציגער צווישען די פעך־אידען, וואָס האָט נישט געהאַט קיין צונאָמען. אפילו זעליג אָקס, זיין נאָהנטסטער שכן אין „פּרייסען", און ממילא זיין גרעסטער שונא, פלעגט איהם רופען „דער תלמיד חכם", אפילו ווען ער האָט איהם געשאָלטען און געסטראַשעט מיט מכות־רצח. דער נאַיווער ישיבה־בחור האָט זיך מיט דער צייט גוט צוגעפּאַסט צום געשעפט און מיט אַ רוהיגען געמיט האָט איהם זיין שווער געמאַכט זעלבסטשטענדיג. אין האַלבערשטאַדט האָט זונדעל געקענט נאָר דעם אידישען באַנקיר כהן. ווען ער האָט געדאַרפט איינקויפען סחורה און די פויערען האָבען זיך געפוילט צו בעצאָהלען פּינקטליך, ווען ער האָט געדאַרפט דאָס ערשטע מאָל אונטערשרייבען אַ וועקסעל אין באַנק, האָבען די בעאַמטע איהם נישט געלאָזען צושרייבען, עפּ"י היתר עיסקא כפי תיקון מהר"ם ז"ל. „יעדערער איז דאָ אַ בעזונדער מומר להכעיס", האָט ר' זונדעל געברומט, און זיך גלייך פערענטפערט, אַז זיי זענען פּשוט עמי־הארצים. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אונטערהתמענען ביז „הערר כהן" בכבודו ובעצמו איז אַריינגעקומען. אָט די וויכטיגע פערזענליכקייט האָט אויך נישט פיל פערשטאַנען פון „היתר עיסקא". נאָר געכאַפּט האָט ער, אַז עס האָט מיט דער „רעליגיאָן" צו טהון, האָט ער איהם ערלויבט צו שרייבען אָן דער זייט „וואָס נאָר ער וויל", בפרט אַז דאָס איז נישט מבטל דעם ווערט פון וועקסעל. כאָטש ר' זונדעל האָט גאָרנישט געהאַלטען פון הערר כהן, וואָס ווייס נישט פון „ברוך מרדכי" ביז „ארור המן", האָט ער איהם אַלעמאָל דערמאָהנט מיט רעספּעקט, און אַז ער פלעגט דערצעהלען די מעשה מיט'ן היתר עיסקא, פלעגט ער שטענדיג זאָגען: אַ אידישע נשמה, הטוב שבאידישע גויים אין פּרייסען.

האַלבערשטאַדט איז געווען אַ גרויסע אידישע קהלה, אָבער ר' זונדעל האָט מיט קיינעם פון זיי נישט פערקעהרט און אפילו שבת נישט געדאַווענט מיט זיי בציבור. דאָס זענען אידען פון די עשרת השבטים — פלעגט ער זאָגען — וואָס האָבען זיך אויסגעמישט צווישען די גויים".

ר' זונדעל איז שטאַרק פרום געווען; און זיינע יונגען האָבען איהם גערופען „דער צדיק". שבת פלעגט ער קיינמאָל נישט בלייבען אין שטאָל אָדער אין אכסניא; ער פלעגט אַרויספאָהרען מיט'ן וואָגען אויסער דער שטאָדט, זיך אַריינזעצען אין איהם און זאָגען דעם גאַנצען שבת תהילים אָדער אַריינקוקען אין די קליינע ספרימ'לעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים. מען דערצעהלט, אַז ער פלעגט נישט אַראָבגעהן פון וואָגען פון פרייטאָג פאַרנאַכט ביז שבת־צונאַכטס. זיינע יונגען פלעגען נישט פערפעהלען אפילו איין וואָכעדיגע מנחה, און ווען איז געווען

דעם, וואָס האָט געוואָגט אַריינבייסען אַן'עפּעל נישט מאַכענדיג פריהער קיין ברכה. חער גרעסטער עינוי איז געווען פאַר די יונגען שבת. ער פלעגט זיי נישט אָבלאָזען פון אויג. זיי האָבען געמוזט מיט איהם זאָגען די סדרה, שנים מקרא ואחד תרגום, און נאָכזאָגענדיג דעם תרגום, פלעגען זיי קריגען אַזאַ שווינדעל אין קאָפּ שיער צו חלש'ן — צו דעם לשון האָבען זיי זיך נישט געקענט צוגעוועהנען. דאַ־געגען האָבען זיי שטאַרק ליב געהאַט די מעשיות, וואָס ער פלעגט זיי דערצעהלען שבת נאָך מנחה. קיינער האָט נישט געקאָנט אַזוי דערצעהלען ווי ר' זונדעל וועגען רביים, למד־וו'ניקעס, וועגען גן־עדן און גיהנום — א גאַנצע וואָך וואָלטען זיי איהם אויסגעהערט. מען דערצעהלט, אז ווען ער פלעגט זאָגען „אַשרי תמימי דרך", פלעגען ציטערען די הארץ־געבירגע, בייז'ן הויכען בראָקען, ווי דער וואַלד אין א שטורעם. אַט די דונקעלע בערג האָבען אויסגעזעהען, ווי זיי וואָלטען אַנגעריהרט דעם הימעל, און נישט איינמאָל האָט ר' זונדעל א מאַך געטהון מיט די הענד און געזאָגט זיינע יונגען: „אַט זעהט איהר מיט די אייגענע אויגען — זאָלען אייך אַרוים — ווי מעשה־ידיו פערנעהמט זיך און איהר מאַכט קיין ברכה נישט איבער אַן'עפּעל?"

איינמאָל איז איהם אויסגעקומען צו זיין געשעפטליך מיט זיין יונג הערשעל אין טרעזעבירג, וואָס ליגט אונטער דער טייפעלסבריק אין הארץ, און זעהענדיג די שטורמישע וואַסער־מאַסען, וואָס זענען פון ערגעץ־וואו אַראָבגעלאָפען, ווי מען וואָלט אַראָבגעגאָסען כסדר ריזיגע עמערס, און זיך אַריינגעלאָזען מיט א שוים אין באָדען, האָט ער פערמאַכט די אויגען און אָבגעזאָגט אויפ'ן קול „ברכי נפשי", נישט קוקענדיג אויף די ערלים, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען; די פאַרבייגעהענדע האָבען געשטוינט און צוגעשמייכעלט און הערשל האָט זיך פאַר חרפה אָבגערוקט. אז ער האָט געעפנט די אויגען, האָט ער צוגערופען הערשל'ען, אויפגעהויבען אויף איהם די האַנד און קריצענדיג מיט די צייהן האָט ער געשריגען: „דו פערדישער קאָפּ! דיינע אויגען זעהען דאָס וואונדער, דיינע אויערען הערען, ווי דאָס וואַסער זאָגט שירה, און דו וואַגסט איגדער־פריה נישט אָבצוגיסען נעגעל־וואַסער, און די זאָגסט אפילו נישט „מודה אני", קוים פּאַס איך אויף דיר נישט אויף!" דער באָרד־מהאָל האָט אויף איהם געלאָזען א שטאַרקען איינדרוק, און ווען ער פלעגט רעדען וועגען דעם, האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט אויף די גויים, וועלכע לע־בען אין הארץ, וואָס זיי זענען זיך נישט מגייר און ווערען נישט עבדים צום רבונו של עולם, וואָס האָט אויף אַלץ געזאָגט יהי, עס זאָל ווערען, און ס'איז גע־וואָרען.

אין מסחר איז ר' זונדעל געווען ווי אַלע פעך־אידען, נאָר אין פרומקייט האָט ער אַלע איבערגעשטיגען; און ווען נישט די איינגעוואָרצעלטע דור־דורות'דיגע שנאה פון איינעם צום אַנדערען, וואָלטען זיי איהם געהאַלטען פאַר א למד־וו'ניק. ער פלעגט טרינקען ביער אין קרעטשמע נאָר אין זיין אייגענעם גלאָז, וואָס ער פלעגט אַרומטראָגען מיט זיך, מילך פלעגט איהם די גויה אַריינמעלקען פון דער קוה'ס אייטער אין זיין קענדעל און טהיי פלעגט ער חלילה נישט אויפקאָכען אויף א גוי'אישער פּליטע, נאָר ער פלעגט אויפ'ן הויף פון קרעטשמע אַרויפשטע־לען זיין טשייניק אויף ציגעל און אונטען מאַכען פייער. דער קרעטשמער פלעגט זאָגען, אז ער מאַכט עס אויס קאַרגשאַפט, נאָר אין אמת'ן האָט ער עס דער עיקר געמאַכט פון פרומקייט. ר' אברהם חיים עליו השלום, וואָס איז געווען א כשר'ער

איד, פלעגט קאָכען פיש אויף אַנ׳אויסגעגליטער פּליטע און טהיי פלעגט רעכט זיין צו מאַכען נישט אויסגליהענדיג די פּליטע, אָבער ר׳ זונדעל פלעגט זיין א גרעסערער מחמיר. אויפ׳ן וואַגען האָט ער געהאַט א פערשלאָסען קעסטעל און אין איהם פלעגט ער האַלטען די כלים. ער פלעגט נישט לאָזען אָפען דאָס קעסטעל אויף איין מינוט, מורא האָבענדיג, אז יעקי זאָל נישט אויסשמירען די כלים מיט חזיר-שמאַלץ; און פאַר די יונגען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון גראַיעווא, האָט ער נישט ווענינער מורא געהאַט, ווי פאַר די ערלים. און ס׳האָט טאַקי אמאָל געטראָפען, אז ער האָט געלאָזען דאָס קעסטעל אָפען אין שטאַל און כאָטש עס זענען דאָרטען געווען נאָר זיינע יונגען, האָט ער נאָכדעם איינגעקויפט נייע כלים. די אלטע כלים האָט ער פאַרבאַהאַלטען אויפ׳ן אויבערשטאַל אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, כדי דער קרעטשמער, וואָס האָט פאַר זיי גאָרנישט געוואָלט געבען, זאָל פון זיי קיין הנאה נישט האָבען.

ביי זיין בכור משה בערעל׳ן האָט געשטעקט דער רזשענטשאַר אין בלוט. נאָך אַלס קינד האָט עס איהם געריסען קיין „פּרייסען", און כאָטש דער טאַטע אוועק פון דערהיים אסרו-חג א שטיק פאַר טאָג, פלעגט זיך משה בערעלע אויפכאַפּען, מאַכען געוואַלדען ווי מען וואָלט איהם אַבגעבריהט, און פלעגט לויפען מיט א יאָמער נאָכ׳ן וואַגען — נישט חלילה ווייל ער איז אזוי געהאַנגען אָן טאַטען, נאָר ווייל ס׳האָט איהם געצויגען אהין... ר׳זונדעל האָט זיין זוהן געגעבען אין תלמוד-תורה, וואו ער איז געבליבען ביז ער איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר. ער האָט פון טאַטען נישט געירש׳נט דעם חשק צו לערנען, און געהאָפּט האָט ער יעדען „זמן", אז דער טאַטע וועט איהם מיטנעהמען. ר׳ זונדעל האָט זיין זוהן געשיקט אין לאָמזשער ישיבה און איהם תתונה געמאַכט צו ניינצעהן יאָהר. דאַן האָט ער איהם מיטגענומען מיט זיך. משה בערעלע איז געוואָרען א גאַנצער בערל, אָדער ווי די פּעך-אידען האָבען איהם גערופען: בערל בער. ער איז געווען א קרעפטיגער חברה-מאַן, ווי די אַמאָליגע פּעך-אידען, אויף וועלכע מען פלעגט זאָגען, אז זיי רייסען אויס א בוים לויפענדיג, און געהאַט האָט ער דעם טאַטענ׳ס מדות, כאָטש ער איז ווייט נישט געווען אזא למדן און אזא פרומער ווי ער.

צו וואָס האָט דער טאַטע גענומען זיין זוהן אין דער גוי׳אישער מדינה, וואו ער אליין האָט אין אידישע זאַכען דורכגעמאַכט כל העינויים? פאַרוואָס האָט ער זיין זוהן געשטעלט פאַר׳ן נסיון, וואָס ער אליין —און נאָר ער פון אלע פּעך-אידען — איז איהם בעשטאַנען מיט גרוים מסירות-נפש? פּיעל סיבות האָבען דערצו געבראַכט. ערשטענס, משה בערלען האָט שוין אלס קינד געצויגען אויף יענער זייט האָריזאָנט, און ווען ער וואָלט איהם נישט מיטגענומען קיין „פּרייסען", וואָלט ער אוועק קיין אמעריקא, און ווער עס פאָהרט אויף יענער זייט ים, איז פאַר גראַיעווא ווי געשטאָרבען. צווייטענס, א מענש ווערט עלטער און נישט יונגער, און דער בעסטער שותף אויף דער עלטער איז אַנ׳אייגען קינד. דריטענס, משה בערעלע האָט געלערנט אין תלמוד-תורה און אין ישיבה, וועלען זיי ביידע קאָנען לערנען די פּרשה מיט רש״י און מדרשים — ער האָט אפילו געטרוימט צו לערנען מיט איהם אין דער גוי׳אישער מדינה — יעקי׳ן אויף צו להכעים — א בלאַט גמרא מיט תוספת און מהרש״א און מהר״ם, וואָס ער האָט שון לאַנג נישט געטהון און האָט שוין טאַקי א ביסעל פערגעסען. אָבער אין אונטערבעוואוסטזיין האָט איהם ביזוועגען מיטצונעהמען מיט זיך זיין זוהן די אימה, אז ער זאָל נישט

האָבען זיין שוועער׳ס סוף און שטאַרבען אין דער פרעמד צווישען די גויים. נישט איינמאָל האָט איהם זיין געוויסען געפּלאָגט, וואָס ער איז אַוועק קיין האַלבער־שטאַרט און געלאָזען זיין אַלטען שוועער אויף האַצקלען. ער אַליין וואָלט דאָך גע־רופען אַ דאָקטאָר אָדער ער וואָלט איהם געבראַכט קראַנקערהייד קיין גראַיעוואָ; איצט, אַז ער האָט אויסגעהאָדעוועט אַ זוהן, דאַרף ער נישט בלייבען עלענד ווי אַ שטיין אויף דער עלטער, און דעריבער האָט ער איהם אַריינגענומען אין שמיער־געשעפט.

און די יאָהרען זענען זיך געלאָפען. דעם דזשענטשאַר׳ס לעבען געהט אַוועק אַ שנעל אַ לאַנגזאַם: לאַנגזאַם, ווייל יעדער „זמן“, וואָס ער שלעפּט זיך אַרום אין דייטשלאַנד, איז לאַנג ווי אַ דור, ווי דער אידישער גלות, און שנעל — ווייל דאָס לעבען איז מאָנאָטאָנע און אַז עס איז פאַרביי אַ „זמן“, בלייבט נישט צו דערצעהלען וויעגע איהם מעהר ווי וועגען איין טאָג — יעדען טאָג שפּאַנט ער איין זיין בהמה און לאָזט זיך אַרוים בעטלען, אַז מען זאָל ביי איהם וואָס קויפען; טאָג טעגליך עסט ער דאָס זעלבע טרוקענס און יעדען אָוועגד קומט ער צוריק אין שטאָל אַ צעבראָכענער און פאַלט אַנידער אויפ׳ן היי אין אויבער־שטאָל
— קוים קוקסטו זיך אַרום און ס׳איז אַוועק דער זמן, דאָס יאָהר, די יאָהרען...

ר׳ זונדעל, וואָס איז געווען אַ חלוש, איז אַלט געוואָרען פאַר דער צייט. מיט פופציג איז זיין באָרד געווען מעהר גרוי ווי שוואַרץ, און מיט אַ פּאָר יאָהר שפּע־טער האָט ער זיך געשלעפּט וואָס וועניגער אויף די דערפער און פלעגט זיצען אויפען איהם צוגערעדט, אַז ער זאָל בלייבען אין גראַיעוואָ און זיך אויסרוהען אויף דער אויבער־שטאָל אָדער ביי אַ בעקאַנטען פויער על התורה ועל העבודה. בערל האָט עלטער, בפרט אַז ער האָט אָבגעשפּאַרט אַ פינף הונדערט טאָלער און האָט אָנ־אייגען הייזעל פון פיער צימערן; נאָר ר׳ זונדעל האָט דערפון נישט געוואָלט הע־רען. ער, זונדעל, וועט פאַלען צו לאַסט אויף אַנדערע, אויף קינדער? און צי ווע־לען די פויערען און די יונגען נישט אָפּנאַרען זיין בערלען פון קאָפּ ביז פיס? ער האָט געמעגט וויסען, אַז בערל קען זיין שטערטעל בעשטעהן, אָבער ער האָט פאַר זיך אַליין געוואָלט געפינען אַנ׳אויסרייד, פאַר וואָס ער וויל דוקא בלייבען אין „פריימען“. אַזוי לאַנג ווי ער קען אַרבייטען, האָט ער נישט געוואָלט זיצען מיט פערליגטע הענד; אויסערדעם האָט ער געהאַלטען, אַז ער טויג אויף אַ עצה געבען אין געשעפט; אויך האָט איהם דאָס הארץ נישט געלאָזען זיין ליב קינד לאָזען אַליין אין דער גוישער מדינה, וואו ער האָט איהם אַהינגעבראַכט. נישט איינמאָל האָט איהם זיין געוויסען געפּלאָגט: צי האָט ער ריכטיג געטהון, וואָס ער האָט איהם געבראַכט קיין פריימען? בערעלע וואָלט אין אמעריקא אויך נישט קיין אַפּיקורס געוואָרען, — און דאָרט וואָלט ער אַ עושר געוואָרען און געוואוסט פון אַ לעבען; און אפשר וואָלט ער דאָרט, אין דער „ארץ החפשית“, גאָר געעפענט אַ ישיבה... און אפשר וואָלט ער איהם געדאַרפט לערנען שחיטה, וואָלט ער געוואָרען אַ שוחט אין גראַיעוואָ אָדער אין איינעם פון די אַרומיגע שטעדטלעך? גראָד אויף דאָס לעצטע האָט איהם נישט פערדראָסען. איצט, אַז ער אַליין, אַ אַמאָליגער ישיבה־בחור, איז געוואָרען אַ פערד־איד, האָט ער נישט איינגעזעהען, מיט וואָס איז אַ שוחט אָדער אַ מעהל־הענדלער אָדער אַ האָלץ־סוחר מעהר מיוחס ווי אַ פערד־הענדלער ער פלעגט שטענדיג טענה׳ן, אַז ווען ישיבה־בחורים און תלמידי־חכמים וואָלטען זך גענומען צום שמיר־געשעפט, וואָלט עס געווען די שענסטע פּרנסה ביי אידען. אָבער אויך די אַנדערע קשיות האָט ער זיך אַליין פערענטפערט; בערעלע איז געבליבען אַ כשר׳ער איד, ווייל ער איז געווען נעבען זיין טאַטען, און דעריבער האָט ער טאַקי זוכה געווען, אַז מען זאָל איהם רופען אין בית־המדרש

ר' משה בערל; וואָלט ער אָבער געגאַנגען אין דער „ארץ החפשית" אַמעריטשקע, וואָלט ער זיך אפשר איבערגעקערט. אַזוי טראַכטענדיג, פּלעגט ער זיך דערמאָהנען אָן די ספורי־המעשיות, וואָס ער פלעגט לייענען אין די האַלבע קאָפּעקענע ביכלעך, וואָס מוכרי־ספרים האָבען פערקויפט אין איינגאַנג פון בית־מדרש: אַ סך ישיבה־בחורים האָבען זיך אַרויסגעלאָזען קיין וואַרשא אָדער פּראַג און דער סיטרא אחרא האָט זיי פערדרעהט דעם קאָפּ.

אין איין שעהנעם זומער־טאָג איז ר' זונדעל עפּעס קראַנק געוואָרען. ער איז געלעגען אויפ'ן געלעגער און געקרעכצט: „בן ששים לזקנה — צאַ סטאַ־ראַשטש טאָ ניע מלאָדאַשטש — וואָס אַלס איז נישט יונג", כאָטש ער איז נאָך גאָר נישט אַלט געווען קיין זעכציג. לכתחילה האָט ער און זיין משה בערל גע־מיינט, אַז דאָס איז אַ פשוטע קראַנקהייט. אָבער אַז דער זוהן האָט גערופען אין אַ וואָך אַרום דעם דאָקטאָר און יענער האָט אויף איהם אָנגעשריען, וואָס ער האָט איהם פריהער נישט גערופען און ער האָט איהם פערשריבען צוויי טייערע רפואות און איהם געהייסען, אַז ער זאָל איהם רופען מאָרגען נאָכאַמאָל, האָבען ביידע געוואוסט, אַז ס'איז עפּעס גאָרנישט גלאַט. אויף מאָרגען, אַז דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער בעטראַכט דעם חולה און גאָרנישט געזאָגט. ר' זונדעל האָט איהם געפרעגט, וואָס פאַר אַ קראַנקהייט דאָס איז, און ער האָט געענטפערט: „איהר זענט ערנסט קראַנק, אָבער נישט געפעהרליך; האָפענטליך וועט נישט איינטרעטען קיין קאָמפּליקאַציעס". דאָס לעצטע וואָרט האָבען ביידע נישט פער־שטאַנען, נישט דער טאַטע און נישט דער זוהן, און געקלונגען האָט עס זיי ווי „אַ פּאָפּלעקציע", אָבער גוט פערשטאַנען האָט ר' זונדעל די ערשטע ווערטער: „איהר זענט ערנסט קראַנק" און אַ אימה האָט איהם אַרומגענומען: וואָס, ער קען שטאַרבען? און אפשר גאָר דאָ, ווי ר' אברהם חיים, און צו קבר ישראל נישט קו־מען? משה בערל האָט אַרויסבעגלייט דעם דאָקטאָר, און אָהן שהיות האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט: „זיין הארץ וועט עס נישט דורכמאַכען, און אפשר נאָך היינט — —" משה בערל איז געבליבען שטעהן אין פאָרהויז און בעגלייט דעם דאָקטאָר, וואָס האָט זיך געאיילט צו אַן'אַנדער קראַנקען, מיט בייזע בליקען און מיט קולות פון כל המינים, וואָס אפילו די יונגען האָט ער מיט זיי זעלטען מכבד געווען. ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגעהן צוריק אין צימער, טאָמער פרעגט איהם דער טאַטע, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט. דאָס הארץ האָט איהם פערקלעמט און ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביים וואַנד און זיך צוכליפּעט ווי איבער אַ מת. אַריינקומענדיג ענדליך אין צימער, האָט איהם דער טאַטע צוגערופען צו זיך און, זעהענדיג ווי זיינע אויגען זענען רויט, האָט ער פערשטאַנען אין וואָסערע סכנה ער איז, און האָט זיך יאָמערליך צעוויינט. דער זוהן האָט מיטגעקלאָגט און גע־בעטען דעם טאַטען רחמים, ער זאָל זיך בערוהיגען, ווייל ס'וועט איהם שאַדען, אָבער וואָס מעהר ער האָט זיך געבעטען ביים טאַטען האָט יענער אַלץ שטאַרקער געוויינט. צום סוף האָט ער זיך אַביסעל בערוהיגט. ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און געקוקט גלייך אַנטקעגען, ווי פערגליווערט. געווים האָט ער געטראַכט וועגען מלאך־המות, וואָס וועט זיך באַלד ווייזען איבער איהם — אָט יענער שווארצער מלאך, וואָס ער האָט וועגען איהם אַזוי פיעל געלעזען און ס'איז איהם קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, אַז ער וועט אויך צו איהם קומען. ער האָט דער־מאָהנט נעמען פון עלטערע פון איהם, ווי איינער זאָגט: איז נישט קיין יושר, אַז זיי זאָלען שטאַרבען פריהער? און ער האָט ווידער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. און אַז די היץ האָט געשטיגען און ס'איז איהם געווען עפּעס, ווי דער לשון ווערט איהם באַלד אָבגענומען, האָט ער גענומען דעם זוהנס האַנד אין זיינער און גע־זאָגט: „גאָט האָט מיר אַריינגעגעבען די מחשבה, דיך מיטנעהמען מיט מיר, כדי

דו זאָלסט מיך ברענגען צו קבר ישראל". משה בערל איז געוואָרען אויפגעציטערט: פון האַלבערשטאַדט קיין גראַיעווא, יענץ שטיקעל וועג — ווי קען ער איהם ברענגען? מתים טאָר מען דאָך נישט אַריבערפיהרען און אַ ערלויבניש מוז דאָך קאָסטען אוצרות, וואָס אפילו ר' אַנשיל גביר'ס זוהן האָט פאַר די אויגען נישט געזעהן. „וואָס רעדסטו אַזוינע ווערטער? דו וועסט נאָך לעבען, טייערער טאַטענקע", האָט ער געשטאַמעלט. דער אַלטער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט, ער האָט פּלוצלונג געעפענט ברייט די אויגען און ווי נישט מיט זיין שטימע האָט ער אויסגעשריגען: „שווער זיך!", „איך שווער דיר", האָט משה בערל געענטפערט אין טרעהרען. דאַן האָט ר' זונדעל איהם אַ קוש געטהון די האַנד און פערמאַכט די אויגען ווי בערוהיגט.

אין צוויי שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבען די שווערע גסיסה. אין צימער איז געווען משה בערל, וואָס די נשמה איז איהם שיער אַרויס, זעהענדיג דאָס צאַפּלען און הערענדיג דאָס כאָרכלען פון זיין אָרעמען טאַטען, און מיט איהם זענען געווען ביידע יונגען, הערשעל און חיים, וואָס זענען געזעסען אויפ'ן קאַנט פון בעט מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ. ר' זונדעל האָט אויסגעזעהן ווי אַ געפּענטעטע בהמה, וואָס צאַפּעלט זיך פאַר'ן חלף; און אַז משה בערל האָט געזעהן, אַז ער ליגט בעוואוסטלאָז, האָט ער אָנגעהויבען שנעל דערצעהלען די משרתים, וואָס ער האָט דעם טאַטען צוגעזאָגט מיט אַ שבועה. ער האָט זיי געגעבען געלד צום קויפען אַ וואָגען מיט צוויי פערד און געהייסען אַרומפאָהרען פאַר איהם.

„איך טרוי זייך אָן ווי זיך אַליין — האָט ער געזאָגט — און מיין גוטער טאַטע וועט פאַר אייך מתפלל זיין, אַז איהר זאָלט אינגיכען זיין פאַר זיך". זיי האָבען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ פאַר מורא און דרך־ארץ פאַר'ן גוסס'ן בעל־הבית. נאָכמיטאָג איז משה בערל אומישנע אריין אין דער קנייפּע פון דער קרעטשמע, און אַז דער קרעטשמער האָט איהם געפרעגט, וואָס זיין פאָטער מאַכט, האָט ער געענטפערט: דער דאָקטאָר ווייס אַ קרענק, איך וועל איהם אַוועקפיהרען קיין מאַגדעבורג, וואו ס'זענען דאָ גרויסע אידישע דאָקטוירים, וואָס וועלען איהם היילען „אומזיסט". דער רויטער קרעטשמער האָט געשוויגען, ער האָט געצויגען מיט די פּלייצעס און געמורמעלט: „אומזיסט — רייכע אידען העלפען די אידען אויך, און דאָס רופט מען אַ פערנינפטיג פאָלק!"

גלייכצייטיג זענען די משרתים אַוועק צו אַ סטאָליאַר און בעשטעלט אַ גרויסען קאַסטען, אויסגעשלאָגען פון אינעווייניג מיט בלעך, אַז ער האָט זיי געפרעגט, צו וואָס זיי דאַרפען אַזאַ לאַנגען קאַסטען, האָבען זיי געענטפערט, אַז זיי האָבען צו שיקען שמיער צו אַ גרויסען סוחר און ער וויל נישט די סחורה אין אַ קיילעכדיג פעסעל. און דער נאַאיווער סטאָליאַר האָט געגלויבט, פאַרנאַכט איז דער קאַסטען געווען פאַרטיג און אין אָוועַנד, ווען ס'איז גוט פינסטער געוואָרען, האָבען הערשעל מיט חיים'ען אַריבערגעבראַכט דעם קאַסטען אין שטאַל.

ר' זונדעל איז נפטר געוואָרען צעהן אַ זייגער אין אָוועַנד, נאָר אַזוי ווי קיינער פון זיי האָט נישט געוואוסט די סימנים פון יציאת־נשמה, האָבען זיי אָנגעצונדען אַ ליכט איהם צוקאָפּענס ערשט צוועלף אַ זייגער, ווען זיי האָבען געזעהען, אַז זיין פּנים האָט זיך גאַנץ געענדערט. ביינאַכט האָבען די יונגען אַראָבגענומען די בויד פון וואָגען, אויסגעצויגען אינעווייניג דעם קאַסטען, אַריינגעלעגט אין איהם ר' זונדלען — גאָט, ווי האָבען זיי מורא געהאַט! — און איהם פערדעקט מיט'ן דעק. פאַרטאָג זענען זיי אַרויסגעפאָהרען מיט משה בערלען אויסער די שטאָדט, זיי האָבען זיך אַביסעל אָבגעדרעהט אָן אַ זייט, צוגעשלאָגען דעם דעק צום קאַסטען מיט לאַנגע טשוועקעס, און ווידער בעצויגען די בויד. אַז משה בערל האָט פערקירעוועט אַבצופאָהרען, זענען די יונגען אַרויפגעפאַלען אויפן וואָגען און זיך

צווויינט ווי קינדער. „צוויי וואכען זאָלט איהר קיינעם א וואָרט נישט זאָגען, ווייל איהר וועט אויף מיר און אויף מיין טאטען א גרויסען אומגליק ברענגען", האָט ער זיי אָנגעזאָגט, און זיי האָבען איהם געדריקט די האנד און מיט הייסע טרעהרען געזאָגט: „מיר וועלען אייך נשט בעגנבענען, נאָך היינט קויפען מיר פערד און וואָגען און לאָזען זיך אַרויס אויף דער מדינה".

משה בערל האָט זיך אַרויסגעלאָזען אויפן ווייטען וועג, איבער פינף הונדערט קילאָמעטער. ווי אזוי ער האָט דורכגעמאכט דעם לאנגען וועג ביז פּראָסטקען, ווייס קיינער נישט. ער האָט עס געהאַלטען בסוד — ער האָט מורא געהאט, אַז אויב מען וועט זיך דערפון דערוויסען, וועט מען איהם אַרויסשיקען פון „פּרייסען" — און אַז מען פלעגט איהם פרעגען, פלעגט ער זאָגען: „אַ דיק בוך וואָלט איך געקענט אָנשרייבען איבער דעם — גאָט האָט מיר געהאָלפען".

אז ער איז אָנגעקומען אין פּראָסטקען, האָט ער אריבערגעשיקט דעם אלטען דיין אַ ציטעלע און איהם צווויסען געגעבען, אַז אויב גאָט וועט איהם העלפען, וועט ער אין מיטען נאכט ברענגען זיין טויטען טאטען אין מתים־שטיבעל. און אָנגעזאָגט האָט ער איהם, אז ער זאָל חלילה דערפון גאָרנישט רעדען.

די נאכט האָט געגאָסען אַ פלייץ־רעגען און ס'האָט געשטורעמט, עפּעס ווי גאָט וואָלט געוואָלט די „גרינע" (גרעניץ - וועכטער) פערבלענדען און זיי האלטען אין זייערע בודקעס. דער שטאַרקער משה בערל האָט גענומען דעם קאסטען אויפן פּלייצע, איהם אָנגעבונדען צו זיך מיט אַ גראָבען שטריק און אַזוי אַרום אַדורך די „גרינע גרענצע" דורכן דאָרף ניערוטשי. עס האָט געגאָסען, ווי מיט עמערס, ווי דער הימעל אַליין וואָלט געוויינט איבערן צדיק פון די פעך־אידען. — מיט אַ אונמענשליכער קראַפט האָט ער געטראָגען אויף זיך דעם קאסטען די גאַנצע פינף וויאָרסט, נישט אָברוהענדיג זיך אפילו איין מאָל. דורך די פעלדער, פון הינטער די מיהלען, איז ער געקומען צום בית־הקברות. אין מתים־שטיבעל איז געווען ליכטיג. דאָרט האָבען איהם אָבגעוואַרט דער דיין מיט'ן קברן, און אז ער איז אָנגעקומען, איז איהם אַרויפגעפאַלען דער דיין אויפן האַלז און וויינענדיג געזאָגט: בך יבורך ישראל!

אויף צומאָרגענם האָט גאַנץ גראַיעווא געקאָכט. די גאַנצע שטאָדט איז געגאַנגען צו דער לויה, און דער רב מיט'ן דיין האָבען מספּיד געווען דעם נפטר. דער דיין האָט זיך ביים מספּיד זיין געווענדעט צום זוהן און איהם געבענשט: „איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר זאָלסטו זוכה זיין שטאַרבען אויף דיין אייגען בעט און ליגען דאָ, נעבען דיין טאַטען!" — „אמן!" האָבען אַלע געענטפערט און אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

ר' זונדלען האָט מען מקבר געווען רעכט'ס פון אַלטען רב'ס אוהל, און נעבען איהם האָט מען געלאָזען אַ „מקום" פאַר זיין זוהן משה בערל.

# משה בערל מחלל יום טוב

ווען משה בערל איז אַוועק מקבר זיין זיין טאַטען, האָבען דיביידע יונגען הערשעל און חיים גוי, געקויפט אַ וואָגען מיט אַ פּאָר פערד און זיך אַרויסגעלאָזען איף דער מדינה פאַר זייער נייעם בעל־בית. די ערשטע טעג נאָך ר׳ זונדעלס טויט זענען זיי געווען גאַר צומישטע: זיי האָבען נישט גענומען קיין זאַך אין מויל, און ביינאַכט האָט געברענט אַ קליין לעמפּעלע אין אויבערשטאַל, וואו זיי פלעגען שלאָפען, מורא האָבענדיג פאַר ר׳ זונדלען. ווענען זיי האָבען אויף די הענד גע־טראָגען אַ טויטען און אַריינגעלעגט אין אַ פּשוטען הילצערנעם קאַסטען. אויף דער דריטער נאַכט, אַז דער בעל־אכסניה איז צופעליג אַרוים אויפען הויף און האָט געזע־הען דורך די שפּאַרונעס ליכט, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, מיינענדיג, אַז עס ברענט. ער האָט געקלאַפּט מיט די הענד און פיס אין טירל פון אויבערשטאַל און אַז הערשעל האָט איהם געעפענט און ער האָט דערזעהן דאָס לעמפּעלע, איז ער דער ווייסער „יעקי" — ער איז געווען אַנגעטהון אין גאַטקעס און האָט אויסגעזעהן ווי אַ לעבעדיגער מת — געוואָרען אַנגעצונדען ווי פייער און האָט זיי געזאָגט קלאָרע דבורים, אַז אויב זיי וועלען וואָגען נאָכאַמאָל צו מאַכען פייער אין שטאַל, וועט ער זיי, „צוזאַמען מיט ר׳ זונדלען אַרויסשמייסען צום טייפעל".

„זאָלסטו ליגען וואו ר׳ זונדעל ליגט, אַשמדי איינער" — האָט חיים גוי גע־ברומט, אַריבערוואַרפענדיג אַ בליק צום קרעטשמער, וואָס האָט נאָך נישט גע־וואוסט, אַז ר׳ זונדעל לעבט נישט מעהר.

יעקי איז אַוועק אויפגערעגט און צו זיך אַליין געזאָגט: „דער טייפעל זאָל זי האָלען, זי האָבען דאָרט זיכער איינע דירנע פערשטעקט". און ער האָט עס איינינע מאָל איבערגעחזרט, ביז ער איז אַריין אין שטוב.

יענע נאַכט, וואָס זיי האָבען געמוזט ליגען אין דער פינסטער, האָבען זיי זעהר מורא געהאַט און זיך צוגעטוליעט איינער צום צווייטען ווי קינדער. זיי האָ־בען געעפענט דאָס טירעל און אַרויסגעקוקט צו די פונקעלדיגע שטערען. האָט עס זיי בערוהיגט אביסעל.

אויף צומאָרגענס, ווען זיי זענען ביידע געזעסען אויפען וואָגען און זיך גע־לאָזען אויפען וועג פון מאַלקענהויז, האָט זיך דער וואָגען געשלעפּט לאַנגזאַם באַרג אַרויף. הערשעל און חיים גוי האָבען זיך אונטערהאַלטען.

— ר׳ זונדעל איז געשטארבען — האט חיים גוי אנגעהויבען — מיר האבען איהם געדינט טריי ביזן לעצטען טאג, אבער מיר זענען נישט מחויב צו בלייבען יונגען ביי זיין זוהן.

הערשעל האט א ווײלע געשוויגען: דאן האט ער געענטפערט:

— איך בין דאך נישט מעהר קיין קינד, איך בין א דערוואקסענער מענש, און ווען איך וואלט נישט געווען קיין פשוטער יונג, וואלט מיט מיר ריבטשע דעם שמידס פון די פיאסטקעס געוויס חתונה געהאט.

האט איהם חיים גוי אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען און אויסגעשריען:

— וואס מיינסטו: מיר וועלען שטענדיג בלייבען פאראבקעס? אז ר׳ אברהם חיים איז געשטארבען, האט כאצקעל טפש קיין שכל נישט געהאט, איז געקומען ישראל משה באדאנעס, אט דער עם הארץ, און האט געכאפט די לייטשעס אין האנד.

זיי זענען גאנץ שנעל ארויף אויפן עיקר: זיי קענען דא אלע פויערען און סוחרים. זיי זענען דא אויפגעוואקסען: זאל משה בערל ירשנען זיין טאטענס געלד. אבער די מדינה נישט. זיי וועלען איהם, חלילה, זיין געלד נישט בעגנבענען— דזשעגטשארעס מאכען עס נישט — אבער זיי וועלען איהם לאנגזאם אויסצאהלען פארן געשפאן און פאר די פאר פעסלעך שמיער, און אז׳עק...

אין זעלבען טאג האבען זיי דערצעהלט דעם קרעטשמער, אז ר׳ זונדעל איז געשטארבען.

—ר׳ זונדעל תלמיד חכם!" — ממש מיט די ווערטער האט דער קרעטשמער אויסגעשריען און א פאטש געטהון מיט די הענד. די קרעטשמערס האבען נישט נאר געקענט די קולות פון די פעך־אידען, נאר אויך די אידישע צונעמען און איינינע העברעאישע ווערטער, וואס זיי פלעגען זיך מיט זיי בענוצען ביים מסחר.

חיים גוי האט באלד געקריגען לשון און געזאגט:

— הערר פריטצע, פון איצט אן זענען מיר די בעלי־בתים, מ י ר וועלען דיר צאהלען דאס שטאל־געלד.

— און וואס איז מיט בערלען, דעם זוהן פון רב זונדלען?— האט דער קרעטשמער געפרעגט נייגעריג.

האט הערשעל זיך ארויסגעכאפט:

— ער איז א תלמיד חכם. ער וועט קענען זיין א מלמד אדער א שוחט.

פריטצע האט נישט פערשטאנען וואס עס בעדייט „מלמד", אבער געוואוסט האט ער, וואס „שוחט" בעדייט, ווייל די פעך־אידען האבען זיך שטענדיג בעקלאגט, אז זיי קענען קיין פלייש נישט עסען, ווייל ס׳איז קיין שוחט נישטא.

—בעסער צוויי ווי איינער — האט דער קרעטשמער געשמייכעלט. געמיינט האט ער מיט דעם, אז צוויי בעשטעלן טאקע צוויי גלאז ביער. און איבערהויפט האט ער ליעבער געהאט די יונגערע: כאטש זיי פלעגען ביי איהם אויך קיין פלייש נישט עסען, פלעגען זיי דאך אריינכאפען בגניבה — אז דער בעל־הבית פלעגט ניט זעהען — פיש, קארטאפעל אדער א בארשט: און ווי זאגט מען: פון פעניגער ווערט א טאלער...

דער קרעטשמער האט זיך נאכגעפרעגט וועגען ר׳ זונדעלס טויט, און זיי האבען

געשאָקעלט מיטן קאָפּ: „אַלט געווען!" — „ער וואָר נאָך צומליך יונג", האָט פּריטצע אָבגעזיפֿצט. „מיר וועלען אַלע שטאַרבען" האָט געזאָגט חיים גוי און בלומרשט אָבגעזיפֿצט. איצט זענען ביידע יונגען נישט געווען מעהר בעטריבט און זיי האָבען גאַרנישט מורא געהאַט: עס האָט זיי אויסגעוויזען, ווי ר' זונדעל וואָלט שוין מיט יאָהרען צוריק געשטאָרבען.

זיי זענען אַרויס אין שטאַל. איינער האָט אַרומגעגלעט די שקאַפּעס, דער אַנ־דערער האָט אויסגעשמירט די רעדער פון וואָגען, כדי זיי זאָלען נישט פּלאַצען און האָט בודק געווען די פּעסלעך שמיער, צי זיי ריינען נישט — נישט ווי יונגען האָבען זיי אַכטונג געגעבען אויפן „פּערמעגען". נאָר ווי אמת'ע בעלי־בתים...

עס זענען קוים פאַרביי אַ וואָכען צוויי און משה בערל האָט זיך געיאָוויעט. זעליג אַקס, וואָס האָט אַמאָל אַנגעזאָגט זיין טאַטען, אַז זיין שווער ר' אברהם חיים איז געשטאָרבען, האָט דאָס מאָל איהם אַנגעזאָגט, אַז די יונגען האָבען זיך אָבגע־ריסען און פערכאַפּט די מדינה. משה בערל האָט זיך געלאָזען מיטן ערשטען צוג פון מאַגדעבורג קיין האַלבערשטאַדט און אַז ער איז געקומען אין קרעטשמע אַריין, האָט ער קיינעם פון זיי נישט געפונען. פּריטצע, דער קרעטשמער, האָט זיך נישט געמאַכט וויסענדיג פון קיין זאַך: ער דאַרף היטען זיין פּרנסה; ער דאַרף אויסהערען די קללות פון די דטשעגמשאַרעס גאַנצע טעג און די רייסערייען פון די שכורע דייטשען גאַנצע נעכט און זיך נישט אַריינמישען — אַזוי האָט איהם געלערענט זיין טאַטע, פון וועמען ער האָט די קרעטשמע געירשנט. משה בערלען זענען דורכ־געלאָפען אין קאָפּ נעמען פון פיל אַרומיגע דערפער( נאָר אַ מענש איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש, ער קען דאָך נישט זיין מיט איין פּאָר פיס אומעטום. האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, אַז ער זאָל בלייבען אין האַלבערשטאַדט און אָבוואַרטען די „יונגען". ער איז אַריין אין שטאַל: ער האָט דערזעהען אַ פּעסעלע שלייף־אויל האָט ער עס אומגעקעהרט מיט טויטע חרמות. ער איז אַרויס אויפ'ן גאַס, אַרומגע־דרעהט זיך פאַר דער קרעטשמע און געקריצט מיט די ציין, שילטענדיג מיט ספּע־ציעלע דטשעגמשאַרסקע קללות. אפילו ר' זונדעל, וואָס איז געקומען קיין פּרייסען אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק, אַ נאַאיוועד ישיבה־בחור, האָט זיך מיט דער צייט גאַנץ גוט אויסגעלערענט די תורה פון שילטען, בפרט משה בערל. וואָס אַלס קינד האָט עס איהם שוין געצויגען קיין פּרייסען און וואָס אין זיינע אָדערען האָט גע־פּלאַסען בלוט פון אַ פּעך־אידענס אַ טאָכטער, וועמענס טאַטע און טאַטענס־טאַטע זענען שוין געווען פּעך־הענדלער...

פּלוצלונג האָט ער דערזעהן „שמעון ולוי אחים" פּערדרעהן זיך פון מאַרק אין דער גאַס אַריין, וואו די קרעטשמע איז. ער האָט זיך אַנגעצונדען ווי אַ פייער און אויפגעהויבען אַ פויסט אויף זיי. ווי זיי האָבען איהם דערזעהען פון וויטען, זענען זיי בלאַס געוואָרען ווי טויטע. „ווער נישט קיין צומישטער", האָט חיים גוי צוגע־שריען הערשלען, און ביידע האָבען זיך איינער דעם אַנדערען מוט געגעבען. די גאַנ־צע צייט האָבען זיי געקלערט וועגען דעם, וואָס זיי וועלען זאָגען משה בערלען, אָבער דאָס קלערען איז געווען איבעריג. משה בערל האָט זיי מקבל פּנים געווען מיט זיינע קללות, ער איז געלאָפען אַנטקעגען דעם וואָגען און אַ כאַפּ געטהון די לייטשעס.

— דאָס איז אַלץ מיינס! — האָט ער געשריען.

— וואָס קאַכט איהר זיך אַזוי, ר' משה בערל? — האָט הערשעל אַ פרעג גע־טהון.

— צו וואס נאך, רבי? אז א איד קען ארויסרייסען פון דיינע הענד די לייטשעם איז ער נישט קיין „רבי"! — האט חיים אויסגעשריען און אראבגעשפרונגען פון וואגען.

משה בערל איז טאקע געווען זעהר קרעפטיג. נאר א שלעגער ווי זיינע יונגען איז הערשל אויך אראב פון וואגען און זיך אוועקגעשטעלט נעבען זיין חבר. משה איז הערשעל אויך אראב פון וואגען און זידאוועקגעשטעלט נעבען זיין חבר. משה בערל האט אבגעלאזען די לייטשעם, אבער ער האט זיך געריסען, ווי ער וואלט פון זיינען אראב, און זיי געסטראשעט, אז ער וועט זיי ארויסווייזען פון דער מדינה.

— כאפט זיך נישט אזוי, משה בערל — האט איהם א זאג געטהון חיים גוי געלאסען — איך האב קיין מתים נישט אריבערגעשמוגעלט אויף יענער זייט.

משה בערל איז געווארען אנטשוויגען. נאר באלד איז זיין צארן נאך שטארקער געווארען; ער האט געשאלטען און געשריען, אז ס'איז רעכט ביי איהם אין איין העמד צו בלייבען, אבי זיי ארויסצווייזען פון דער מדינה.

און דער עולם ארום זיי איז געוואקסען.ביידע צדדים האבען געצויגען די פויערים צו זיך ביי די הענד און די בגדים און געזוכט אויפצווייזען, אז זיי זענען גערעכט. די פויערים האבען נישט פיל פערשטאנען פון זייער פערדייטשען אידיש, אבער די גאנצע מעשה האט זיי סתם א הנאה געטהון און זיי האבען מיט ביידע צדדים מסכים געווען. באלד איז אנגעקומען א פאליציאנט און אלע דריי וואלטען געגאנגען זיצען, ווען ס'מישט זיך נישט אריין פריטצע, דער קרעטשמער.

— זיי זענען מיינע קונדען, אביסעל צופיל „פילזנער" ארונטערגעלאזען, איך וועל זיי בעליגען, וועלען זיי זיך אויסניכטערען, — האט ער געזאגט דעם פאליציאנט. צוערשט האט ער גענומען משה בערלען פארן ארעם און איהם אריינגעפיהרט אין קנייפע, נאכהער האט ער געצויגען הערשלען מיט חיימען און זיי אריינגעשטופט אין שטאל אריין.

מיט דעם האט זיך אבער דער עסק נישט געענדיגט.

אין אוונט, אז זיי האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט פריטצע פראבירט פערמיטלען צווישען זיי. „איהר זענט דאך אלע אידען, און אידען זענען דאך ארנטליך און קלוג, מאכט שלום און ווערט שותפים", האט פריטצע געזאגט און זיי געגלעט איבערן פלייצע. נאר א נעכטיגער טאג. די יונגען האבען כמעט מסכים געווען, אבער נישט משה בערל. ער וועט זיין א שותף מיט יונגען? ער וואלט זיך שוין אפשר געלאזט איינרעדען פון פריטצען: סוף כל סוף איז מען אין גלות, די מדינה איז גרוים גענוג און די מענשען זענען יונג און פלייסיג; נאר אז ער האט זיך דערמאהנט, ווי זיי האבען איהם בעגלייט מיטן מת מיט ביטערע טרעהרען און איצט האבען זיי געקענט איהם סטראשען, אז זיי ווילען איהם מסר'ן, וואס ער האט געבראכט צו קבר ישראל זיין פאטער עליו השלום, וואס איז פאר זיי געווען ווי א מאטע, האט ער געזאגט: ניין! ער וועט מיט זיי אויף איין וואגען נישט זיצען — זאל זיין וואס עס וויל!

דערווייל האבען זיך די פעך־אידען אומעטום דערוואוסט פון דער מחלוקה: אין מאגדעבורג, קאטבוס, צערבסט, דעסוי, „גורי אריות" (דאס איז געווא אין רוים) און אפילו אין זאקסען, אין „דייבל" (דעבעל) זעליג אקס האט געהאלטען מיט די יונגען — ער האט פיינט געהאט א תלמיד חכם, ווי א'עם הארץ קען פיינט האבען א תלמיד חכם. און ער האט מורא געהאט פאר משה בערלען: אבער ישראל

משה פון דעסויער געגנד איז געווען פאר משה בערלען, דעם אייניקל פון ר' אברהם חיים'ען, וואס האט איהם פאר א מענשען געמאכט. — משה בערל האט פארגע־שלאגען די יונגען, אז מען זאל זיך פערלאזען אויף בוררים און זיי האבן מסכים געווען. אבער ווער זאל זיין דער בורר? דער קרעטשמער איז א גנב און סתם א שונא ישראל (ראס האבען אלע דריי צוגעגעבען) און דער באנקיר הערר כהן וועט זיך נישט וועלען מיט זיי אבגעבען. האט איינער פארגעשלאגען איין פעק־איי־דען פאר א בורר, האט דער אנדערער פארגעשלאגען א צווייטען. האט חיים גוי געזאגט: צו וואס דארפען מיר האבען בוררים? אייער געלד וועלען מיר אייך אב־געבען בתשואות חן און פויערן זענען דא אין הארץ־געבירג ווי זאמד און ערד, עס וועט קלעקען פאר אונז אלע. משה בערל האט געזעהען, אז ער קען גארנישט מא־כען, האט ער געקויפט א געשפאן, אוועק אין מאגדעבורג, ארויסגעקריגען מיט זיך אביעזר'ן, זעליג אקסענס בעסטען יונג, און האט זיך אויך ארויסגעלאזט אויף דער מדינה. האבען זיי זיך ארומגעדרעהט אין האלבערשטאדט, איז ער אויך געבליבען אין איז פארלאפען דעם אנדערען וואו ער האט נאר געקענט: מען האט פערקויפט די סחורה כמעט אהן ריוח און געארבייט פון פריה ביז נאכט פארן טייוועל, אבי דער אנדערער זאל אויך נישט האבען און מיזען הארעווען ווי א פערד. „איך וועל זיי נישט מאכען לייכט זייער לעבען, — פלעגט משה בערל זאגען זיין א ביעזרין — נאט וועט מיר העלפען, אז זיי וועלען נאך איינגעהמען פאר מיינע אויגען א מיתה משונה". וואס ווייטער זענען ביידע צדדים געווארען מהר פערעקשנ'ט.

האט זיך געטראפט טרעפען, אז ביידע וועגענער זענען אנגעקומען איי־נער אנטקעגען אנדערן אין א שמאלען וועגעל נישט ווייט פון א דארף: הערשעל מיט חיים'ען זענען ארויס פון דארף און משה בערל מיט אביעזר'ן האבען זיך געלאזען צום דארף. קיינער האט אבער נישט געוואלט מאכען א וועג דעם אנ־דערן.

— וויא! וויא! — שרייט חיים גוי צו זיינע פערד און לאזט אויף זיי אראב די בייטש ווי ס'דארף צו זיין.

„וויא! וויא!" שרייט אנטקעגען משה בערל און האקט מיטן בייטש זיינע פערד כפל כפלים. האבען זיך די פערד פערפלאנטערט איינע אין די אנדערע, גע־דרעהט מיט די קעפ ווי אלטע ידידים, וואס טרעפען זיך, און זייערע בעלי־בתים זענען געווארען אש להבה. איז משה בערל אראב פון וואגען, אראבגענו־מען דעם בויך־גארטעל, וואס איז געווען אנגעשטאפט מיט זילבערנע טאלערס, און איהם אויפגעהויבען אויף חיים גוי. חיים גוי ווידער איז אויך אראבגעשפרונ־גען פון וואגען און אראבגענומען דעם בויך־גארטעל. באלד האט זיך געשטעלט הערשעל פון איין זייט און אביעזר פון דער צווייטער זייט. משה בערלען אויף צו להכעים האט חיים גוי אויסגעשריגען:

„ אין מיין גארטעל זענען דא מעהר טאלערס ווי אין דיינעם: אז איך לאז איהם אראב אוף דיר פאלסטו טויט!"

משה בערל, וואס האט צום ערשטען מאל געהערט ווי זיין געוועזענער יונג זאגט איהם „דו", איז געווארען נאך אויפגערעגטער און האט געברילט:

„איידער דו לאזט אראב דעם גארטעל אויף מיר, ברעך איך דיר איבער די האנד, ממזר איינער!"

דא האט זיך אנגעהויבען א געשלעג בעגלייט פון קללות ביז'ן הימעל אריין. משה בערל האט זיך געשלאגען מיט חיים'ען און הערשעל מיט אביעזר'ן. פלוצלונג האט הערשעל געזעהען אויף משה בערל'ס בארד בלוט.

„בלוט!" האט ער אריינגעשריגען אביעזר'ן אין פנים אריין און האט איהם אבגעלאזען. ביידע האבען פונאנדערגעריסען משה בערלען מיט חיים גוי'ען, וואס האבען זי דנאך געווארפען איינער אופ'ן אנדערען.

פון משה בערל'ס נאז האט גערונען בלוט און חיים גוי איז געווען צוחראפעט איבערן גאנצען פנים. הערשעל האט געבראכט אין זיין טשאייניק וואסער פון נאהנטען ראוו. איין נאסע שמאטקע האט ער געגעבען חיים'ען און די אנדערע אביעזר'ן פאר משה בערלען. וואס איז געלעגען אויסגעלייגט מיט'ן רוקען אויפ'ן וואגען, כדי אבצוהאלטען דאס בלוט. משה בערל'ס אויגען זענען געווען געריכטעט צום בלויען הימעל און דאס מויל האט געשאלטען: יעדען קללה האט ער אנגעהויבען מיט „רבונו של עולם". ער האט זיינע ביידע „יונגען" געשאלטען מיט גאנצע פסוקים פון דער תוכחה און גראד די ווערטער, וואס זיי האבען קיין איינער פון זיי נישט פערשטאנען, האבען זיי זיך נאך מעהר אויפגערעגט און זיי האבען אויך נישט געהאלטען דאס מויל. דערווייל האט אביעזר אויפגעפלאנטערט די לייטשעס, פונאנדערגערוקט די פערד און אבגעפאהרען מיט דעם ליגענדיגען משה בערלען צום דארף צו, נישט הערענדיג זיין בעל-בית, וואס האט געשריגען, אז ער זאל בלייבען, ווייל ער האט געוואלט אנהויבען אויף ס'ניי, ווי נאר דאס בלוט וועט זיך איינהאלטען. אז דער וואגען האט זיך דאך גערירט, האט משה בערל אויפגעהויבען אביסעל דעם קאפ און אויסגעשריגען צו זיינע געגנער: איהר וועט שוין קרענקען און זיצען יום-טוב דא! איך האב מיין פאמיליע נאר־וואס געזעהען, קען איך בלייבען, און אויב איהר ווילט נישט, אז איך זאל פערנעהמען די גאנצע מדינה, וועט איהר אויף יום-טוב נישט פאהרען קיין גראיעווא!"

געזאגט און געטהון, נאך דעם זעלבען אוונד האט ער געשריבען צום ווייב, אז ער קען נישט קומען אויף יום-טוב, ווייל די יונגען האבען זיך אבגעריסען און ס'איז א שאד די רייזע-הוצאות. — חיים מיט הערשלען זענען געווארען אויסער זיך. הערשעל האט שוין געצעהלט די טעג צו זעהן ריבטשען דעם שמיד'ס און ער האט זיך פאנטאזיעס געמאכט. אז ווערענדיג א „בעל-הבית" וועט זי איהם נעהמען, און אויב ער וועט נישט קומען וועט איהר אנ'אנדערער אויסכאפען; און חיים גוי האט געווים געקלערט וועגען תכלית און וועגען די פינף שכנה'שע מיידלעך, וואס ער האט געהאט אויפ'ן אויג און וואס ער האט גערעכענט דעם בין-הזמנים מיט איינער אבענדיגען. הערשעל, וואס ריבטשע איז איהם געלעגען ווי קוועקזילבער אין קאפ, האט זיך אין צוויי טעג ארום אוועקגעלאזען קיין מאגדעבורג און צווויסען געגעבען זעליג אקס'ן מיט זיין גאנצער חבריא, וואס משה בעריל האט בעשלאסען. „ער האט אייך אריינגעשטעקט א ריכטיגען פלאקען — האט זעליג אקס זיך פונאנדערגעלאכט — א תלמיד חכם, וואס דער טאטע איז אויך געווען א תלמיד חכם, נישט אזוי פשוט". אבער גלייך איז ער אויך, און די גאנצע חבריא פון מאגדעבורג, א פערביטענער געווארען: אויב נישט משה בערעל און חיים מיט הערשלען וועלען פאהרען אהיים ווי קענען זיי ווידער פאהרען? וואס

טהוען זיי, אויב איינער פון די דריי כאפט זיך אריין אין זייער מדינה? און דאס איז דאך גאר קיין ספק נישט. האבען אלע גוזר געווען אויף זעליג אקס'ן, ער זאל זיך אוועלאזען קיין האלבערשטאחט און איבעררעדען מיט משה בערלען, אז ער זאל זיך נישט נאריש מאכען און נישט פערשטערען אידען דעם יום-טוב.

אז זעליג אקס איז געקומען צו משה בערלען, האט ער איהם געזאגט:

— ר' משה בערעל תלמיד-חכם! ווי קענט איהר גאר ארויסרעדען פון מויל, אז איהר וועט בלייבען ימים-נוראים אין דער פרעמד, צווישען גויים?"

און משה בערעל האט אויפגערעגט געענטפערט:

— ווער עס האט מיר אזוי בעצאהלט פאר דער מצוה, וואס איך האב געבראכט מיין טאטען צו קבר-ישראל, וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל צו איהם מתפלל זיין ראש-השנה און יום-כיפור אויף אן'אדמה טמאה.

משה בערעל, וואס איז אין אמת'ן ריכטיג פרום געווען, האט זיך באלד געכאפט, אז ער האט איבערגעכאפט די מאס אקעגען דעם. וואס מען טאר נישט דערמאהנען זיין נאמען אומגעוואשען. האט ער גלייך צוגעגעבען:

— מלא כל הארץ כבודו, ער האט גוטע אויערן, וועט ער מיך אויך פון האלבערשטאדט הערען.

זעליג אקס האט געפרובט איהם ערקלעהרען, אז אויב ער פאהרט נישט, קענען אנדערע אידען אויך נישט פאהרען. ער אבער האט איהם געענטפערט:

— איהר זענט גרויסע טפשים! הערשעל מיט חיים גוי'ן זענען פערנומען איבער'ן קאפ מיין ברויט אויסצוכאפען און א ך וועל אין אייער מדינה א פוס נישט אריינשטעלען, איך שווער עס ביי מיין לעבען און ביי מיין טאטען'ס פרישען קבר.

אלזא איז זעליג אקס געקומען צוריק קיין מאגדעבורג מיט וואס ער איז אוועק. משה בערעל האט טאקע געשוואוירען, און מען קען איהם גלויבען אויף זיין שבועה, אבער דער פעד-איד האלט נישט פון קיין שבועות... און באלד האט מען זיך דערוואוסט פון דער מעשה אין קאטבוס, און פון קאטבוס אין צערבסט און אזוי ווייטער און ווייטער. און אזוי ווי די פעד-אידען קענען איינער דעם אנדערן, האבען אלע בעשלאסען, יעדער פאר זיך, צו בלייבען אויפ'ן ארט, כדי זיך צו שיצען פאר'ן פעד-הענדלער פון דער „שכנה'דיגער מדינה"...

אז עס האבען זיך אנגעהויבען צורוקען די ימים-נוראים, האט מען אנגעהויבען טראכטען פון דאווענען מיט א מנין. די פעד-אידען פון „גורי-אריות" (גערא) זענען צוגעפאהרען קיין לייפציג, וואו ס'זענען שטענדיג דא רייזענדע חסידים פון פוילען און מען דאווענט ריכטיג ווי אידען; דער דזשענטשאר פון דעבעלען איז געווען א „גוי" און פאר איהם האט געקלעקט די סינאגאגע אין דרעזדען, אבער וואס מאכען די פעד-אידען פון דעסוי ביז מאגדעבורג און ווייטער, ביז האלבערשטאדט? משה בערעל האט געמיינט צו דאווענען ביחידות אויסער'ן שטאהט, וואו מען קען ריכטיג אויסגיסען דאס הארץ פאר גאט; חיים גוי איז דאך געווען סתם א גוי און ער האט געפסקנט, אז אויב ר' זונדעל'ס זוהן קען אידען אויפהאלטען פון פאהרען אהיים אויף יום-טוב, איז די עבירה אויף זיין קאפ; נאר וואס טהוט א זעליג אקס, ישראל משה באראנעס, חאצקעל און אלע אנדערע? צום אנפאנג

האָט משה בערלען די מעשה שטאַרק אַ הנאה געטהון — האָט ער דאָך עפּעס יאָ אַ כח! דער חורשט נאָך נקמה האָט איהם בשעת מעשה פערבלענדעט. נאַר־וואָס ס'איז נעהנטער געוואָרען צו ראש־השנה איז אַלץ גרעסער געוואָרען זיין פּחד פאַר דער עבירה וואָס ער איז גורם און ער האָט אָנגעהויבען זאָרגען, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענקומען ערגעץ אויף אַ פעלד און דאַוונען בצבור. הערשעל דוקא האָט זיך שטאַרק קלאָפּאָטשעט אַרום דעם. ער איז אַרומגעלאָפען אין מאַגדעבורג, צערבסט און דעסוי און צום סוף איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַזע דזשענטשאַרעס מיט די יונגען מיט זייערע ווענער וועלען זיך אויפטרעפען אין צערבסט, וואָס ליגט צווישען דעסוי און מאַגדעבורג.

ערב ראש־השנה זענען אַלע אָנגעקומען אויף דער לאַנקע הינטערען „רעבהונס־גאַרטען". מען האָט אויסגעשטעלט די וואָגענס אין אַ עגול, דאַן — האָט מען אַראָבגענומען פון איין וואָגען די בויד און זי אויפגעשטעלט, כדי זי זאָל דינען אַלס עמוד פאַר'ן בעל־תפילה. די ציגיינער האָבען געהאַט זייער לאַגער פון דער זייט צערבסט און די פעך־אידען פון יענער זייט. „ווי ציגיינער זענען מיר געוואָרען", האָט ישראל משה געקרעכצט, און אַלע האָבען געקוקט אויף משה בערלען ווי אויף אַ וואָלף. — משה בערל האָט זיך אָבער ווייניג וואָס אַרומגעקוקט. ער איז געזעסען אויף זיין וואָגען און זיך געגרייט צום דאַוונען: ער האָט אַריינגעקוקט אין מחזור, וואָס ער האָט געקויפט אין מאַגדעבורג, און אונטערגעברומט דעם אי־אַי־אַי פון מעריב.

אין צערבסט האָט זיך פערשפּרייט צווישען די גוים אַ קלאַנג, אַז ס'איז אָנגעקו־מען אַ נייע באַנדע ציגיינער, און אַזוי ווי די ציגיינער זענען בעקאַנט אַלס געניטע גנבים, האָבען אַלע אַ שרעק בעקומען — מיט די אייגענע ציגיינער זענען זיי שוין געוואָהנט געוועזען, אָבער זיי האָבען מורא געהאַט פאַר נייע. עס זענען באַלד געקו־מען צום לאַגער צוויי פּאָליציסטען און דערוויסענדיג זיך, אַז דאָס זענען אידען און זיי האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען צו דאַוונען, זענען זיי רוהיג אַוועק צוריק אין שטאָדט אַריין.

ראש־השנה און יום־כפּור איז געוועזען אַ אמת'ער שלום צווישען די פעך־אי־דען, הערשעל און חיים גוי זענען צוגעגאַנגען ראש־השנה נאָך מעריב צו משה בערלען און איהם געזאָגט „לשנה טובה" (וואָס מען דאַרף ווייטער זאָגען, האָבען זיי נישט געוואוסט) און מוצאי יום־כפּור ביים מחדש זיין די לבנה האָט זיי משה בעריל צוגערופען „שלום עליכם, עליכם שלום" און אַלע פעך־אידען האָבען גע־טרונקען צוזאַמען „לחיים" — אַזוינס וואָס איז נאָך נישט געוועזען ביי פעך־אי־דען זינט די וועלט שטעהט. דאָס איינציג טרויעריגע איז געוועזען, וואָס זיי האָבען נישט געהאַט קיין ספר תורה און אַ שופר (איינער דערצעהלט, אַ שופר האָבען זיי יאָ געהאַט. פון לייפּציג), נאָר ר' משה בעריל האָט געלייענט דעם סדר התקיעות און די פּרשה פון מחזור, און געדאַוונט האָט ער אַזוי זיס, אַז ביים געזעגענען זיך, זענען אַלע געוועזען אין אַ גוטער שטימונג. אַלע זענען געוועזען זיכער מיט אַ גוט יאָהר.

קוים זענען זיי אָבער געקומען צוריק אין זייערע מקומות, ווי ס'איז אָנגעקו־מען דער סוכות און זיי האָבען געפּראַוועט זיי יום־טוב אונטער אַ ראָגאָזשע פון אַ וואָגען, זכר לסוכה, האָבען זיי געברענט ווי אַ פייער אויף משה בערלען: נישט קיין

סוכה און נישט קיין אתרוג, נישט קיין הקפה און נישט קיין עליה, אהן א היים און אהן א יום-טוב'דיגען טיש — גיעט עס נאך א גרעסערן חילול יום-טוב? משה בעריל האט עס נישט געפיהלט, ווייל די נקמה איז געוועזן זיס, אבער די אנדערע פעך-אידען האבען געבענקט אהיים, ווער צום אלטען בית-מדרש און ווער, להבדיל, צום „גרינעם בארג", ווער צו זיין ווייב און ווער צו דער שכנה'טעם כלה-מיידעל, איינער צו דער באד-גאס און דער אנדערער צו די פיאסקעס — אלע, אלע האבען געבענקט צו דער ליבער גראיעווא, וואס יעדעס ווינקעלע אין איהר איז מלא-חן און שעהנקייט... און ווער האט דעם יום-טוב פערשטערט, אויב נישט משה בעריל? וואס טויג זיין תורה און חכמה, אויב ער האט ביי זיך געפועל'ט צו פערהאלטען אידען אין דער פריעמד. אין אזא ביטערן גלות ווי „פרייסען", די גאנצע ימים-טובים און אפילו שמחת-תורה?

און זייט דאן האבען איהם אלע פעך-אידען גערופען: „משה בעריל מחלל-יום-טוב".

# אשרי תמימי דרך

צוויי יאָהר האָט זיך ר' משה־בערל מחלל יום־טוב אַרומגעריסען מיט זיינע אַמאָליגע יונגען, וואָס זענען געוואָרען בעלי־בתים פאַר זיך. צום סוף האָט ער איינגעזעהען, אַז ער וועט זיי נישט בייקומען, בעזונדערס ווייל ער האָט געהאַט אַ סך שונאים אויך צווישען די פויערן — ער פלעגט זאָגען, אַז דערפאַר האָבען איהם די פויערען פיינד געהאַט, ווייל ער האָט נישט געקענט עסען מיט זיי פון איין שיסעל. ער האָט געמוזט זיך אַריבערפּעקלען פון האָלבערשטאַדט קיין ברוינשווייג. ביז ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער סביבה האָט ער נישט פערדינט אפילו פאַר זיין טעגליך געברויך — מ'שטיינס געזאָגט. וואָס אַ דזשעגמשאר האָט געדאַרפט האָבען — אָבער קים איז ער געוואָרען, אַ דאַנק זיין עכט „רוסישען" שמיער, אַ בן־בית אין די הויפען אין די אַרומיגע דערפער, האָט ער פערדינט מעהר ווי אין האַלבערשטאַדט. און וואָס איז דאָס ווערט געווען, וואָס ער האָט קיין איינציגען דזשעגמשאר אין דער מדינה אויף די אויגען נישט געזעהען? מ'צן מוז דרך אגב בעמערקען, אַז צו יענע צייטען איז שוין קיין רוסישע שמיער אי־בערהויפט נישט געווען אין דייטשלאַנד, ווייל ס'האָבען זיך געעפענט אין דייטשלאַנד גופא פאַבריקען פון שמיער מכל המינים, אָבער אַזוי ווי מיט אַ דור צוריק פלעגען די „ערשטע" ברענגען אַלע סאָרטען שמיער פון מיידאַן אין רוסיש־פוילען, האָבען די פויערען אויך שפעטער איינגעקויפט זייער שמיער בעסער ביי די רוסישע אידען, מיינענדיג, אַז די רוסישע שמיער איז דאָך עכטער און אַז אַ רוסישער איד וועט דאָך נישט פערקויפען קיין אַנדערע סחורה ווי רוסישע. דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס קיין פאַבריק־אַגענט האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכען דאָרט, וואו אַ פעך־איד האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס.

ר' משה־בערל האָט טאַקע יענע צייט אַ הנאה געהאַט פון ברוינשווייג, וואו ער איז געווען איינער, נאָר זעהר אומעטיג איז איהם געווען דאָס לעבען אָהן אי־דען — די דייטשע אידען האָבען איהם נישט מקרב געווען און אפילו אויף זיין „גוטען טאָג" נישט געענטפערט — און קאַלאַמוטנע איז איהם געווען אויפן האַרצען זיצענדיג שטענדיג אונטערן בויד פון זיין וואָגען בלויז מיט זיין יונג אביעזר'ן. ווינטער, אַז זיי פלעגען בלייבען שטעקען אין שניי אויף אַ וויסטען פעלד, אָדער זומער, אַז עס פלעגט זיי בעפאַלען אַ שטורעם פאַהרענדיג דורך אַ וואַלד, פלעגט ער האַלטען כסדר אין איין בעשווערען אביעזר'ן, אַז אויב עס וועט איהם אַ דונער טרעפען אָדער ער וועט פערפרוירען ווערען אויף טויט, זאָל ער,

אביעזר, איהם ברענגען צו קבר ישראל, ווי ער האָט מיט זיין טאַטען עליו השלום געמאַכט. אביעזר פלעגט איהם האַלטען אין איין צוזאָגען, אָבער ר' משה-בערל האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס נישט מקיים זיין; און אַגב איז ער נאָך יונג געווען און כאָטש ער האָט אָפט גערעדט וועגען טויט, האָט ער עס נישט אַזוי געמיינט.

אהיים פלעגט ער שרייבען צוויי מאָל א זמן — דאָס איז געווען א זעלטענהייט ביי די דזשעגטשאַרעס — און ער פלעגט קריגען איין, צוויי מאָל א קאַרטעל און אַמאָל א בריעף אויך. לייענענדיג דאָס קאַרטעל, פלעגט ער פיהלען ממש די לופט פון גראַיעווא: אָט דאָס געלבליכע קאַרטעל איז געווען ביי איהם אויפ'ן טיש, זיין ווייב האָט אויף איהר די האַנד אַרויפגעלעגט שרייבענדיג — ווער ווייס, אפשר האָט דער געראַנק געשמעקט מיט א שמץ פון תאוה — און די קינדערלעך האָבען געוואָרפען זייערע ליבע אויגעלעך אויף אָט דעם קאַרטעל. ביז ער פלעגט קריגען א נייע קאַרטעל, פלעגט ער אַלץ קוקען אויף דעם ערשטען, וואָס האָט געשמעקט מיט היימישקייט, כאָטש צווישען זיך גערעדט זענען עס געווען קרומע שורות, אָנגעפאַטשקעט מיט קאַטשערעס וואָס נאָר א משה-בערל האָט זיי געקענט דורכלייענען בשלום. — אין דער פרייער צייט פלעגט ער לייענען ספורי-מעשיות, אַריינקוקען אין מדרש און עין יעקב און אפילו לערנען א בלאַט גמרא; יעדען זמן פלעגט ער דורכגעהן א מסכתא. אָפט פלעגט ער זעצען אביעזר'ן נעבען זיך און פאַר איהם זאָגען די פרשה מיט רש"י און מדרש, נאָר ער פלעגט אַליין מיעד ווערען זעהענדיג ווי אביעזר גענעצט בסדר און די אויגען מאַכען זיך איהם צו... ווען נישט אביעזר, וואָלט ר' משה-בערל פערגעסען צו יענער צייט דאָס שילטען. עס איז אפילו אַביסעל איבערטריבען, דען דער פעך-איד פלעגט נישט זשאַלעווען קיין קללות יעדען פויער, וואָס האָט ביי איהם נישט געקויפט, נאָר די פויערן פלעגט ער שעלטען שטיל, א מין תפילה בלחש, און זיינע יונגען — מיט קולי-קולות. ר' משה-בערל פלעגט שטענדיג האָבען א געלעגענהייט צו שילטען: אַמאָל האָט איהם אביעזר דערצו געבראַכט, אַמאָל האָט מען דאָס איהם מן השמים בעשערט, און אַז דאָס אויך נישט, פלעגט ער געפינען יעפּעס א סיבה דערצו — מנחה און מעריב פלעגט אביעזר נישט דאַווענען — עס זענען אוועק די יאָהרען, וואָס א בעל-בית פלעגט פאַר דעם שלאָגען זיין יונג — נאָר אָפט פלעגט ער אפילו קיין תפילין נישט לייגען. אפילו דאַן פלעגט איהם ר' משה-בערל נישט שלאָגען, אָבער קללות האָט ער איהם נישט געזשאַלעוועט און פת-שחרית האָט ער איהם נישט געוויזען ביז ער האָט נישט געלייגט אויף א מינוט די תפילין, אָדער, ווי „אָנגעמאָסטען צי דער קאָפּ איז איהם נישט געשוואָלען". פלעגט אָבער אביעזר איבערגיסען א פאָר טראָפּען שמיער, פלעגט ר' משה-בערל אויפהויבען א האַנד, אָבער זי נישט אַראָבגעלאָזען. ער האָט עס זיך נאָר ערלויבט אין די פאָר יאָהר עטליכע מאָל, ווען ער האָט איהם חושד געווען, אַז ער האָט עפּעס פערקויפט א פויער און דעם פדיון אַראָבגעלאָזען אין קעשענע. דעם אמת געזאָגט, האָט ער קיינמאָל אביעזר'ן ביי דער האַנד נישט געכאַפּט. נאָר האָט ער איהם חושד-

געווען, פלעגט ער איהם רודפן ווּאכענלאַנג. ער פלעגט נאָר דאַן רוהיג ווערען, ווען אביעזר פלעגט ארויס פון געדולד און איהם סטראַשען, אַז ער וועט פון איהם אוועק און געהן צוריק צו זעליג אָקס'ן אָדער צו זיין גרעסטען שונא, חיים גוי. סוף כל סוף איז דאָך אביעזר אַ דערוואַקסענער מענש. און וואָס טהוט ער, משה בערל, אויב ער מאַכט יד אחת מיט חיים גוי און הערשלען און זיי לאָזען זיך ארויס אויך אויף דער מדינה ברווינשוויינג? די פויערען זענען דאָך בהמות פון שטאָל און ווייסען נישט צו אונטערשיידען אַ „בעל-בית" פון אַ „יונג", און ווער עס קומט צו זיי פריהער, גיסט זיי אָן אין די בלעכען אַ גוט יאָהר...

בעזונדערס שלעכט זענען געווען די בעציהונגען צווישען משה-בערלען און אביעזר'ן ווען ס'פלעגט זיך לעגען דער שניי, ווען מען פלעגט זיצען אין אַכסניה מיט פערלעגטע הענד און ר' משה - בערל פלעגט דאַרפען פּאַשען אביעזרן נישט פערדינענדיג אַ פעניג. אָט אין דער צייט, ווען ס'איז קאַלט אין די ביינער און מויט אין קעשענע, פלעגען זיין די גרעסטע סכסוכים צווישען די בעלי-בתים מיט די יונגען: ווער קען זיין אַ מלאך און קאָרמען מיט אַ רוהיגען געמיט זיין יונג, אַז ער פערדינט נישט אַ פעניג אויף אַ רפואה? די בעלי-בתים פלעגען דאַן מיינען, אַז די יונגען האָבען עפּעס געקריגען אַ מיט-עסער, כאָטש זיי זענען אָבגעקערט מען אין די טעג מיט אַ שוואַרץ שטיקעל ברויט און אַ טעפּעל שוואַרצע קאַווע. און פון לאַנגווייליגקייט וואָלטען זיי טאַקע אַלע מאָל עפּעס אין מויל גענומען... די בעלי-בתים פלעגען אין אַזאַ צייט זוכען פאַר די יונגען ארבייט פון אונטער דער ערד. ר' משה - בערל פלעגט קענען 10 מאָל אַ טאָג זאָגען אביעזר'ן, אַז ער זאָל איהם העלפען אַראָבציהען אָדער אַרויפציהען די שטיוועל; אָדער ער פלעגט איהם שיקען עטליכע מאָל אַ טאָג אויפן מאַרק זעהען צי ס'איז דאָ פיש, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אין דער שניי-צייט זענען קיין פיש נישטאָ. אין אויב יאָ, איז ער נישט דער בעל-דבר צו צאָהלען דעם טייערען פרייז; אָדער ער פלעגט איהם הייסען זאָגען תהילים פסוק ביי פסוק און איהם פערריכטען מיט בעס יעדעס וואָרט. און דאָס איז געווען דאָס ערגסטע: ציהען שטיוועל איז סתם געווען אַ פּאַסקודנע מלאכה, נעהן אין גאַס זוכען פיש — פלעגט דורכפריהרען די ביינער, אָבער דאָס תהילים זאָגען, להבדיל, פלעגט דעם יונג גאָר צומישען — ער פלעגט באַלד קריגען אַ מיחוש אין קאָפּ, די שורות פלעגען צעשווימען און צום סוף איז איהם גאָר דאָס לשון אָבגענומען געוואָרען, ווי אַ קאָרטאָפעל וואָלט איהם אין האַלז שטעקען געבליבען, נישט אַהער און נישט אַהין. דאָס תהילים-זאָגען פלעגט זיך שטענדיג ענדיגען מיטן אַנטלויפען אויף אַ פּאָר שעה, און דאָס האָט דאָך דער בעל-בית געוואָלט: ערשטענס, אַז דער יונג איז נישט אין קרעטשמע, קען ער דאָך געווים גאָרנישט „פערצערן", צווייטענס, אַז דאָס האַרץ איז אָנגעכמורעט ווי דער הימעל, אַז אויף דער נשמה איז אָנגעלייגט עפּעס קאַלטעס ווי אויף דער ערד, איז גלאַט גוט נישט צו זעהען אַ יונג פאַר די אויגען...

אָט פון דעם קען מען פערשטעהן, וויפיעל ס'האָבען איבערהויפּט געליטען,

די בעלי־בתים און די משרתים איינע פון די אנדערע, און וואָס פאַר א לעבען זיי האָבען אַלע נעביך געהאַט. אַט דאָס ליידען פלעגט די משרתים מאַכען הפקרדיג, און ווען זיי וואָלטען געווען געבילדעט, וואָלטען זיי חלילה איינגאַנצען אראָב פון וועג. נאָר די בעלי־בתים האָבען עס אויך נישט אַזוי לייכט מקבל באהבה געווען. אפילו ר' משה־בערל פלעגט אמאָל אריינקלערען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט קומען צו א שטיקעל אפיקורסות, דער עיקר ווען ער פלעגט זיצען צוזאַמענגעדרעהט אין „קנייפּע" נעבען אויווען און זיך צוקוקען ווי די אָנגעפרעסענע גויים גיסען אין זיך שנאַפּס און ביער און ווערען אַלע מאָל לוסטיגער און פרעהליכער, אין דער צייט, וואָס ער נעביך האָט דאגות־פרנסה, איז פערוואָגעלט פון דער היים, און נישט נאָר דאָס, נאָר דער שכורער גוי קוקט מיט שפּאָט אויף זיין בגד, וואָס איז אויסגעשמירט פון אַלע מינים שמיער — איז עס אין אָרדנונג? ער לעגט צוויי פאָר תפלין, יעדע וואָך זאָגט ער אָב דעם גאַנצען תהילים פון אשרי האיש ביז הללויה, אפילו א בלאַט גמרא לערענט ער אויפן אויבערשטאָל, און דער פּראָסטער גוי ווייסט גאָרנישט וואָס דאָס איז און לעבט זיך פונדעסטוועגען בשלום ובשלוה — געה זיי א צדיק און קלער נישט אריין אין די ענינים! ר' משה־בערל איז געווען א תלמיד חכם און ער האָט געוואוסט וואָס צו פרעגען. אָפט פלעגט ער אַזוי זיצען שעה'ן לאַנג, פרעגען זיך אליין און ענטפערן, פרעגען און ענטפערן, ביז ער איז מיעד געוואָרען און איינגעדרימעלט. און נישט נאָר אין ווינטער, נאָר אפילו זומער פלעגען זיך אין איהם ערוועקען אַזוינע קשיות. עס פלעגט אָפט פּאַסירען, אַז ווען ער פלעגט קומען אין הויף, פלעגט איהם ארויסקומען אנטקעגען אַן'אַלטער גוי, א מגולח, מיטן בלויזען קאָפּ און, זעהענדיג אַז ער איז א איד, פלעגט ער איהם הייסען געהן. אָט דער גוי זיצט „תחת גפנו ותחת תאנו", און ער, דער איד, דאַרף ארוים מיט א בעטריבטען געמיט און נאָך גאָט דאַנקען, אַז דער גוי האָט אויף איהם נישט אָנגעשיקט די הינד — ווער איז אַלזאָ דיגער אתה בחרתנו? „ומפני חטאינו גלינו מארצנו" — און וואָס זענען דאָ די מצוות פון די פויערן אין „פרייסען", וואָס זיצען רוהיג אויף דער ערד? אָט קומט ער אריין צו א איינפאַכען פויער; יענער זיצט און עסט פלייש — געווים חזיר — און מאַכט נישט קיין ברכה נישט צו אונזער גאָט און נישט צו זיין גאָט. און געזונד איז ער ווי א בעלג'יש פערד און נעבען שטאָל שטעהען אָנגעשטאָפּטע ווענינער מיט פרישער תבואה, און ער, משה־בערל פון גראַיעווא, וואָס קומט אָב דעם גאַנצען טאָג מיט טרוקענס, ווייל ער פאָהרט ארום איבער די דערפער ווער דאָך נישט עסען אפילו אָבגעשיילטע קאַרטאָפלעס, — ער דאַרף זיך שלעפען פון דאָרף צו דאָרף, פון הויף צו הויף, און לעבט נישט פאַר זיך און נישט פאַר גאָט, אבי צו פערדינען א פאָר טאַלער, אַז ער זאָל קענען מפרנס זיין זיך מיט זיינע ווערים — מען טאָר נישט זינדיגען, אָבער ווי קען מען נישט אריינקלערען אין דעם כביכול'ס מעשים? קיין שום פעך־איד האָט נישט אריינגעקלערט אַזוי ווי ער, דער תלמיד חכם; זיינע מחשבות האָבען איהם חלילה נישט אראָבגעפיהרט פון וועג אויף א האָר, דאָגעגען די איינפאַכע מחשבות פון א ישראל משה באראַנעס אָדער.

זעליג אָקס פלעגען אָפּט זיך ענדיגען נישט גוט. די, וואָס האָבען געקענט דאַווענען, פלעגען אַמאָל פערפעהלען א מנחה אָדער א מעריב, נישט חלילה פון להכעיס, נאָר ווייל זיי זענען געווען אונטערוועגס אָדער ביי א פויער; און די, וואָס האָבען נישט געקענט דאַווענען און דעריבער ממילא נישט געדאַווענט, פלעגען ביי זיך פּועלן אַריינצופאָהרען פרייטאָג צונאַכטס פון דאָרף אין שטאָדט אַריין, אין קרעטשמע, קלערענדיג, אַז ס'איז גלייכער צו זיין שבת אין שטאָדט ווי אין דאָרף. אַלע דזשאַ־טשאַרעס פלעגען זיך נישט קענען גובר זיין און פלעגען אָפּט אום שבת שטעהען פאַרן גאַס און אַריינרופען די פויערען, כדי ביי זיי אָבזעצען אַביסעל סחורה, איי־נער אויף באָרג און דער אַנדערער אפילו במזומנים. זעליג אָקס און זיין חברה האָבען גאָרנישט געלערנט פון ר' אברהם חיים עשיר'ן און זיין איידעם ר' זונדעל. און אָט וואַקסט אונטער א נייער דור, ווי חיים גוי, חאַצקעל און אביעזר, וואָס האָבען גאָר קיין בושה נישט און פערקויפען שבת בפרהסיא און פערקריכען אַמאָל אין אָווענד אין א הינטערשטען געסעל, וואָס עס איז גאָר א חרפה פאַר א אידען אַרויסצוזאָגען...

ר' משה־בערל האָט שוין געזעהן אין חיים גוי און אין זיין אביעזר'ן דעם גוישען דור אָנקומענדיג. נאָר ער אַליין האָט שוין אויך נישט געלעבט אין דעם דור פון זיין זיידען און טאַטען די צדיקים. פונדעסטוועגען, ווען אַלע פעך־אידען פלעגען שוין פערקויפען שבת אויף באָרג — איז ער נאָך נישט געגאַנגען קיין תחום שבת, און אַרויסגעהענדיג אויפן גאַס אום שבת, פלעגט ער פערדרעהען דאָס טיכעלע אויפן האַנד.

נאָר איין מאָל איז ר' משה בערל אויך נכשל געוואָרען, נישט ממש, אָבער דאָך איז עס נישט געווען אַזוי גלאַט. און די מעשה איז אַזוי געווען:

נאָך א וואָך פון פרעסט, ווען מען האָט נישט געקענט אַרויספאָהרען מיט סחורה, האָט גראָד אום שבת אָנגעהויבען דער שניי שמעלצען. יענעם ווינטער האָט זעליג אָקס מיט זיין באַנדע אַרויסגעשטופּט מאיר לאה'קעלעס פון שותפות און יענער האָט זיך אַריינגערוקט אין ברוינשווייג. לאה'קעלע (אַזוי האָט מען איהם גערופען בקיצור) איז, ווייזט אויס, געווען א שטיקעל לא־יוצלח און ר' משה בערל איז געבליבען פון אויבען. שווער איז ר' משה בערלען געווען מיט איהם מלחמה צו האַלטען שבת, ווייל לאה'קעלע פלעגט לייכט געבען אויף באָרג און נאָכהער פלעגט ער אום שבת נעהמען מזומנים אויך; נאָר ר' משה בערל האָט דאָך געקענט זיינע קונדען יאָהרענלאַנג און געוואוסט וויפיעל און ווען דער גוי דאַרף עפּעס פון די „במה מדליקין" מינים, פלעגט ער זיי שוין אָנפילען די קאַנען. ערב שבת, אַז ס'האָט זיי געמעגט קלעקען אויף א היבשע צייט.

יענעם שבת האָט, ווי אויף צו־להכעיס, דער שניי אָנגעהויבען שמעלצען, האָט ער מורא געהאַט, אַז לאה'קעלע וועט איהם געווים אויסכאַפּען די גויים— און דאָס נאָך א וואָך זיצען על המיי ועל הברויט אָהן א שטאָך אַרבייט. פונ־דעסטוועגען האָט עס חלילה נישט געהאַלטען אַזוי ווייט, אַז ער זאָל נאָר קלערען

אַרויסצוגעבן סחורה אום שבת. ער איז געווען שטאַרק נעקרענקט און זיך אַרומגערעדט מיט פּערלייגטע הענד אויפן רוקן פאַר דער קרעטשמע, וואָס איז געווען ביים עק שטאָדט אויף אַ קרייץ־וועג. ער האָט אָבגעוואַרט זיינע קונחים, וואָס קומען אַריין אין שטאָדט, כדי זיי צו זאָגען, אַז אין אָוועגד וועט ער זיי ברענגען „עכט רוסישע וואַרע" פון אַ פרישען טראַנספּאָרט און זיי זאָלען פון זייער טובה וועגען נישט קויפען ביי אַנ'אַנדערע. דאָס איז אפילו אויך נישט גאַנץ גלאַט, אָבער דאָס איז אַלץ נישט קיין האַנדעל אום שבת, קיין „משא ומתן".
ער האָט אַרויסגעשיקט אויך אביעזר'ן „אַרומשפּאַצירען" און זאָגען די פויערים דאָס זעלבע. — צו יענער צייט האָט נאָך לאה'קעלע נישט געוואַגט צו פאַהרען אום שבת און משה בערל האָט גאָר מורא געהאַט, אַז ער זאָל איהם נישט אויס־כאַפּען די איינצעלנע פויערן זיינע, וואָס פאַהרען אריין שבת אין שטאָדט איינ־קויפען אויף זונטאָג. ער האָט געזעהען דריי פויערן און אביעזר גאַנצען צעהן — אַזוי האָט אביעזר געזאָגט — און זיי אַריינגערעדט אין אויער, וואָס ער האָט געדאַרפט. נאָך מיטאָג איז ר' משה בערל אַרומגעגאַנגען פאַרן קרעטשמע און אָנ־געהויבען זאָגען תהלים. ווי־נאָר ער האָט אָנגעפאַנגען מיט „אשרי תמימי דרך" — און מילער, איינער פון זיינע גרעסטע קונדען, קומט איהם אַנטקעגען אין שטאָדט אַריין. האָט ער איהם אָבגעהאַלטען און אַריינגענומען אין הויף: עפּעס האָט ער זיך געשעהמט איהם צו זאָגען זיין מזמור אויפן גאַס... מילער האָט איהם אָבער געענטפערט, אַז ער האָט אַ חתונה ביי אַ שוועסטערס אַ טאָכטער און ער וועט פון היינט אָן נישט זיין אין דערהיים איינינע טעג.

„איך וועל קויפען ביי אַנ'אַנדערען נאָר אויף אַ פּאָר טעג", האָט מילער גע־זאָגט גאַנץ נאאיוו. „אפשר איז עס גאָר דער שטן און ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ מילער?" איז ר' משה בערלען דורכגעלאָפען דורכן קאָפּ. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אביעזר און געזאָגט אונזיכער (ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין בעל־בית): „מיר ווילען איהם נישט פערקויפען, מיר ווילען איהם אַזוי געבען, איך וועל אָנגיסען זיין קאַן". זעהענדיג, אַז זיין בעל־בית בעפאַלט איהם נישט מיט קללות איז ער אַרויסגעשפּרונגען אויפן וואָגען, געבראַכט אַ בלעך מיט שמיער און געפרעגט מילער'ן, וויפיעל ער ברויכט. משה בערל האָט אויף מילערן נישט געקוקט, אָבער ער האָט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון אביעזר'ן. ער האָט געזאָגט ווייטער זיין „אשרי תמימי דרך" און אַריינגעברומט אביעזר'ן אָנווייזונ־גען אויף אידיש, מיט האַלבע ווערטער, אַלץ מיטן תהילים־ניגון פון שבת בין מנחה למעריב. ווערטליך איז עס געווען אַזוי:

בפקודותיך אשיחה ואביטה ארחותיך — שטעל אָוועק גלייך דאָס בלעכעל, פערד איינער!

בחוקותיך אשתעשע לא אשכח דבריך—אויב ס'וועט אומפאַלען דאָס בלעכל און די שמיער וועט זיך אויסגיסען, וועל איך דיר אַרויסקוועטשען די קישקעס!

גמל על עבדך אחיה ואשמרה דבריך — העננ אויף אַ שלעסעלע אויף די שפתים און זאָג נישט מה יקר!

גל עיני ואביטה — גיעב אכטונג איפן קווארטירעל און כאפ נישט איבער די „מידה“, ס'איז נישט קיין מצוה!

גר אנכי בארץ, אל תסתר ממני מצותיך — איצט ווייסטו נישט וויפיעל „כלים“ דו האסט איהם אריינגעגאסען; אי, טאטע זיסער, ימח שמו זאלסטו ווע־רען, מיט דיין מאמען א צולאג!

און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

דער גאנצער ענין האט געדויערט איינינע מינוט. אז ער האט געזעהען, ווי מילער צעהלט דאס געלד אביעזר'ן אין האנד, האט ער מפסיק געווען מיט זיין „אשרי תמימי דרך“ און איז געבליבען שטעהן מיט אנ'אפענעם מויל: אום שבת געלד גענומען אויך? ער האט געוואלט זאגען, אז ער זאל אנ'אנדערש מאל בע־צאהלען — ער האט אבער נישט געזאגט. ער האט נאר אין בארד אריין געברומט: אביעזר איז דאך א אמת'ער גוי — האלט ער נישט געלד אום שבת סיי־ווי־ס־יי? און אזוי ווי ער האט אביעזר'ן שטענדיג חושד געווען אין געלד־זאכען, איז גלייך ווי דער פויער איז אוועק, האט ער איהם געזאגט אזוי ווי נישט איהם מיינט ער: טהו אריין דא די פאר גראשען, ימח שמו זאלסטו ווערען, גוי גמור“, און ער האט איהם אנגעוויזען אויפן בויך־גארטעל. וועלכען ער האט חלילה שבת נישט געטראַ־גען אויפן בויך, נאר ער איז געלעגען אויפן וואגען בעהאלטען אין א זעקעל.

„צעהל איינע ביי איינע“, האט ער געזאגט און געקוקט, ווי אביעזר טהוט אריין אין בויך־גארטעל איין מטבע נאך דער אנדערער, און האט שטיל, נאר זיך, געצעהלט: צוויי מיט דרייסיג.. מיט אכציג... דריי מיט צעהן... פיער מיט פופ־צעהן.. מיט פינף און צוואנציג“.. קוים איז אבער דאס געלד שוין געווען אין בויך־גארטעל, האט איהם ארומגענומען א פחד און ער איז אויסער זיך געווארען פון געוויסענביסען. פערשיידענע געדאנקען זענען איהם געקומען: וואלט נישט גלייך געווען, אז ער זאל דאס געלד אריינווארפען אין דער נאהנטער בלאטע? און אפשר זאל ער די מטבעות פערברענען? און צום סוף האט ער געזאגט אביעזר'ן: „אז מיר וועלען קומען, אם ירצה השם, אהיים, זאלסטו מיר דערמאהנען צו געבען דעם ריוח פאר ארימע לייט — אין גראַיעווא פעהלט נישט די סחורה“. אבער דאס האט איהם אויך נישט בערוהיגט. ער איז געבליבען זיצען אויפן וואגען, ווי זיין טאטע עליו לשלום, און פארטגעזעצט מיט בעגייסטערונג דאס תהילים־זאגען, שרייענדיג אויפן קול און זיך האקענדיג מיט די פויסטען אין די שלייפען: דבקה לעפר נפשי, הרגי כדבריך; דרכי ספרתי ותענני, למדני חקיך; דרך פקודיך הבינני ואשיחה בנפלאותיך; דלפה נפשי מתוגה קימני כדבריך — — —“

ער האט זיך בשעת מעשה נישט געשעהמט אפילו פארן קרעטשמער, וואס איז ארויס דעם הויף און האט איהם אנגעקוקט ווי א משוגענעם; ער האט גע־קלאגט ווי יום־כפור צו כל נדרי... אפילו אביעזר'ן האט ארומגענומען א טויטע שרעק פאר די פסוקים, וואס האבען אויסגעבראכ'ן איינע נאך די אנדערע פון ר' משה בערל'ס הארצען, כאטש ער, אביעזר, האט זיי נישט פערשטאנען. אביעזר

האָט זיך אַרומגעדרעהט פון הויף אין שטאַל, פון שטאַל אין הויף, און עפּעס האָט איהם נישט געלאָזט אַרויסגעהן פון הויף און זיך דערווייטערען פון דער קלאָגעדיגער שטימע...

מען זאָגט, אַז אָט די מעשה האָט געבראַכט אויף דער וועלט דאָס דאָזיגע לידעל:

שבת ריכט אַ דזשעקטשאר אָב אין שטאַל,
דאָס פאָס זיין טיש און אנגעשטעלט איז איבעראל
צוויי גרויסע ברויטען, וויין, פיש, קאָמפּאָט,
און משה בערל מיט דער לאַנגער באָרד האָט
מיך געשיקט זוכען אום שבת אַ קונדע.
טאָ וואָס האָט גאָט געטהאָן?
איז ארויס פון פאָס די שפּונדע
און אויסגערונען איז דער גאַנצער טראָן;
און איך זיץ שבת׳דיג אויפ׳ן וואָגען
און דארף בלעכען שמיער נישט טראָגען.

איך דערצעהלט מען, אַז אין יענער נאַכט האָט זיך באוויזען ר׳ משה בערלען זיין טאַטע אין חלום און ער האָט איהם געזאָגט, אַז זיינע טעג זענען געצעהלטע; און בזכות דעם, וואָס ער האָט איהם געבראַכט צו קבר־ישראל, איז ער עס איהם מגלה, כדי ער זאָל וואָס שנעלער אוועק אהיים...

ביינאַכט איז ר׳ משה בערל געווען פאַרביי. עס האָבען איהם געבראַכען די ביינער און ער האָט נישט געקאָנט אויפשטעהען. ער איז אזוי געלעגען פינף טעג, און קוים האָט ער זיך געקאָנט שטעלען אויף די פיס. האָט ער מיט די לעצטע כוחות געכאַפּט און פערקויפט אַלע מינים שמיער, וואָס ער האָט געהאַט. אין אביעזר׳ן האָט ער געזאָגט: „איך לאָז דיר דאָס געשפאַן, דער פאַבריקאַנט וועט דיר געבען סחורה אויף באָרג און דו האנדעל פאַר מיר ביז איך וועל קומען צוריק, וועל איך דיך דאַן מאַכען פאַר שותף״. אביעזר איז ערשטוינט געוואָרען. ר׳ משה בערל איז געווען שטאַרק בלאַס און זעהר טרויעריג. אַז אביעזר האָט דאָס מויל געעפענט, האָט איהם ר׳ משה בערל ארויפגעלעגט זיין האנד אויפ׳ן מויל און גע־זאָגט: „פרעג נישט און דערצעהל נישט — איך בין קראַנק, זיי מתפלל אביעזר פאַר מיר״, און צוגעשאָקעלט האָט ער מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: „עס שטעהט גוט מיט מיר, אַז איך דארף וואַרטען אויף ז יי ן תפילה״...

אַז ר׳ משה בערל איז געקומען אהיים, אין סאַמע מיטען ווינטער, זענען אַלע אין שטוב אויסער זיך געוואָרען. „רופט אַ דאָקטער״, האָט ער געזאָגט און זיך אַריינגעלעגט אין בעט. ער האָט דאַן געטראַכט וועגען דער ברכה פון דעם דיין עליו השלום: אַז ער וועט אַלט ווערען, זאָל ער שטאַרבען אין דער היים און ליגען אויפ׳ן גראַיעווער בית־עלמין. אַלט איז ער נישט געוואָרען, ער איז קוים איבער פערציג און האָט נאָך נישט קיין איין ווייסע האָר אין דער באָרד; נאָר געוואַקסט האָט ער, אַז פון בעט וועט ער נישט אַראָב, און אַז ער האָט זיך אין איהם אריינ־געלעגט, האָט בעשטראַהלט זיין טרויעריג געזיכט אַ גליקליכער שמייכעל: איצט איז ער זיכער, אַז ער וועט קומען צו קבר ישראל...

„עס זענען קוים אַריבער צוויי וואָכען, און ר׳ משה בערל איז געשטאָרבען.

מען האט איהם מקבר געווען אויפ'ן ארט, וואס מען האט פאר איהם איבערגעלאַ־
זען נעבען זיין טאטען, נעבען די אהלים פון דעם אלטען רב און פון דיין.
זייט דאן, אז אידען געהן אויפ'ן גוטען ארט מתפלל זיין נעבען די אהלים
פון רב מיט'ן דיין און מען ווארפט דארט אריין קוויטלעך, גיסט מען אויס דאס
הארץ — בעזונדערס ווייבער פון פעך־אידען — אויך אויף די קברים פון דעם טאַ־
טען און זיידן, וואס זענען געווים געווען — ווי די פרומע צווישען די פעך־אידען
פערזיכערען — פון די למד־וו'ניקעס...

# בראנדענבורגער נסיעות

אַלע פעד־אידען האָבען געהאַט אַ אָבשיי פאַרן' נאָמען „בראַנדענבורג". במעט אַלע האָבען געוואוסט, אַז אין דער הויפּט־שטאָדט בערלין איז דאָ אַ „בראַנדענבור־גער טויער", און ווער עס האָט איהם געזעהען און ווער עס האָט איהם נישט געזע־הען, האָט דערצעהלט וועגען איהם נסים ונפלאות. מען זאָגט, אַז ווען וועלוועל באָק — דער ערשטער פעד־הענדלער — זאָל האָבען געקומען ביז בראַנדענבורג, און די גויים פון דער מדינה, וואָס שטאַמען אַלע ווי עס ווייזט אויס, פון דער קעניגליכער משפחה, האָבען געזאָגט, אַז זיי וועלען איהם אָוועקהרגענען אויב ער וועט זיך דאָר־טען נאָכאַמאָל בעווייזען. אויך דערצעהלט מען אַז וועלוועל'ס זוהן זאָל זיך אויך האָבען דאָרט פראָבירט און קוים מיט'ן לעבען אַרויס. ווי עס זאָל נישט זיין, די מדינה בראַנדענבורג איז געבליבען אָהן אַ פעד־הענדלער, וואָס זאָל איהר צושטע־לען „רוסישען אייל". פון צייט צו צייט פלעגט אַ פעד־הענדלער אַדורכפאָהרען די מדינה, אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט דאָרט צו פערבלייבען. אין מערב־דייטש־לאַנד זענען שוין געווען פיעל „מדינות", וואָס דאָרט איז קיין פעד־איד נישט גע־

קומען, אָבער אין דער סאַמע מיט'ן דייטשלאַנד איז בראַנדענבורג געווען די איינ־ציגע, די פעך־אידען האָבען איהר אי געשאָלטען אי געאַכטעט. און ווער עס האָט דאָרט אַמאָל אריינגעשמעקט, האָט זיך מיט איהר גערימט מעהר ווי מיט'ן בער־לינער אַלעקסאַנדער־פּלאַץ אָדער מיט'ן דרעזדנער צווינגער־פּלאַץ און קעניגס־גאַר־טען.

ישראל משה באַראַנעס איז צוויי מאָל געווען אין בראַנדענבורג און זיין גאַנץ לעבען האָט ער וועגען די דאָזיגע נסיעות דערציילט.

עס איז געווען אַ שווערער ווינטער. אייגענטליך איז יעדער ווינטער שווער, אָבער אַזאַ ווינטער איז געווען בלויז איינמאָל. יאָ, יעדער ווינטער איז פאַר'ן פעך־הענדלער שווער, אָבער יעדעס מאָל פערגעסט ער די פאַריגע ווינטערען און מיינט, אַז אַזאַ ווי דער איצטיגער ווינטער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. גאַנץ דעסוי האָט אויסגעזעהען ווי איין גרויס שטיק תכריכים. וואָס בערעקט אַלע פּרנסות, — פלעגען די פעך־הענדלער זאָגען, וואָס האָבען אייגענטליך געטראַכט נאָר פון זייער פּרנסה. „אַז פון די גוי'שע דעכער הענגען אַראָב די חנוכה־ליכטלעך מיט די קעפּ אַראָב, איז עס אַ שלעכטער סימן", — פלעגט ישראל משה בסדר זאָגען, זעהענדיג די אייז־שטענגלעך, וואָס ציהען זיך אַרום די דעכער. אָט דעם געלונגענעם פסוק האָט ישראל משה געירשנ'ט פון ר' אברהם חיימ'ען און ער האָט אַ הנאה געהאַט צו זאָגען איהם נאָכאַנאַנד זיינע יונגען — און אַפילו דעם קרעטשמער, וואָס האָט עס נישט גוט פערשטאַנען, — אָהן צו דערמאָהנען פון וואַנען ער האָט אַזאַ שענעם פסוק. — אין איינעם פון די טעג איז זעליג אָקס פון מאַגדעבורג פערפאָהרען קיין דעסוי, און אַז ישראל משה האָט איהם געפרעגט וועגען וועטער אין מאַגדעבורג, האָט ער געזאָגט, אַז דאָרט איז דער שניי געלעגען נאָר צוויי טעג און דאָס געשעפט געהט גאָרנישט שלעכט. זעליג אָקס האָט עס געזאָגט נאָר כדי צו קרענקען ישראל משה'ן — אַזוי זענען די לייט געוואוינט געווען — און ישראל משה, וואָס נאָכדעם ווי ר' אברהם חיים האָט איהם צוויי מאָל אַזוי אָבגענאַרט, האָט זעלטען וואָס גע־גלויבט, האָט אַ וואָרף געטהון אַ זייטיגען בליק אויף זעליג אָקס'ן און איהם גע־גלויבט. ער האָט געהויבען מיט די אַקסלען און זיך געטראַכט: „מאַגדעבורג איז דאָך אַזוי נאָהנט צו דעסוי, און אויף מיין מזל דאַרף גראָד דעסוי זיין אָהן פּרנסה". ער האָט געהויבען די פּלייצעס און געגלויבט. ישראל משה האָט געוואָלט אַרויסקריגען פון זעליג אָקס'ן, וואָס ער טהוט אין דעסוי, אָבער עס איז איהם נישט געלונגען. — אין די רייד האָט זעליג אָקס אַריינגעוואָרפען, אַז ער האָט געהערט פון אַ זיכערער קוועלע, דאָס אין בראַנדענבורג איז ממש זומער און אַז אלקנה פון זאַקסען זאָל דאָרט האָבען געווען מיט צוויי וואָכען צוריק און געבראַכט צוויי בויך־גאַרטלען אָנ־געשטאָפּט מיט זילבערנע טאַלערס. און כדי ישראל משה זאָל איהם גלויבען, האָט ער זיין ערצעהלונג בעגלייט מיט קללות אויף אלקנה'ן, וואָס זעהט אויס ווי אַ גוי און אַ דאַנק דעם האָט ער אַ שליטה אומעטום, אַפילו דאָרט וואו אַ איד טאָר זיך אויף די אויגען נישט ווייזען. און געענדיגט האָט ער מיט די ווערטער: „וועג ביי אונז אין מאַגדעבורג זאָל חס וחלילה זיין אַזאַ פראָסט ווי אין דעסוי, וואָלט איך זיך דאָרט שוין אַריבערגעבאַפּט". ישראל משה האָט געקריגען לשון און האָט געזאָגט: „ביזט געדעכט, גוטער ברודער! מיט וואָס בין איך ערגער ווי אלקנה? ער איז טאַקי אַ מגולח, אָבער עס זענען דאָך דאָ אויך אמת'ע דייטשען מיט בערד". און ער האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען די נעמען פון גוטבעזיצער מיט בערד, און איז אַרויף

אפילו ביז דעם פערשטאַרבענעם קייזער פרידריך, דער טאַטע פון ווילהעלם'ען...
אין דער אמת'ן איז געווען די מעשה אַזוי: לאַה'קעלע — דאָס איז מאיר לאַה'קעס, וואָס איז געווען אַמאָל זעליג'ס שותף — האָט איהם, זעליג אָקס'ן, אַזוי אָבגענאַרט און דערצעהלט, אַז אין דעסוי איז ממש זומער און האָט זיך געלאָזען פערדרעהען דעם קאָפּ און פערקירעווען קיין דעסוי נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס איז ישראל משהס מדינה. ער איז אַריין אין „ווייסען בער" און ביי איהם איז געבליבען, אַז ער וועט זיך אויפהאַלטען אין דעסוי ביז עס וועט צוגעהן דער שניי און דאַן וועט ער קענען עפּעס פערקויפען. אויף לאַה'קעלען איז ער געווען מלא חמה, וואָס ער האָט איהם אָבגענאַרט, האָט ער זיך געוואָלט שטילען דאָס בלוט מיט דעם, וואָס ער וועט אַריינלעגען ישראל משה'ן.

און עס האָט זיך איהם טאַקע איינגעגעבען. ישראל משה האָט לאַנג נישט געטראַכט, ער האָט מיטגענומען מיט זיך האַצקלען און זלמנ'ען האָט ער איבערגעלאָזט אין דעסוי. אַז ער איז אַרויסגעפאָהרען מיט דעם אָנגעלאָדענעם וועגעל מכל המינים, האָט ער, ווי עס פיהרט זיך ביי די פעד־הענדלער, אָבגעזונגען דריי מאָל:

יוצא בחופתו, יוצא בגברתו,
נורא, מרום וקדוש.

אָט דעם פּזמון פלעגט ר' אברהם חיים אויפזינגען יעדען פריהמאָרגען אַרויסבאָהרענדיג, און ישראל משה האָט זיך נישט איינמאָל איבערצייגט, אַז עס איז אַ סגולה צו פרנסה...

די אויסגערוהטע פערדלעך האָבען לכתחילה געצויגען דעם וועגעל גאָר נישקשה, אָבער וואָס מעהר דער שניי האָט זיך צוגעקלעפּט צו די רעדער, אַלץ לאַנגזאַמער זענען זיי געוואָרען, ביז זיי זענען שיער נישט שטעהן געבליבען אינגאַנצען. האַצקעל האָט געמוזט אַראָב פון וועגעל, אַראָבקלאַפּען מיט די אייזערנע קאָפּיטעס פון די שיוועל דעם שניי פון די רעדער און זאָגאָר צושטופּען דעם וועגעל. צום סוף האָט אויך ישראל משה געמוזט אַראָב פון וועגעל און צוהעלפען. אָט אַזוי שטפּענדיג דאָס וועגעל באַרג אַרויף, איינער נעבען אַנדערען, דאַרף האַצקעל אַ זאָג טהון: „אפשר וועלען מיר פערקערעווען צוריק", — און ישראל משה, וועלכער איז געווען פערביטערט, איז געוואָרען אַנגעצונדען. ער האָט געקלאַפּט מיט די שטיוועל אויפ'ן שניי, ער האָט אויפגעהויבען אויף איהם די האַנד און פון בעוואַקסענעם פנים, וואָס איז געווען אָנגעפרוירען, האָבען געגליהט צוויי ווילדע אויגען. „דו פוילע זאַך! איך ווייס אַז עס איז דיר בעסער צו זיצען אין קנייפּע אין דעסוי — מיינסטו אפשר, אַז עס איז אַזוי לייכט אַרויסצושלעפּען פרנסה פון דעם שמיר? און וואָס פעהלט אייך, פערהברעכער, אין „ווייסען בער"? איהר פרעסט און זויפט דעם בעל הבית'ען און ווערט פויל ווי די ברעטער..." אָבער אין אמת'ן האָט ער אַליין אויך געזעהען, אַז ער האָט אָבגעטהון אַ מעשה שטות. אויב פאַר צוויי וואָכען איז קיין שניי נישט געווען אין בראַנדענבורג, איז דאָך פון דעם נאָך נישט געדרונגען, אַז אויך היינט איז דאָרט קיין שניי נישטאָ. נאָר אַז זיין יונג האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז בעסער זיך אומצוקעהרען, האָט ער געפונען אַ וועלט מיט טעמים זיך נישט אומצוקעהרען. — אין יעדען שטעדטעל האָבען זיי געמוזט זיך אויסרוהען. בייננאַכט האָט מען נישט געקענט פאָהרען, ווייל ישראל משה האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט אַריינפאַלען אין אַ גרוב אָדער אַ טייך, זענען זיי געבליבען אין אַ דאָרף און ישראל

משה האָט געמוזט בעצאָהלען פאַר נאַכטלעגער פאַר אַלע פיער, פאַר זיך מיט האַצקלען און פאַר די צוויי פערדלעך. אַזאַ נסיעה האָט ישראל משה נאָך נישט דורכגעמאַכט זינט ער איז צו זיך געקומען, און צום סוף, אַז ער איז אָנגעקומען נאָהנט צו בראַנדענבורג און געזעהען דעם טיפען שניי, איז ער צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען און אַ זאָג געטהון: „הלואי וואָלט איך דיך געהערט און באַלד פערקירעוועט דעם דישעל אויף צוריק“. און געשאָלטען האָט ער זעליג אָקס'ן, וואָס האָט איהם אַזוי אָבגענאַרט... אין אַנדערע צייטען, ווען האַצקעל זאָל הערען פון זיין בעל־הבית אַזעלכע ווערטער, וואָלט ער אויפגעקוואָלען, אָבער איצט, זייענדיג מיעד, געפרוירען און הונגעריג, האָט ער קיין אַכט נישט געלעגט אויף די נאַרישע ווערטער און אין הארצען האָט ער געשאָלטען ישראל משה'ן, זעליג אָקס'ן און אויך זיך אַליין, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט. עפּעס ווי איהם צו בערוהיגען האָט ישראל משה געזיפצט און געזאָגט: „זאָלען מיר אַזויביידע לעבען, עס איז לייכטער צו זיין אַ המוציא לחם מן הארץ ווי צו זיין המוציא לחם מן הפעך“. אָט דעם פּסוק האָט ער גע'ירשנ'ט פון ר' אַברהם חיים'ען עליו השלום.

יענעם אָוועגד האָט אָנגעהויבען צו טויען און פון די דעכער האָט געקאַפּעט מיט התמדה. „מיר זענען דאָך אָנגעקומען אין אַ גוטער שעה“, האָט ישראל משה געזאָגט, אָבער האַצקעל האָט געענטפערט: „און עס קאָן זיין, אַז אין אונזער דעסיי איז דער שניי שוין נעכטען צוגאַנגען“. ישראל משה האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. אין גוטע צייטען ווייס ער וואָס צו ענטפערען אַ יונג אויף אַזאַ צו־להכעיס־ענטפער, אָבער נאָך אַזאַ שווערער רייזע זאָל דעם בעל־הבית'ס איבערגעהן. כדי זיך צו בערעשען, האָט ער כסדר געטראַכט: „מיין אָרימער האַצקעל נעביך“. אויף מאָרגען פריה איז האַצקעל געבליבען אין קרעטשמע, כדי צו רעדען מיט די פויערען, וואָס קומען אריין, און כדי זיי צו הייסען קומען צוריק בייטאָג „ווען דער בעל־הבית וועט קומען און וועט ברענגען עכט רוסישען שמיר“. ישראל משה ווידער איז אַרויסגעפאָהרען מיט'ן וועגעל איבער'ן שטאָדט, כדי אָנצובאָטען זיין סחורה די פויערען, וואָס קומען אויפ'ן מאַרק און אין די ווערקשטעלען. ער האָט אָבגעזונגען דריי מאָל זיין „יוצא בחופתו“ און זיך בעמיהט נישט צו קלערען פון דער ביטערער נסיעה, כדי ער זאָל האָבען די אויגען אין קאָפּ. ער איז נאָר אריין אין דעם ערשטען געסעל, וואָס איז געווען ווי אַ „ח“, ווי אַנטקעגען איהם ערשיינט אַ „הענגלייכטער“. אַ „הענגלייכטער“ האָבען די פעך־אידען גערופען אַ דייטשען פּאָליסמאַן, ווייל דער שפּיץ פון זיין קאַסקע גלאַנצט ווי דער שפּיץ פון דער מנורה אין בית־מדרש. דערזעהענדיג דאָס גלאַנציגע היטעל, איז ישראל משה'ן פינסטער געוואָרען אין די אויגען: ער האָט אַ „געווערבע (אַ ערלויבניש צו האַנדלען) אויף אַנהאַלט, אָבער נישט אויף בראַנדענבורג. ער האָט זיך אָבער נישט פערלוירען, געכאַפּט און בעהאַלטען זיין געווערב־שיין אין זעקעל היי, אויף וועלכען ער איז געזעסען, ווייל טאָמער בלייבט ער אָהן דעם אשר יצר איז ער אוים קאַפּעליוש־מאַכער אין ווילהעלמ'ס מדינה גלייכצייטיג האָט ער אַראָבגעלאָזען די בייטש אויף די פערדלעך און נישט געקוקט אויפ'ן פּאָליסמאַן כדי נישט צו ווייזען אַז ער האָט חלילה עפּעס מורא פאַר איהם. דער פּאָליסמאַן איז אַדורך און האָט איהם נישט בעמערקט. נאָר ווי ישראל משה האָט געזעהען, אַז דאָס געסעל האָט נישט קיין אַרויספאָהר פון דער

צווייטער זייט, איז ער געוואָרן דערשראָקן. „דער שוואַרץ יאָהר זאָל זיי נעהמען!
— האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — זיי בויען אַזוי עקסטרא זייערע געסלעך אין בראַנדענבורג, כדי דיך אַריינצוכאַפּען אין קלאַמקע ווי אַ מויז". ער איז געבליבען שטעהן ביי דער לעצטער שטוב, אַריינגעקראָכען אין וועגעל און דורך די לעבלעך פון בויד האָט ער געקוקט, צי דער פּאָליסמאַן איז שוין אַוועק. יענער האָט שפּאַצירט רוהיג אַהין און צוריק, און דערזעהענדיג דעם מאָדנעם וואָגען שטעהענדיג לאַנג אויף איין אָרט, איז ער צוגעגאַנגען. אַז ישראל משה האָט דערזעהען, ווי ער דער־נעהנטערט זיך, איז ער אַרויסגעקראָכען שנעל און געכאַפּט די לייצעס אין האַנד. אָבער ביז ער האָט פּערקירעוועט איז שוין דער פּאָליסמאַן געשטאַנען נעבען איהם. ער האָט בעטראַכט דעם מאָדנעם מענשען אויפ'ן וועגעל, אַ וואָרף געטהון אַ בליק אויף זיינע בגדים, די גלאַנציגע פון אַלע מינים שמיער, און אַ זאָג געטהון: „גוטען מאָרגען". ברומט ישראל משה צו זיך: „ווער דערוואָרגען". דער פּאָליסמאַן האָט אַריינגעקוקט אין וועגעל און געפרעגט מיט אַ וואונק אויף די פּעסלעך. ישראל משה האָט געמאַכט אַ נאַרישען שמייכעל און געשטאַמעלט: „אַ פּעסעלע שמיר". דער פּאָ־ליסמאַן האָט איהם געפרעגט גאַנץ העפליך: „האָט איהר אַ געווערבשיין?". ישראל משה האָט געצויגען מיט די פּלייצעס און איהם אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל. דאָס האַרץ האָט ביי איהם געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, די הענד האָבען איהם געציטערט און טרעהרען האָבען איהם געשטיקט. אַ, ווען ער זאָל זיכער זיין, אַז טרעהרען ווירקען אויף פּרייסישע „הענגליייכטערס", וואָלט ער איהם געבעטען רחמים. אַז ער ער האָט דערזעהען ווי דער „הענגלייכטער" דערנעהנטערט זיך צו איהם, איז איהם איינגעפאַלען דער דאָזיגער געדאַנק עפּעס ווי מן השמים. ער האָט געשמייכעלט צור מאַכענדיג איין אויג.

— וואָס מאַכען זי היער? — פרעגט דער פּאָליסמאַן, נישט אָראָבנעהמענדיג די אויגען פון ישראל משה'ן, וואָס האָט איהם אויסגעזעהען ווי אַ מאָדנער ציגיינער.

ישראל משה האָט געלאַכט און געזאָגט אויף זיין דייטש:

— הערעלי, איהר איז לענגסט פאַרביי, מיר שטעהען שאָן אין שבט.

גלייך נאָכדעם ווי ר' אברהם חיים האָט איהם אָבגענאַרט פון שבט אויף ניסן, האָט ישראל גענומען בין הזמנים אַ רבי'ן און זיך אויסגעלערנט די חדשים. ער האָט אַ ביסעל פערגעסען די רייה, אָבער אומגעפעהר האָט ער זיי געקענט אויף אויסווענדיג.

דער פּאָליסמאַן האָט נישט פערשטאַנען קיין איין וואָרט און האָט ווידער געשטעלט די זעלבע פראַגע, נאָר דאָס מאָל מיט מעהר תקיפות. ישראל משה האָט אָנגעהויבען צעהלען אויף די פינגער, שמייכלענדיג ביטער, און געזאָגט:

— זעהן זי בלאָז הערעלי! איר, סיון, תשעה באב (ער האָט, ווי עס ווייזט אויס געמיינט, אַז דאָס איז ער דער נאָמען פון חודש) תשעה באב אויף דיין קאָפּ (דאָס האָט ער דרך אגב אונטערגעמורמעלט) אלול, חשון, שבט — אין דרויסען איז אַ פראָסט, הערעלי זעהן זי בלאָז די פערשוואָלענע הענד, איר איז לענגסט פּער־ביי, „הערעלי".

דער פּאָליסמאַן האָט געפרעגט צום דריטען מאָל, און דאָס מאָל מיט כעס, און ישראל משה האָט מיט מעהר התפעלות געצעהלט אויף די פינגער, ווידער גע־וויזען די צוהאַקטע הענד פון קעלט און געזאָגט מיט אַ וויינענדע שטימע: „איר איז לענגסט פערביי".

דער פּאָליסמאַן איז געבליבן אַ ווײַלע שטעהן, האָט איהם גוט בעטראַכט, אָדער ווײַל ער האָט אויף איהם רחמנות געקריגען, אָדער אפשר האָט ער איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם (ישראל משה איז געווען זיכער אין דער צווייטער השערה) און, אויפהויבענדיג די האַנד, האָט ער אַ ווײַז געטהון מיט'ן ווײַז־פינגער אויפ'ן אײַנגאַנג פון דעם זאַק־געסעל און אויסגעשריגען:

— מאַכען זי דאָס פאַרטקאַמען!

ישראל משה האָט אַראָבגעכאַפּט שנעל דאָס היטעל, אַ געשריי געטהון „דאַנקע שעהן"! און פערקירעוועט דאָס וועגעל. ביים אַראָבלאָזען די בייטש אויף די פערד האָט ער נאָכאַמאָל אַראָבגענומען דאָס היטעל און אַ געשריי געטהון: „דאַנקע שעהן!"

— זאָפאָרט! — האָט דער פּאָליסמאַן אַ געשריי געטהון.

ישראל משה איז געפאָהרען שנעל אין קרעטשמע. חאַצקעל האָט איהם געוואָלט דערצעהלען, אַז צוויי פויערען האָבען צוגעזאָגט קומען בייטאָג, אָבער ישראל משה האָט געשאָלטען סתם אין דער וועלט אַריין. ער האָט בעצאָהלט דעם קרעטשמער און עוקר געווען. ער האָט צורעכט געמאַכט דעם שפּאַן און, אַריינשטהוענדיג דעם צוים די פערד אין די מויל'ער, האָט ער זיי דערלאַנגט מיט די פויסטען איבער'ן קאָפּ. ער האָט מיט אַ ווילדער שטימע חאַצקלען געהייסען אַרויף אויפ'ן וואָגען, און אַזוי ווי אַ ווינד איז ער אַרויס פון דער פערפלוכטער מדינה בראַנדענבורג.

זייענדיג אויסער דער שטאָדט האָט ישראל משה דערצעהלט חאַצקלען, וואָס מיט איהם איז געשעהען. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז דער האָט איהם אָבגענאַרט און יענער האָט איהם אַמאָל גע'מסר'ט, און ישראל משה האָט אָנגעהויבען צו שעלטען אויף וואָס די וועלט שטעהט. צום סוף איז ער שטיל געוואָרען. חאַצקלען האָט ער געגעבען די לייצעס אין די הענד, ער אַליין האָט זיך איינגעדרעהט אינ'ם שעפּסענעם פעלץ און פאַר זיך שטיל געזונגען אַ לידעל, וואָס איז איינס פון די בעליבטסטע

ביי די דזשעגטשאַרעס, אָט דאָס לידעל:

האָט דיר אַ טאָכטער, אוי, גאָט געגעבען,
פאַר אַ דזשעגטאַר גיב איהר נישט אויס;
ער איז נע וגד זיין לעבען,
זי — עלענד ווי אַ שטיין אין הויז.

גיב איהר, דזשעגטאַר, אַ שוסטער אַ מאַן,
וועט ער דיר מאַכען שיך שטאַרקע;
אָדער אַ שניידער — דאָס איז גאָר אַ פּאַן —
וועט ער דיר נייהען אַ מאַרינאַרקע.

נאָר נישט לאָז זיך פערדרעהען דעם קאָפּ
מיט אַ מחותן אַ גביר גאָר;
ער איז מסתמא פון בענקעל אַראָב,
דיינע ממתקים מיינט ער גאָר.

און אויב גאָט וויל נישט, איז רעכט אַ גביר,
נאָר נישט קיין דזשעגטאַר, ניין און ניין;
ער איז אין פּרייסען, ווייט פון איהר
זי אין גראַיעוואָ ווי אַ שטיין.

און אַז ער איז ניצל געוואָרען פון דעם פּאָליציאַנט, האָט ישראל משה פון דער

גאַנצער מעשה געהאַט אַ שטאַרקע הנאה, ווייל אַלע האָבען זיך פון דעם באַלד דער־וואוסט און איהם געהאַלטען פאַר אַ לאַנד־חכם זעליג אָקס, וואָס פון דאַן אָן זענען זיי געוואָרען בלוטיגע שונאים, האָט אפילו פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז ישראל משה האָט עס אויסגעטראַכט פון קאָפּ, אָבער קיינער האָט זעליג אקס'ן נישט געגלויבט.

יענעם ווינטער האָט ישראל משה געמיינט, אַז ער וועט אין לעבען אַזוינס נאָכ־אַמאָל נישט מאַכען. נאָר אין אַ יאָהר צוויי אַרום איז דער איינדרוק אָבגעווישט גע־וואָרען און ער פלעגט זיך פאָרט אריינכאַפּען אין שטעדטלעך, וואָס געהערען נישט צו אַנהאַלט און פלעגט דאָרט עפּעס פערדינען. זיין געווערב־שיין פלעגט ער אין די טריפה שטעדטלעך קיינמאָל נישט מיטנעהמען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער כאַפּט מען איהם, נעהמט מען קודם כל צו ביי איהם דעם געווערבשיין. — און ווייל מ'האָט איהם געגלויבט, האָט ער זיך אפילו אריינגעכאַפּט נאָכאַמאָל אין דער מדינה בראַנדענבורג.

עס איז געווען אַ זומער, זעהר אַ טרוקענער זומער. אַזאַ שלעכטער זומער האָבען אפילו די פעך־הענדלער נישט געדענקט, דאַן האָבען זיי זיך אַרומגעריסען, ווייל יעדער פלעגט זיך אַריינכאַפּען אין צווייטענס מדינה. אַזוי אַרום זענען די פרייזען געפאַלען און מען האָט פשוט געאַרבייט פאַר די פויערען, ישראל משה און נאָך עטליכע פון די רייכערע פעך־הענדלער האָבען די לעצטע יאָהרען צוגע־האַנדעלט אויך מיט אַביסעל זייף און כאַלעוועס און דאָס אַלץ „עכט רוסיש". איבערהויפּט איז דאַן דאָס געשעפט מיט שמיער געוואָרען זעהר שווער, ווייל די הענדלערס זענען געוואָרען אַזוי ווי זאַמד. די אַלטע זענען טאַקע אויסגע־שטאָרבען, אָבער אויף יעדען איינעם זענען צוגעקומען דריי ניי־געבוירענע. אַ ליאדע יונג, וואָס האָט נאָר אָבגעשפּאָרט אַ פּאָר טאָלער, האָט זיך מזוג געווען מיט אַ צווייטען און ס'איז זיי געלונגען, לכל הפחות, צו הרג'נען די פרייזען. די יונגען זענען אַריין אין געשעפט מיט יונגע קרעפטען און די בעלי־בתים האָבען געמוזט אַרבייטען שווער און ביטער און בעצאָהלען „קורח'ס אוצרות" די יונגען, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען ביי זיי, און נישט אַוועקגעהן האַנדלען בעזונדער. ישראל משה האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס געשעפט וועט אונטערגעהן, און ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט צוגעהאַנדעלט מיט זייף און כאַליעוועס און האָט אפילו געחלום'ט אַמאָל אויך מיט שטאָפען צו הויזירען. ווער ווייס, אפשר וועט ער נאָך זיין אַ שניט־סוחר און וועט האָבען אַ בכבודיגע מלאכה — ביי גאָט איז אַלץ מעגליך...

אין יענעם שלעכטען זומער, אין איין שענעם טאָג, האָט ישראל משה גע־זאָגט זיינע יונגען: „אַזוי ווי מיר האָבען דאָך שוין די וואָך אַלע דערפּער בע־רייזט, וועל איך אייך לאָזען אין שטאָדט און איך וועל מיר אַליין אַרוים אַביסעל אין אַנ'אַנדער מדינה". אַז ער פאָהרט קיין בראַנדענבורג, האָט ער זיי נישט געזאָגט. — ער האָט זיי אַלץ געלאָזען מיט אַ צאָהל און מיט אַ מאָס, ער האָט זיי אויך געלאָזען דעם גרויסען וואָגען — ער האָט שוין לאַנג געהאַט צוויי וועג־נער, — און מיט דעם לייכטען וואָגען האָט ער זיך אַרויסגעלאָזען קיין בראַנ־דענבורג. קיין בראַנדענבורג און אַנדערע פ ר יי ע שטעדט — מען האָט זיי אַזוי גערופען, ווייל קיין פעך־הענדלער האָט אויף זיי קיין חזקה נישט געהאַט — זענען יענעם זומער אַריינגעשפּרונגען אַ סך פעך־הענדלער, און אַלע האָבען מעהר ווייניגער עפּעס פערדינט.

אז ישראל משה איז ארוים פון דעסוי, האט ער דריי מאל אבגעזונגען: „יוצא בחופתו, יוצא בגבורתו, נורא ומרום וקדוש“, און דאס זעלבע האט ער געטהון אריינפאהרענדיג קיין בראנדענבורג.

אין די מייסטען דערפער אונטערוועגס האט ער גארנישט פערקויפט; אדער אנ׳אנדערער האט שוין פערכאפט אדער מען האט סתם נישט געוואלט קויפען ביי איהם. אין א סך ערטער האט מען איהם אפילו „א גוטען טאג“ נישט געענטפערט און אנדערע האבען איהם אפילו די טהיר נישט געעפענט. אין איין ארט האט ער געהערט קלארע דיבורים: „מיר קויפען נישט ביי א אידען“. די ווערטער זענען געווען ווי א מעסער אין הארצען. ווען א פעך־הענדלער זאל איהם אזוי שטארק בעליידיגען וואלט ער אויף איהם געקענט ארויבלאזען א האק, אבער „יעקי“ איז נישט קיין פעך־הענדלער, דארף מען האלטען דאס מויל און שא. נאר אז ער איז ארוים פון יענעם דארף האט ער געקריגען לשון און געשריגען: „איהר וועט שוין ליגען מיט׳ן דאס ארויף און דער איד וועט זיך נאך האלטען!“ — דאגעגען האט ער גראד אין בראנדענבורג געמאכט גארנישט קיין שלעכטע געשעפטען; דער עיקר האט ער אבגעזעצט זיין סחורה אין ווערקשטעלען און ביי שוסטערס און שטעפערס. דאס הארץ האט איהם אפילו געזאגט: „ישראל משה, האסט פערדינט ממש׳ע פופציג טאלער, שאר זיך ארוים“, אבער דאסזעלבע הארץ האט איהם אויך געזאגט: „אזוי לאנג ווי דו האסט נאך אביסעל שמיער און זייף און כאליעוועס בלייב נאך — אז נישט דו, וועט קומען א צווייטער“. געוואלט האט ער דורכאוים הערען די ערשטע שטימע און געהערט האט ער די צווייטע, און אז ער האט זיך אין די ערשטע פאר טעג צוגעוואוינט צו זעהן א „הענגלייכטער“, איז ער שוין געפאהרען איבער די גאסען פראנק און פריי; דאסמאל האט ער געהאט שכל און געפאהרען אהן א בויד ווייל די ציגיינערשע וועגענער זענען אויך בעצויגען מיט א בויד, ווארפט עס א חשד ביי דער פאליציי.

ער איז געווען דעם פינפטען אדער זעקסטען טאג אין בראנדענבורג. גאנץ פר״ה איז ער ארוים פון קרעטשמע, נישט פערגעסען, חלילה דעם „יוצא בחופתו“, און זיך געלאזען פאהרען צו איינעם א שלייפער, כדי איהם צו ברענגען שלייפאייל. ער איז אריין אין א ענג געסעל, און פליצלונג, אפשר צוואנציג טריט פאר דער ווערקשטעל, ערשיינט פאר זיינע אויגען א ריכטיגער „הענגלייכטער“ אויף א ווייס פערד. ישראל משה האט געוואלט א טרייב טהון די פערדלעך און זיך אריינכאפען אין הויף, נאר ער האט דערזעהען מיט׳ן בליק, אז ער וועט נישט בעוויזען, האט ער מורא געהאט, אז אויב די פערד וועלען פלוצלונג אנהויבען איבערשפרינגען, וועט אויף איהם נאך פאלען א חשד, אז ער איז נישט אינגאנצען כשר. איז ער געפאהרען געלאסען ווי פריהער און זיך געמאכט נישט זעהענדיג דעם רייטער. דער פאיסמאן האט דערזעהען פון ווייטען אנ׳אונבעקאנט געזיכט, האט ער איהם גוט אנגעקוקט. אז ער איז צוגעקומען צום וועגעל, האט ער גאנץ העפליך געהייסען ישראל משה׳ן שטעהן. ישראל משה האט אויפגעהויבען דעם קאפ און איז אויפגעציטערט געווארען: א ריכטיגער ווילהעלם... „איך בין א פערלוירענער“ האט ער א טראכט געטהון און בלאס געווארען ווי קאלך. זיין פנים איז געווען דער בעכטער־מסור, און דער פאליסמאן האט ביי איהם געבעטען זיין געווערב־שיין. אין דער איי־

נער מינוט זענען ישראל משה'ן אין קאָפּ דורכגעלאָפן א מאסע געדאנקען. דאָ האָט ער געטראַכט, אז ער זאָל זיך מאַכן משוגע, נאָר ער איז עפּעס געווען זיכער, אז דאָס מאָל וועט עס איהם נישט געלינגען; און דאָ האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע איינפאַלען, נאָר ער האָט אין זיי נישט געגלויבט. די פראַגע פון דעם „ווילהעלם" האָט איהם געבראַכט אויף א געדאנק, טאַקע א געפעהרליכען. נאָר ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געזעהען. אָט אזוי ווי דער פּאָליסמאַן פרעגט, שטעקט ישראל משה אריין זיין האַנד אונטער'ן זעקעל היי, נעהמט אַרויס א טאַרבעלע, קוקט זיך אַרום צי קיינער זעהט נישט און ציהט אַרויס א פּאָר שוואַרצע טייערע כאַליעווקעס, נישט קוקענדיג דעם פּאָליסמאַן אין געזיכט, מעסט ער אָן איין כאַליעווע אויף זיין פוס, וואָס שטעקט אין שפּאָרען, און זאָגט:

— איך פערקויף רוסישע שעפּטען בזיל הזול. ווי שען זיי זענען אויף אייך, הערעלע!

דער פּאָליסמאַן האָט א מינוט געשוויגען, וואַרפענדיג א בליק אין וואָגען, און נאָכאַמאָל געפרעגט אויפ'ן געווערב־שיין. ישראל משה האָט אָבער דערקענט גלייך אָן זיין שטימע, אז ער איז נישט אויפגערעגט, און ער האָט אַרויסגענומען אויך א פּאָר ברוינע שעפּטען. ער האָט זיך נישט הערענדיג געמאַכט, וואָס יענער האָט איהם ווידער געפרעגט, און געזאָגט: „איך האָב אי שוואַרצע, אי ברוינע, בזיל הזול, צוויי מאַרק א פּאָר, ממש ווי אין רוסלאַנד; דאָ צאָהלט מען צוויי און צוואַנציג, הערעלע, קויפט ביי מיר". ישראל משה האָט א כאַפּ געטהון א קוק און געזעהען, ווי דער פּאָליסמאַן קוקט זיך אום הינטער זיך... האָט ישראל משה פערשטאַנען, אז ער וועט נעהמען די שעפּטען און איהם אָבלאָזען. א מינוט האָט ער זיך א טראַכט געטהון, אז ער זאָל זיי איהם געבען אינגאַנצען אומזיסט. צי דען איז צוויי מאַרק נישט ווי אומזיסט, אויב איהם אַליין קאָסטען זיי זיבצען מאַרק א פּאָר? ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטען, ווייל ער האָט געוואוסט, ווי די דייטשע פּאָליסלייט האָבען פיינט כאבאר... „הערעלע, איהר ווילט קויפען אי די שוואַרצע, אי די ברוינע?" — האָט ער נאָך א פרעג געטהון. נאָכאַמאָל האָט דער פּאָליסמאַן זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אַרויסגענומען פיער מאַרק, שנעל צוגענומען די צוויי פּאָר שעפּטען און זיי איינגעוויקעלט אין דער ציימונג, וואָס ער האָט געהאַט אין האַנד. „פערלאָסען זי זאָפאָרט די שטאָדט", — האָט דער פּאָליסמאַן בעפוילען, אזוי ווי ער וואָלט גאָר נישט געקריגען אין יד אריין. אָבער ישראל משה האָט זיך נישט שטאַרק איבערגע־שראָקען און איהם געבעטען, אז ער זאָל איהם ערלויבען אריינטראָגען א בלעכעל שלייפּאייל אין ווערקשטעל. אונגערן האָט ער איהם ערלויבט, זאָגענדיג: „אָבער שנעלער, שנעלער", — און ער איז געבליבען שטעהן, ביז ישראל משה איז אַרויס־געקומען. אז ישראל משה איז אַרויף אויפ'ן וואָגען, האָבען די פערבייגעהענדע איהם אָנגעקוקט, און דער פּאָליסמאַן האָט געסטראַשעט: „נאָר דאָסמאָל לאָז איך אייך אָב". „דאַנקע שען"! — האָט ישראל משה אויסגעשריען, אראָבנעהמענדיג דאָס היי־טעל. ער האָט א טרייב געטהון די פערד און שנעל אוועק אין קרעטשמע... אין א שעה אַרום איז ער שוין געווען אויפן' וועג קיין דעסוי. ער איז געזעסען אויפ'ן וועגעל מיט זעהר א בעטריבטען געמיט. דרייסיג מאַרק האָט ער פערלוירען אויף די כאַליעוועס — טאַ צו וואָס האָט ער אזוי שווער געהאָרעוועט די גאַנצע וואָך? צו וואָס האָט ער געוואַנדערט בייטאָג און ביינאַכט, איבער פעלדער און וועלדער, אין

סכנה פאַר חיות און גזלנים? פאַרוואָס האָט ער אַזוי שנעל פערגעסען די פּאַרציע, וואָס ער האָט געהאַט אין דער פערשאָלטענער בראַנדענבורג, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט „הענגליכטערס"?

ישראל משה אליין פלעגט דערצעהלען וועגען זיינע בראַנדענבורגער נסיעות, כדי צו ווייזען זיין חכמה, און אַז ער פלעגט ענדיגען, פלעגט ער שטענדיג זאָגען: „און זייט דאַמאָלט האָט מיך בראַנדענבורג אויף די אויגען נישט געזעהען!"

# א ליבע פון „גרינעם באָרג“

אזוי ווי דו קוקסט אָן אלקנה'ן אזוי איז ער געווען אין דער נשמה א ריכטיגער גוי ווען זיין טאַטע איז געשטאָרבען איז ער, אלקנה נאָך קיין יאָהר נישט אַלט געווען, און די מאַמען האָט ער פערלאָרען אַלס אינגעל פון עלף יאָהר. געוואוינט האָבען זיי אויף די פּיאַסקעס, נעבען די קריסטען, און געשפּילט האָט ער זיך מיט שקצים מעהר ווי מיט אידישע אינגלעך. אַז די מאַמע איז געשטאָרבען, האָט איהם גענומען צו זיך פייוועל דער שניידער, דעם טאַטענס א פעטער, ער איז אָבגעווען ביי איהם דריי יאָהר און האָט זיך נישט אויסגעלערענט אפילו א פאַדעם אריינציהען. שניידעריי האָט איהם נישט אינטערעסירט און ער האָט די מלאכה שטאַרק פיינד געהאַט. ער איז עפּעס ווי געבוירען געוואָרען פאַר עטוואָס בעסערעס. דער פעטער פלעגט איהם אָפט מוסר'ן און זאָגען: „ווּעסטו זיך אויס־לערנען ריכטיג שניידעריי, ווּעסטו לערנען תורה, ווּעסטו ווערען א גרויסער רב אָדער א בערימהמטער ראש־ישיבה; אָבער אַז דו לערנסט גאָרנישט, וואָס וועט זיין פון דיר?" און אלקנה פלעגט אַלץ אויסהערען און שווייגען, אָדער ער פלעגט א שמייכעל טהון, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: וואָס פאַר מיר איז גוט, ווייס איך בעסער... אַט דער שאָקעל מיט'ן קאָפּ פלעגט דעם פעטער פון די כלים ארויסברענגען און ער פלעגט אין איהם וואַרפען וואָס ער האָט געהאַט ביי דער האַנד: א שטיקעל קרייד, א שער אָדער גאָר א גליהענדע קויל.

מיט פערציהן יאָהר האָט אלקנה אויסגעזעהן ווי פון אכציהן, און געהאַט האָט ער א שעהנע געשטאַלט. ער פלעגט זיין אָנגעטהון שעהן און זויבער, און אויפ'ן פּנים איז גאָרנישט געווען צו דערקענען זיין עם־הארצות. דאַן האָט ער אָנגעהויבען זאָרגען וועגען א צוקונפט פאַר זיך: וואָסערע תכלית איז די נאָדעל, אַז עס ציהט איהם נישט צו שניידעריי? ענדליך איז ער געקומען אויפ'ן געדאַנק: ער וועט אוועק קיין „פּרייסען". דער פעטער ר' פייוועל איז געווען געגען דעם, און אלקנה האָט איהם חושד געווען, אַז ער וויל איהם אויסנוצען פאַר'ן לעפעל עסען, האָט ער איהם נישט געפאָלגט. אזוי ווי די דזשענטשאַרעס האָבען געוואוסט, אַז ר' פייוועל וויל עס נישט, האָט איהם קיינער נישט געוואָלט מיטנעהמען. צו וואָס דאַרפען זיי זיך איינרייסען מיט ר' פייוועלען — צי פעהלען יתומים אין גראַיעוואַ?

מוצאי שמחת־תורה איז דער אינגעל פערשוואונדען, און אויף צו־מאָרגענס, אַז די דזשענטשאַרעס זענען אריבער די גרענעץ קיין פּראַסטקען, האָבען זיי גע־זעהן אלקנה'ן אָנקומענדיג זיי אַנטקעגען מיט א שמחה. ער איז פשוט אריבער די גרעניץ דורך די פעלדער, נעבען דאָרף נייערוטשע, און אַט איז ער אין פּרייסען.

ער איז צוגעגאנגען צום אַלטען הערצקען, וואָס האָט בעריזט שטענדיג פּויזען, און איהם געזאָגט: „נעהמט איהר מיך מיט איז גוט, און אויב נישט איז מיר גלייבער דאָ צו שטארבען און צו פּאָניען געה איך נישט צוריק". האָט הערצקע אויף איהם רחמנות געקריגען, און אויסערדעם האָט ער איהם געהאַלטען פאַר א פּשהיגען אינגעל, אויב ער האָט זיך געקענט אזוי אריבערכאַפּען די „גרינע גרענצע". האָט ער בעשלאָסען איהם מיטצונעהמען.

ווען ס'איז געקומען בין־הזמנים, איז אלקנה נישט געפאָהרען קיין גראַיעווא: צו וועמען וועט ער פאָהרען? דעם פעטער האָט ער נישט ליעב געהאַט, גראַיעווא האָט ער נישט געקענט אָנקוקען, טאָ וואָס וועט ער נאָך מאַכען הוצאות? דאָס ערשטע יאָהר האָט ער נאָך קיין שכר נישט בעקומען, נאָר אויף רייזע־הוצאות האָט איהם הערצקע געגעבען, און אז ער האָט שוין געהאַט די פּאָר טאָלער אין קעשענע, האָט ער זיי בעהאַלטען און ר' הערצקען געזאָגט מיט א שמייכעל: „איך וועל מיך אָברוהען דאָ, אין דער גרויסער וועלט, און איהר פאָהרט אייך געזונטערהייד אין דער גרויסער גראַיעווא". עס איז געווען אזויפיעל שפּאָט אין דעם אינגעל'ס בליק, אז ר' הערצקע האָט קיין ווערטער נישט געפונען און ער האָט איהם געלאָזען אין טאָרן. אַגב, ר' הערצקע איז געווען, ריכטיג געזאָגט, נישט אומצופרידען פון דעם, זוייל ער האָט ביי איהם געלאָזען זיין געשפאַן. — אלקנה האָט די גאנצע צייט נישט אויסגעגעבען פון זיין קעשענע א פּרוטה אויף עסען: ער איז ארוים אין די אַרומיגע דערפער, ביי קונדען און פרעמדע מענשען. און איבעראַל האָט ער געקריגען אָבצועסען. וועגען כשרות האָט ער זיך נישט געקימערט. ער איז צו יענער צייט געווען אפשר דער איינציגער, וואָס האָט גאנץ רוהיג געגעסען טריפה. נאָר פּסח האָט ער נישט געגעסען קיין חמץ — עפּעס האָט איהם אויסגעזעהן, אז מיט דעם איז ער ווי א געשמד'טער, און א „משומד" האָט ער נישט געוואָלט זיין. אז ער איז געקומען צו דער אידישער געמיינדע און דערצעהלט, אז ער איז דאָ געבליבען אויף יום־טוב, ווייל ער האָט נישט קיין עלטערן און האָט נישט אין גראַיעווא צו וועמען צו פאָהרען, האָט מען איהם געגעבען א בריעף, און אין א רייכער פאַמיליע האָט מען איהם דעם גאַנצען פּסח געגעבען עסען כיד המלך. ווען ר' הערצקע איז צוריקגעקומען, האָט ער איהם דאָס ערשטע געפרעגט — איידער ער האָט נאָך געפרעגט אויף די פערד — וואו ער האָט פּסח געגעסען, און אז ער האָט איינגעזעהן, אז ס'איז אמת וואָס אלקנה דערצעהלט איהם, האָט ער איהם אַלץ מוחל געווען: וואָס ער לעגט נישט תפילין, וואָס ער היט נישט אָב שבת און אפילו וואָס ער כאַפּט זיך צו אַמאָל צו טריפה. פיער יאָהר איז אלקנה אָבגעווען אין פרייסען און זיך נישט געוויזען אין דיגהיים. אז ער איז אַלט געוואָרען אכצעהן, האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען וועגען „תכלית". און דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט אָן גראַיעווא און בעזונדערס אָן די פּלעצער וואו ס'טרעפען זיך בחורים מיט מיידלעך, און דער עיקר אָן „גרינעם בארג", פון וואַנען עס פלעגען קומען, ווי גראַיעווער אַלטע אידען האָבען געזאָגט, אַלע צרות פון ששת ימי בראשית...

צו יענער צייט, ווען אין שטשוטשין, סטאַוויסק און אַנדערע נאָהנטע שטעדטלעך האָט מען נאָך נישט געקענט קיינע שפּאַציר־פּלעצער, זענען שוין אין גראַ־

יעווא געווען א פאר אזעלכע פלעצער, וואו ס׳פלעגן זיך טרעפן בחורים מיט מיידלעך. איין פלאץ איז געווען דער שטשוטשינער וועג, פאר די רייכערע, און דער צווייטער — דער גרינער בארג, פאר די פשוט׳ערע; און אז ס׳איז אויסגעבויט געווארן דער וואקזאל, איז ער געווארן א שפאציר־וועג פאר אלע שיכטען.

מען זאגט, אז דער גרינער בארג איז געווארן בעריהמט זינט ווען כאך האט דארט מקבר גזווען דעם בכור. אנגעהויבען האט זיך עס מיט׳ן געהן אויף „קבר אבות" צום קאז׳יאל; צופעליג פלעגען זיך דארט טרעפען אינגליך מיט מיידלעך, און נאכהער פלעגט מען דארט געהן שפאצירען שבת און יום־טוב. דארט פלעגט זיין דער טרעף־פונקט, דארט האבען זיך אבגעשפילט א סך גראיעווער ליבעס. איינער איז אראב פון דארטען מיט א פרעהליך הארץ און א אנדערער מיט א בעטריבטען געמיט — צום גרינעם בארג פלעגען מיידלעך קוקען מיט בענקעניש און מאמעס מיט פחד. די מאמעס האבען שטארק נישט געוואלט, אז זייערע טעכטער זאלען פערקריכען צום גרינעם בארג, נאר זיי האבען זיי נישט געקענט אבהאלטען. אויב פון דארט קומט דאס גליק — אמאל, חלילה, דער היפך — ווי קען האבען א מאמע א הארץ צו שטערען איהר קינד, באמש ס׳איז נישט אזוי שען און מען מאכט נאר שונאים, וואס האבען גישט קיין מיידליך, צום רעדען? די טאטעס זענען אין דעם זין געווען שטרענגער: זיי האבען מורא געהאט פאר א ביטערען סוף פון דעם „שפאצירען", און אפט האט מען געקענט זעהן, ווי אן׳אלטער טאטע געהט זיך לאנגזאם ביים צוים פון בית־הקברות און ווארפט כסדר בליקען אויבען צום גרינעם בארג... אגב, ס׳האט שוין אמאל געטראפען זעהר א מיאוסע מעשה, נאר דאס איז גראד געשעהן אויפ׳ן שטשוטשינער וועג, ביי די יחסנים. — יעדעס מיידעל פון פשוטערען שטייגער האט אין א קורצער צייט דורכגעמאכט דיזעלבע געשיכטע: פריהער פלעגט זי בלאז־יודעים שבת אוועק מיט עלטערע חברות׳עס צום גרינעם בארג; נאכהער האט די מאמע איהר געשלאגען און איהר פערזאגט, אז איהר פוס זאל נישט קומען אויף דעם פערשאלטענעם בארג; דאן האט דער טאטע אנגעהויבען צו שלאגען און זאגען מוסר; צום סוף פלעגט זי זיין די זינגערין און דארט געהן אפילו אין דער וואכענס. וואס פאר א טעם האט דאס לאנגווייליגע לעבען אין שטעדטעל, אז א מיידעל זאל נישט קענען זיין אביסעל זיין ווייט פון די אויגען פון עלטערען און שכנים און נאהנט צו די אויגען פון בחורים, וואס האבען אין זיך אזויפיעל ליבע און בענקעניש?

אז אלקנה איז געקומען פון „פרייסען" און האט זיך בעוויזען דאס ערשטע מאל מאל אויפ׳ן גרינעם בארג — דאס איז געווען א שבת שובה. האבען איהם אלע מיידלעך נאכגעקוקט. ארויס איז ער פון גראיעווא א ווילדער אינגעל, א קאר־מאנדרשטשיק ביי א באנדע זשוליקעס, און אראבגעקומען איז ער א בחור ווי א דונער, א פריץ, א גאנצער גראף. ער איז דאך געווען נאר א יונג ביי הערצקען, אבער אויסגעזעהן האט ער ווי א גרויסער „בעל־בית", א גרעסערער ווי אלע פעך־הענדלער און ווי פיעל גראיעווער גבירישע קינדער. ער איז ארויסגעקומען אויפ׳ן גרינעם בארג מיט דעם פעטער פייוועל׳ס זוהן און ער האט איהם אויף יעדען מיידעל, וואס

איז פערבייגעגאנגען, געפרעגט ווער און וואס זי איז. ביים קבר פון באק זענען זיי שטעהן געבליבען. אונטער'ן בוים, וואס איז אויסגעוואקסען אויפ'ן קבר, זענען געזעסען דריי מיידלעך, איינע פון זיי איז געווען מענדעל דעם בעקער'ס. נאך פון ווייטען האט ער געהערט א צארטע, אנגענעהמע שטימע זינגענדיג:

וואס ביסטו, קאטשאק'ל, ברוגז,
וואס געהסטו אראבגעלאזט די נאז?
אפשר ווילסטו וויסען דיין יחוס,
טא קום וועל איך דיר זאגען וואס.

און אז ער איז צוגעגאנגען, האט זי נישט מפסיק געווען; זי האט געקאפט אויף איהם א קוק און האט ווייטער געזונגען:

דיין טאטע איז א סמאראוואזשניק,
דיין מאמע גנב'עט פיש אין מארק,
און דיינע ברידער זענען גנבים
און דיין שוועסטער טאנצט מיט א קאזאק.

ער האט אראבגעקוקט אויף איהר בלאנדען קאפ און ווייסען האלז און איז געבליבען שטעהן ווי א צוגעשמידטער... „זי זעהט אוים ווי א ריכטיגע דייטשקע", האט ער זיך א טראכט געטהון, און אזוי ווי מאדנע מחשבות האבען איהם געפאקט, האט ער נישט געוואגט מיט איהר צו פערלייגען א טענה. ער איז אוועק און זיין קוזין אויך און האט גארנישט געזאגט פון זיינע געפיהלען. אז ער איז עטוואס אבגעגאנגען, האט דאס מיידעל ווידער אנגעהויבען זינגען. עס איז געגאנגען וואס אמאל לאנגזאמער.. די שטימע האט זיך צו איהם געטראגען עפעס ווי נאלדענע פעדעם און דאס הארץ האט אין איהם געבושעוועט. עס איז נאכאמאל פארביי די מיידלעך און געגאנגען שטייף, נאר עפעס האט איהם ווי געדריקט אויף די פלייצעס, אז ער זאל זיך צובויגען. ארוים איז ער צום גרינעם בארג שטאלץ און לייכט און פערלאזען האט ער איהם נידערגעשלאגען און שווער.

דער פעטער דער שניידער האט איהם אנגעהויבען רעדען שדוכים. אזא בחור ווי דו, האט ער געזאגט, פאסט אפילו פאר'ן רב'ס טאכטער. אלקנה האט איהם אבער געענטפערט, אז אין פרייסען רעדט מען נישט קיין שדוכים, יעדערער זוכט זיך אליין זיין אייגענע בעשערטע.

יום־טוב, נאכ'ן עסען, האט אלקנה בעשפריצט זיינע בגדים מיט אדע־קאלאן — צו יענער צייט האבען אין פראיעווא פון דעם געוואוסט נאר די מיוחס'־דיגע מיידלעך — און ער איז ארוים צום גרינעם בארג. ווי זאגט מען דאס? איין הארץ פיהלט דאס צווייטע. דאס מיידעל, זעלדע מענדעל דעם בעקערס, האט זיך דעם טאג אויסגעפוצט אין איהר שענסטען קליידעל, אויפ'ן האלז האט זי ארום־געדרעהט דער מאמעס גאלדענע קייט און זי איז ארוים מיט איהרע „פריינדינעס" אויפ'ן גרינעם בארג. אז זיי זענען אנגעקומען איינער אנטקעגען אנדערען, זענען זיי ביידע רויט געווארען. ער האט שטענדיג פאנטאזירט וועגען אזא מיידעל: פעט ווייס און בלאנד; זי ווידער — וועגען א הויכען, א שענעם און א רייכען — רייך נישט דווקא, נאר ער זאל אויסזעהן ווי רייך. אט דעם יום־טוב־פארנאכט איז איהם געלונגען זיך אבצושטעלען נעבען איהר. לכתחילה האט ער גערעדט א פאר ווערטער מיט איהרע חבר'טארענס, און נאכהער איז זיין קוזין געבליבען מיט די אנדערע און ער האט זיך אבגערוקט א פאר שריט פאר זיי און געבליבען מיט זעלדען. — אויף צו מארגענס איז ער געקומען צו איהר אין שטוב. וואס קיין בחור צו יענע

צייטען האט נישט געוואגט. דאס האט ער געוואגט. מיט איהם איז פערלאפען אין שטוב א ריח פון „פאפוכע“, וואס האט מענדלען דעם בעקער פערשיכורט און זיין ווייב חיה׳ן גאר צומישט, און ביידע האבען זיך שטארק געפרעהט.

— „אז א בחור איז אזוי פערקנאקט, מוז ער דאך זיין א עושר“, האט חיה געזאגט שטיל צו איהר מאן. ווען זיי זענען ביידע ווי צופעליג ארויס אין צווייטען צימער. ביי זיין אוועקגעהן האבען די עלטערען איהם געבעטען אריינקומען. חיה האט געזאגט דער טאכטער מיט פרייד: „וואס דארפען מיר שדכנים? גאט וועט דער שדכן זיין, דו האלט איהם נעבען זיך מיט שכל און דערצעהל נישט א ווארט דיינע חבר׳טארענס...“

אלקנה פלעגט קומען אינדערפריה, ביי טאג און אין אוונד — ער איז שיער פון זינען אראב, זעלדע ווידער האט נישט געגעסען און נישט געטרונקען (ווי א הון מיט א פיפטעטש אויפ׳ן צינגעל) און נישט גערעדט — זי האט נאר געקלערט וועגען שענעם אלקנה. און די באר־גאס האט געקאכט ווי דער קעסעל פון באד: די האבען געזאגט, אז ער פאסט נישט פאר איהר, אנדערע האבען גע׳טענה׳ט, אז זי פאסט נישט פאר איהם — קיינער האט נישט געזעהן גערן דאס גליק פון איהם אדער פון איהר... עס זענען אריבער פיער טעג און אלקנה׳ן האט זיך אויסגעדוכט, אז ס׳זענען אריבער פיער מאנאטען. דער פעטער האט אלקנה׳ן כסדר איינגעהאמערט אין קאפ: „מענדעל איז א עושר, אלע גוים קויפען זיין ברויט. דו לאז זיך נישט ארייננארען אין זאק מיט דעם מיידעל אזוי ווי די מאמע האט איהר געבוירען“. האט אלקנה א טראכט געטהון, אז דער פעטער איז גערעכט: „איינמאל אין לעבען האט מען חתונה, טא פארוואס זאל ער טאקע נישט קריגען קיין נדן?“ אויפ׳ן פינפטען טאג, ווען ער איז געווען מיט זעלדען אין אינעווענינגסטען צימער און נישט געוואוסט, אז איהר טאטע איז אין פאדערשטען, וואס איז אבגעטיילט געווען פון אינעווענינגסטען נאר מיט א הילצערנעם ווענדטעל, האט ער אנגעהויבען גאנץ פשוט: „זעלדע, האסט מיך ליעב?“ זי איז רויט געווארען ווי א בוראק. ווער פרעגט אזוינע קשיות פאר דער חתונה? און אז ער האט ווידער געשטעלט די זעלבע פראגע, האט זי געזאגט פערשעהמט: „דו בינסט אויסגעלאסען, ס׳איז נישט שעהן“. האט אלקנה געלאכט: „אין דער גרויסער וועלט ווייס מען בעסער וואס הייסט אויסגעלאסען און וואס נישט“. נאך א קורצער פויזע האט ער פארטגעזעצט: „איך בלייב דא נאך דריי טעג; אויב מיר וועלען צווישען זיך מסכים זיין, וועל איך מיט דיר אסרו־חג חתונה האבען“. איז זי געווארען נאך רויטער. דיין טאטע וועט אונז געבען צוויי הונדערט רובעל און מיר וועלען אין א גוטער שעה חתונה האבען“, האט ער אבגעזאגט שנעל. דאס הארץ האט איהר געקלאפט ווי ביי א גנב און זי האט שטיל ארויסגערעדט: „פון וואנען וועט דער טאטע נעהמען געלד?“ „פון דעם קניפעל, וואס ער האט אנגעהאנגען דער מאמען אויפ׳ן האלז“, האט אלקנה געשמייכעלט. זעלדע האט פאר חרפה אראבגעלאזען די אויגען, זי האט זיך איינגעוויקעלט אין דעם ווארעמען טוך און געזאגט: „מיין טאטע האט זיין גאנצען לעבען געארבייט שווער אין די נעכט, און אויב ער האט אבגעשפארט א פאר גראשען דארף ער עס דאך האבען אויף דער עלטער“. מענדעל, וואס איז געשטאנען אין דעם פאדערשטען צימער אנגעשפארט אויפ׳ן ווענדטעל, האט געקוועלען און טרעהרען זענען איהם געשטאנען אין די אויגען, הערענדיג די חכמה פון זיין טאכטער. „אויב אזוי וועלען מיר נישט קענען חתונה האבען“, האט אלקנה געזאגט און געפיקט מיט די פינגער אויפ׳ן טיש. זעלדע האט געשוויגען. אלקנה איז געווען זיכער, אז זי האט איהם ליעב און דער עכוב

איז נאר, וואס איהר טאטע וויל נישט ארויסרוקען די פאר גראשען, איז ער געווארען אין זיך אויפגערעגט. ער איז אויפגעשטאנען ווי א אונטערגעשאסענער און א זאג געטהון: „טא וואס זאגסטו, זעלדע?" — און אז זי האט נישט געענט־פערט, האט ער אויסגעשריגען מיט כעס: „אז דיין טאטע וועט איינעהמען א מיתה משונה, וועלען מיר קענען חתונה האבען". זעלדע איז בלאס געווארען ווי קאלך. זי האט זיך אויפגעשטעלט און געוואלט עפעס זאגען, און דא איז פלוצ־לינג אריינגעקומען איהר טאטע, וואס איז געוועזן וויים, ווי ער וואלט נאר וואס ארויסגעקראכען פון א זעקעל מעהל, ער האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען אלקנה'ן (ער האט איהם געגרייכט ביז'ן ברוסט) און אויסגעשריגען:

— ארויס פון דאנען, שייגעץ איינער!"

אלקנה האט זיך דערשראקען און פערשוואונדען.

די גאנצע פאלגענדע טעג איז זעלדע נישט ארויס פאר'ן טהיר און אלקנה האט זיך ארומגעדרעהט ווי פון זינען אראב איבער'ן גרינגעם בארג, אויפ'ן מארק און איבער אלע גאסען. ער האט אלץ פערטרויט פאר זיין קוזין און איהם געבעטען, אז ער זאל געהן איבערבעטען מענדעל דעם בעקער, נאר יענער האט מורא געהאט אפילו צוצוגעהן צו מענדעלס שטוב. — גלייך האט גאנץ באר־גאס גע־וואוסט, אז דא איז עפעס געשעהן צווישען זעלדען און אלקנה'ן, און א סך האט עס שטארק הנאה געטהון. צווישען זיך האט מען געמורמעלט, אז מענדיל זאל האבען געטראפען ביי זיך אין שטוב אויף דער הילצערנער סאפקע אלקנה'ן מיט זעלדען ארומגענומען...

אלקנה, וואס איז געקומען פאר די ימים טובים קיין גחאיעווא רויט און לוסטיג, האט דאס שטעדטעל פערלאזען נאך די ימים טובים בלאס און טרויעריג (ר' הערציקע האט געזאגט, אז ער זעהט אויס „נאר אין קעסטעל אריינצולעגען"). אי־אי. ווען ער האלט דאס מויל איין סעקונדע, וואלט ער דאך ריכטיג היינט גע־פראוועט די חתונה! און זעלדע האט זיך געשעהמט צו ווייזען פאר דער ליכטיגער וועלט. אלע האבען איהר שוין מקנא געווען, זי איז שוין געווען אזוי נאהענט צום גליק, און ווען זי וואלט איהם נישט אויפגערעגט, וואלט ער נישט נכשל געווארען, און איצט, אסרו־חג, וואלט זי שוין געשטאנען אין ווייסען אונטער דער חופה...
ביז אסרו־חג האבען נאך ביידע געהאפט, אז עס וועט ווי עס איז נאך גוט ווערען,
נאך אסרו־חג האבען ביידע געהאפט, אז עס וועט ווי עס איז נאך גוט ווערען, יעדערער פאר זיך. „איצט וועט מענדעל דער יומח־שמו'ניק חתונה מאכען זיין טאכטער". האט אלקנה געטראכט. „ער וועט זיך ווידער נישט ווייזען יאהרענלאנג און וועט אן מיר פערגעסען ווי אן א טויטען„ האט ווידער זעלדע געקלערט און שטיל פאר זיך, איהם בעקלאגט.

נאר אז גאט פארט פון אויבען, קענען מענשען נישט קאליע מאכען אונטען, אלקנה האט אויף איין מינוט נישט פערגעסען זעלדען און ער האט געווארט מיט גרויס אומגעדולד דעם גאנצען ווינטער ביז פסח. אלע שיקסעס, וואס ער פלעגט זיי אמאל פערטשעפען, האט ער נישט געקענט מעהר אנקוקען. — און זעלדע ווידער האט געליטען און געשוויגען. מיט איהרע חבר'טארענס האט זי זיך גע־שעהמט וועגען דעם צו רעדען, און מיט דער מאמען נאך מעהר. די מאמע — א מאמע זעהט דאך אלץ — האט געזעהן, וואס עס טהוט זיך ביי איהר זעלדעלען אין הארצען, און דאסזעלבע האט זיך געטהון אויך ביי איהר אין הארצען. אז זי פלעגט זיצען אליין מיט איהר מאן פלעגט זי איהם פרובען בערוהיגען און בעוויי־זען, אז אפילו א מלאך קען זיך ארויסכאפען מיט א ווארט, בפרט א הושענטשאר.

מענדעל האָט אויך ליעב געהאַט זיין טאָכטער און איהר מיטגעפיהלט, נאָר האָט זיך נישט געקענט אונטערגעבען. נישט איינמאָל האָט אויסגעבראָכען א מחלוקת צוליב דעם צווישען מאַן און ווייב, און מ'פלעגט זיך שטענדיג ענדיגען דעם, אַז ער פלעגט נישט וועלען עסען א גאַנצען טאָג.

אַז ס'איז אָנגעקומען דער בין־הזמנים פון פסח, איז אלקנה דאַסמאָל גערן גע־פאָהרען מיט ר' הערצקען קיין גראַיעווא. אָנקומענדיג האָט ער געפרעגט מיט שרעק זיין קוזין, צי זעלדע איז נאָך נישט פערהייראַט. און אַז ער האָט געהערט, אַז זי איז נאָך א מיידעל, איז איהם אַראָב א שטיין פון הארצען. ער איז פּלוצלונג געוואָרען ווי דער פרומסטער מענש און געזאָגט צו זיך אליין: „דאָס איז מן השמים, זי וואַרט אויף מיר". דאָס הארץ איז איהם איבערגעלאָפען פון ליבע און בענקעניש און ער האָט בעשלאָסען ביי זיך צו געהן צו איהר אין שטוב אריין און איבערבעטען איהר טאַטען. דאָס איז געווען א פרייטאָג. אויף צומאָרגענס, שבת, ווי ער איז נאָר אַרויף אויפ'ן גרינעם באַרג מיט דעם קוזין, האָט איהם א לייכט געטהון זעלדע'ס געזיכט... ער האָט זיך אויף דעם נישט געריכט און זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ער איז געקומען אום ערב־שבת. ביידע זענען ווייס געוואָרען ווי קאַלך. זי איז דורכגעגאַנגען. „זעלדע!" האָט ער זי צוגערופען מיט א ציטערדיגער שטימע. זי האָט זיך נישט געקאָנט בעהערשען און האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ. די ערשטע איז געבליבען שטעהן איהר חבר'טע. איז זי אויך געבליבען שטעהן. דער קוזין האָט א זאָג געטהון צו דער חבר'טע: „מיר וועלען געהען בעזונדער", און גלייך איז זעלדע געבליבען מיט אלקנה'ן אליין...

אויף צומאָרגענס האָבען זיי זיך ווידער געטראָפען אויפ'ן גרינעם באַרג. זי האָט איהם דערצעהלט, אַז זי האָט גערעדט מיט דער מאַמען און ער קען קומען דעם ערשטען טאָג יום־טוב צו זיי אין שטוב. — אַז ער איז געקומען צו זעלדען אין שטוב, האָט ער מיטגעבראַכט א זיידען טיכעל פאַר איהר מאַמען (געקויפט האָט ער דאָס טיכעל אין דייטשלאַנד פאַר זעלדען, אויב ער וועט זי נאָך טרעפען אַלס מיידעל) און א שען טאַבאַק־פּושקעלע פאַר איהר טאַטען. „זייט מיר מוחל, ר' מענדעל, — האָט ער געמורמעלט, נישט קוקענדיג דעם אַלטען אין די אויגען, — איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך רעד". „ער האָט דיר שוין לאַנג מוחל געווען, ער האָט עס פערגעסען", — האָט זיך אריינגעמישט די מאַמע.

און ווידער האָט געקאָכט די באָד־גאַס ווי א קעסעל. מאַמעס האָבען געמאַכט פּאַרוואורפען זייערע טעכטער, אַז זיי זענען נאַריש און ווייסען נישט ווי צוצוציהען צו זיך א בחור, און די מיידלעך האָבען מקנא געווען זעלדען, וואָס עס איז איהר בעשערט אַזא שענער מאַן. „ער איז דאָך נאָר א משרת", פלעגען זיי זיך זאָגען איינע דער אנדערער, אָבער אין זיך האָט עס זיי שטאַרק פערדראָסען.

מענדעל האָט בלומרשט מוחל געווען אלקנה'ן אינגאַנצען, אָבער אין הארצען האָט ער אויף איהם געטראָגען א כעס און געוואָלט איהם קרענקען. אלקנה איז גע־ווען זיכער, אַז זיי וועלען תתונה האָבען אסרו־חג און זעלדע וועט ווערען זיינע. אָבער מענדעל האָט אנדערש געזאָגט: „אויב איך וועל כאַפּען און חתונה מאַכען מיין טאָכטער איינס־צוויי, נישט מיר נישט דיר, וועט מען דאָך אַרויסגעבען אויף איהר א „שם רע", האָט מענדעל גע'טענה'ט. אלקנה האָט זיך געשעמט זיך צו האַל־טען ביי זיינס און ער האָט געשוויגען. זעלדען האָט ער אפילו יאָ געזאָגט, אַז

דער טאַטע איז נישט גערעכט, אָבער זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געענטפערט פערשעמט: „מיר קענען זיך דאָך נישט אַריינמישען. דאָס איז דאָך זייער ענין, די עלטערנ׳ס״.

מוצאי יום־טוב האָט מען געשריבען תנאים. ר׳ מענדעל האָט געוואָלט בעד־שטימען די חתונה אויף חול המועד סוכות, אַז אלקנה וועט קומען פון פּרייסען. אלקנה איז ערשטוינט געוואָרען. „אָבגענומען זאָל דיר ווערען דאָס לשון, אַלטער כלב!״ האָט ער זיך געטראַכט. צום סוף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט: „טאָרן איז דאָך נישט ווייט פון גראַיעוואָ, וועל איך קומען עקסטרא אויף שבועות״. און אַזוי איז בעשלאָסען געוואָרען אין אַ גוטער שעה.

אויף צומאָרגענס האָט זעלדע בעגלייט אלקנה׳ן צו די פוהרען, וואָס פאָהרען אַריין קיין פּראָסטקען. זי האָט זיך וועניגער געשעמט. זי האָט איהם געגעבען די האַנד און איהם צוגעשמייכעלט. „ווען איך קען איהר געבען אַ קוש אין באַק״, האָט ער אַ טראַכט געטהון. און דערמאָהנט האָט ער זיך אָן די שיקסעס אין פּרייסען, וואָס ער פלעגט קושען אָהן שטערונג. זי וואָלט זיך גאַרנישט געלאָזען אַ קוש טהון, נאָר ער האָט אפילו נישט געפּרובט. ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די ליצנות פון זיינע חברים, די פערד־אידען.

אלקנה איז געקומען צוריק צו דער אָבגעשטימטער צייט און די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרען מיט דער ברייטער האַנד, ווי ביי אַ בעקער. מען האָט אפילו געמאַכט אַ מאָהלצייט פאַר אָרעמע לייט און כלי־זמר האָבען געשפּילט ביז׳ן שוהל און צוריק. אונטער דער חופּה האָט אלקנה געגעבען זעלדען דעם ערשטען קוש, און ליצנים האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ דרייפאַכיגער קוש. אַרום צוויי ביי־נאַכט, ווען ס׳האָט זיך געענדיגט די מאָהלצייט, אַז זיי זענען געבליבען אַליין, האָט אלקנה געזאָגט צו זעלדען: „איך וועל דיך מיטנעמען קיין פּרייסען״, און זי האָט נאַאיוו געפרעגט: „אויף דעם טאַטען מיט דער מאַמען?״.

די שבעת ימי המשתה זענען אַוועק ווי אין חלום. אלקנה איז אַוועק צוריק צו זיין בעל־הבית קיין פּרייסען, אָבער זיין האַרץ איז געבליבען אין גראַיעוואָ, ביי זעל־דען. הערצקע האָט געזאָגט, אַז זייט אלקנה האָט חתונה געהאַט, איז איהם דער זכרון עפּעס ווי אָבגענומען געוואָרען — און ער האָט נישט איבערטריבען. ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט איין געדאַנק: אַריבערנעמען זעלדען צו זיך. אָבער ווי קומט מען דערצו? קען אַ יונג ריכטיג מפרנס זיין אַ ווייב? אָט אין דער צייט איז ביי איהם רייף געוואָרען דער בעשלוס, פערלאָזען הערצקע׳ן און מיט די פּאָר אָבגעשפּאָרטע מאַלער זוכען זיין אייגען גליק.

קומענדיג אויף יום־טוב אַהיים, האָט ער געזאָגט הערצקע׳ן, אַז ער געהט פון איהם אַוועק.

זיין שווער, ר׳ מענדעל, האָט איהם געבאָרגט הונדערט רובל און אסרו־חג איז ער אַריבער די גרעניץ מיט אַלע פערד־אידען, אָבער ער האָט קיינעם נישט דער־צעהלט, וואוהין ער פאָהרט. ער האָט פיינד געהאַט גראַיעווער מענשען ווי דעם

טויט און געוואלט זיין וואס ווייטער פון זיי — איז ער אוועק קיין זאקסען.

אין גראיעווא האט מען פערשפרייט א קלאנג, אז ער האט זעלדען פערלציזען און אז ער האט א קריסטליכע פרוי אין „פרייסען". זעלדע האט געוואוסט, אז עס איז א ליגען — אלקנה האט דאך זי אזוי ליב — נאר די בייזע צינגער האבען אויך אויף איהר משפיע געווען און אין הארצען האט זי זיך געטראכט: ווער ווייס, אפשר איז חלילה עפּעס אמת אין די אלע קלאנגען.

אויף פסח איז אלקנה געקומען אהיים ווי אלע פעך־אידען, אבער דאס האט דער באר־גאס נישט געשטערט זיך צו סוד'ען וועגען זיין גוי'אישער פרוי — און ווי איבערראשט זענען די מענשען געווארען אין די לעצטע טעג יום־טוב הערענדיג, אז זעלדע פאהרט מיט אלקנה'ן קיין „פרייסען". זעלדע האט תוקר ודורש געווען אלקנה'ן, צי דארט וואו ער פיהרט זי, איז דא א כשר'ע יאטקע, א בית־המדרש, און נאך אזעלכע זאכען, און ער האט אויף אלץ געענטפערט: „וואס פרעגסטו נארישקייטען? געוויס".

ער האט זי געבראכט קיין מייסען אין זאקסען. ער האט געדונגען א דאך־וואוינונג, א צימער מיט א קיך, און דארט בעזעצט זעלדען.

די ערשטע טעג איז זי געווען פערטהון; זי האט אויסגעפאקט די זאכען, מען האט געקויפט בעטען, אנ'אלטע שאפע און בענקלעך, און דאס אלץ האט ביי איהם פערנומען די געדאנקען. אבער אז זי איז געקומען אביסעל צו זיך, האט זי אנגעהויבען שטעלען די זעלבע פראגען ווי אין דערהיים, און ער האט געלאכט. „דא איז מען נישט אזוי פרום, דא דארף קיינער נישט אזעלכע נארישקייטען", פלעגט ער ענטפערען. זי איז געווען שטארק פערטרויערט: ווי קאן מען אזוי לעבען? זי קען אויסהאלטען אהן פלייש, אבער ווי קען מען לעבען אהן א בית־המדרש? ווי קען מען מיט איהם לעבען, אז ער לאכט זיך אויס פון אלעמען? עס איז איהר ארײן א יעדאנק אין קאפּ, אז ער האט זיך גע'שמד'ט און ער וויל זי אויך פערפיהרען... ער פלעגט ארויספאהרען מיט'ן וואגען אויף דריי־פיער טעג און קומען צוריק אויף א טאג—צוויי, און זי איז געבליבען אין אויבערשטיבעל אליין, אהן א קרוב, אהן א בעקאנטען, וואך נאך וואך, איין חודש נאכ'ן אנדערען. זי האט מורא געהאט אראבצוגעהן אליין שפאצירען, טאמער וועט זי פערבלאנדזשען; זי האט מורא געהאט צו זיצען אין שטוב, ווייל אויף דער טהיר איז קיין מזוזה נישט געווען. זי האט נאר איינס געקלערט: וואלט זי נישט שוואנגער געווען, וואלט זי פון איהם אוועק... עס האט איהר ארומגעכאפּט א שטארק בענקען נאך גראיעווא, נאך דער באר־גאס, פשוט נאך דער באר־גאס, און ס'האט איהר אויסגעוויזען, אז גאנץ מייסען מיט איהרע טראטוארען און גערטנער זענען גארנישט אנטקעגען גראיעווער באר־גאס... אז אלקנה פלעגט קומען אהיים, פלעגט ער איהר שטענדיג געפינען מיט רויטע, פערוויינטע אויגען. „איך וויל צוריק אהיים", האט זי געזאגט. „טיפש איינע — האט ער געלאכט — נאך וואס חלש'סט דו? נאכ'ן שטונק פון דער באגנע אויפ'ן סאמע מיטען גאס? נאך דעם מיסט פון די פערד מיט די קיה פון די גראיעווער גאסען?". „איך קען דא נישט לעבען", האט זי געזאגט און געוויינט. כדי

זי צו בערוהיגען, פלעגט ער איהר אמאל ברענגען פון דרעזדען א קילא כשר פלייש. נאר זי האט עס נישט געגעסען — זי האט איהם נישט געגלויבט, אז דאס פלייש איז כשר...

אין איין שענעם טאג, ארייגקומענדיג אין הויף פון זיין וואוינונג, הערט ער פון אויבען זיין ווייב זינגענדיג:

דיין טאטע איז א סמאראוואזשניק,
דיין מאמע גנב'עט פיש אין מארק,
און דיינע ברידער זענען גנבים — — —

זי האט בשעת מעשה געקלערט וועגען דעם קינד, וואס וועט געבוירען ווערען צווישען גויים, און טרעהרען האבען איהר געשטיקט, אז זי האט נישט געקענט פערענדיגען דעם „פעלז". איהר שטימע האט געקלונגען אזוי אומעטיג, אזוי טרויעריג, אז עס האט אלקנה'ן ביים הארצען גענומען און טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. דאן האט ער עטוואס פערשטאנען.

ארייגקומענדיג אין שטוב, האט ער צו איהר גערעדט ווייך און זי האט נישט געענטפערט. ער האט עפעס געפרעגט און זי ענטפערט נישט א ווארט; און אז ער האט זיך צובייזערט אויף איהר, האט זי ארויסגעכאפט א שטריק פון אונטער'ן בעט און א זאג געטהון שנעל: „איך שווער דיר, אז אויב דו וועסט מיך נישט בעפרייען פון דער גוי'אישער שטאדט, וועל איך זיך אויפהענגען". ער האט זיך דערשראקען. „גוט, — האט ער געזאגט, — אויב דו ווילסט חווקא, וועל איך דיך אבשיקען צוריק אין דיין רעזידענץ". „געוויס וויל איך — האט זי געענטפערט, — דו מיינסט, אז איך בין פון זינען אראב? וואס האב איך צו טהון צווישען גויים? איך וועל דאך פערגעסען, אז איך בין א אידיש קינד".

אין א וואך ארום האט זי איינגעפאקט די זאכען און זיך ארויסגעלאזט צוריק קיין גראיעווא. ער האט זי בעגלייט ביז בערלין. דארט האט ער זי ארייגגעזעצט אין וואגאן און נאך ביים געזעגענען זיך, האט ער איהר געזאגט: „דו וועסט חרטה האבען, זעלדע". זי האט געוויינט. אז דער צוג האט א ריהר געטהון, האט ער איהר א שטעק געטהון א האנד גאנץ קאלט און א מורמעל געטהון ווי א פרעמדער: „פאהר געזונד!" און זי האט געיאמערט און געכליפעט.

א חודש נאכ'ן אנקומען אהיים האט זי גע'מפיל'ט. אלע האבען פערשטאנען, אז דאס איז געשעהען צוליב איהר אויפרעגונג מיט אלקנה'ן, און איהר חרפה איז געווען גרעסער ווי דער וועהטאג. זי ווידער איז געווען זיכער, אז זי האט גע'מפיל'ט ווייל זי איז שוואנגער געווארען אין דער גוי'אישער מדינה, און די ווייבער פון די דזשענגטאָרעם האבען גערעדט צווישען זיך: „פרייסען האט זיך איהר געוואלט, וועלכע אידישע טאכטער לאזט זיך נאך איהר מאן אין אזא טומאה?" זיי, וואס עס איז זיי קיינמאל נישט איינגעפאלען אהין צו פאהרען, אפילו אויף א מאנאט, האבען געהאט א הנאה פון דער מפלה פון בעקער'ס טאכטער, וואס האט געוואלט זיין קליגער ווי זיי...

ס'איז אָנגעלאָפּען פּסח און אלקנה איז נישט געקומען. דער זומער איז אַוועק און ימים טובים זענען געקומען און אלקנה האָט זיך נישט געוויזען. ווי ס'פּלעגט זיך נאָר דערנעהנטערען אַ יום־טוב, וואָכענלאַנג, יעדען אָוונט, האָבען איהר גראַ־יעווער זשוליקעס אויפגעזונגען אונטער'ן פענסטער דזשעקטשאַרסקע לידלעך, אין בעזונדערהם אַט דאָס לידעל, וואָס האָט איהר דאָס האַרץ אויף שטיקער צעריסען:

אַז דער מאַן וועט קומען צוריק,
זאָל פון געלד נישט זיין קיין רייד,
וועט ער מיט שמחה אריין אין ליק
דיר קויפען אַ מאַטינענע קלייד.
אָבער אַז דו וועסט די פּאָלעס רייסען,
וועט ער מיט דיר שלאָגען כפרות;
זיינס וועט ער געפינען אין פּרייסען
און דו בלייבסט אויף גחויסע צרות.

ר' זונדעל האָט נאָך דאַן געלעבט. ער האָט אויף זיך גענומען די מצוה אויפצוזוכען אלקנה'ן און מיט איהם רעדען. ער האָט קיין מיה נישט געשפּאָרט און איהם ענדליך געפונען. „פאַרוואָס לאָזטו זיצען אַ אידישע טאָכטער אַן עגונה?" — האָט ער געזאָגט צו אלקנה'ן. „און וועלכעס געטרייע ווייב פערלאָזט אַזוי איהר מאַן?" — האָט אלקנה געענטפערט מיט אַ פראַגע. „גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז ביזט גערעכט. טאָ גיב איהר אַ גט", האָט איהם זונדעל געבעטען. אלקנה איז חיט געוואָרען פון בעליידיגונג און אויסגערופען: „איז זי נישט מיין ווייב? ווילט איהר, ר' זונדעל, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אַ גויה?". „חלילה — איז ר' זונדעל אויפגעציטערט געוואָרען, — אָבער דו לעבסט דאָך סיי ווי סיי נישט מיט איהר". „איך וועל שוין קומען אַמאָל צוריק, אָבער נאָך נישט איצט", האָט אלקנה געענטפערט. ר' זונדעל האָט מיט איהם גערעדט מיט גוטען און מיט בייזען, און אלקנה, נישט געפינענדיג קיין ווערטער איהם צו ענטפערען, איז אויפגעשטאַנען און געלאָזט ר' זונדלען אַליין אין קרעטשמע. בעזונדערס האָט זיך אלקנה איינגע'עקשנ'ט ווייסענדיג, אַז ר' זונדעל איז געשיקט געוואָרען פון זיין שווער, וועלכען ער האָט פיינד געהאַט ווי אַ שפּין. און ר' זונדעל איז אַוועק מיט וואָס ער איז געקומען.

ס'איז ווידער פּסח און אלקנה איז נישטאָ. חברה זשוליקעס האָבען מחבר געווען אַ שפּאָגעל־נייע ליד, און אַז זעלדע פלעגט געהן שבת און יום־טוב מיט דער מאַמען אין שוהל אריין, פלעגען זיי איהר בעגלייטען זינגענדיג אויפ'ן קול:

אַ גויה האָט אלקנה גוי,
און זעלדע מפיל'ט, אַי, אַי, אַי;
קנעט זי ווידער דזשיגעס טייג אַצינד
און קלאָגט נאָכ'ן מאַן, וויינט נאָכ'ן קינד.

אין די אָוונדען פלעגען זיי זיך צוזאַמענקלייבען הינטער דער בעקעריי און איינלעגען דאָס הויז מיט זייערע געוואַלדען.

און זעלדע, זייענדיג זעהר פערביטערט, בעזונדערס שבת און יום־טוב, ווען

זי פלעגט זיצען אָהן אַרבייט, פלעגט זיך פאַרשטעלען די צייט, וואָס זי האָט גע־
לעבט אין מייסען, אין דער פרעמדער, אָהן אידען, ווי אין אַ מדבר, און גוט, זיגה
גוט איז איהר געוואָרען אויפ'ן הארצען: זי זעהט דאָ טאַקי פאַר די אויגען נאָר די
באַנגע, די הייזלעך אויף דער באַר־נאָם זענען איינגעפאַלענע. אָבער זי זיצט צווי־
שען אידען. דאַן פלעגט זי אויך אַ טראַכט טהון: „איך האָב איהם ניטבעך געלאַ־
זען אַליין, איינזאַם ווי אַ שטיין, איך האָב טאַקי איבערטריבען די מאָס, אָבער ווער
ווייס אַזוי ווי איך, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ ער האָט — ער וועט קומען".

און זי האָט געוואַרט מיט געדולד.

# שמשון הגבור

אלקנה איז דורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי גיהנום, וואס א יונג מאכט דורך ביז ער ווערט זעלבסטשטענדיג. נאכהער האבען זיך אנגעהויבען די צרות אלס „בעל־הבית"; אייגענטליך דער זעלבער גיהנום, נאר מיט דער פריווילעגיע צו פערביטערען דאס לעבען אנדערע, די יונגען... נאר אויף איהם איז גארנישט געווען קענטיג דאס, וואס ער האט דורכגעמאכט. ער האט געגנג אויסגעליטען קעלט, הונגער און בזיונות, נאר שטארק איז ער געווען און ענערגיע האט ער געהאט ווי דער סאמע טייוועל. געזאגט האט מען, אז דאס האט ער געהאט צו פערדאנקען דאס, וואס ער האט נישט געוואוסט, וואס בענקען איז; גרייעווע האט ער נישט דערמאהנט צום גוטען און דאס זיצען צווישען גויים האט איהם נישט געארט; אין געגענטייל, ער האט זיך געפיהלט מיט זיי פאן בראט, מעשה גוי. — ווען ער פלעגט פארטיג ווערען מיט דער ארבייט און אויך שבת און זונטאג — דער עיקר זונטאג — פלעגט ער זיך פערקנאקען אין בגדי־מלכות און אויף זיין ארומראזירט געזיכט איז געלעגען דער חן פון אייגעם, וואס איז איהם גוט אויף דער וועלט. די דזשעגטשארעם פלעגען געהן אין דער וואכען אבגעריסען און שבת פלעגט מען טראגען בגדים פון גראבע, פראסטע סחורה, און אפילו די רייכערע פלעגען זיין ווענינ־וואס אויסגעפוצט; כדי צו בעטאנען פאר די יונגען, אז זיי זענען די בעלי בתים, פלעגען זיי טראגען א שווארצען געהאקטען ראק, נאר דער ראק האט אויסגעזעהען גרינליך פון אלטקייט און פארנט איז ער געווען אויסגעשמירט מיט כל המינים שמיער. אלקנה פלעגט זאגען, אז צוליב דעם קוקט דער דייטש אויף די דזשעגטשארעם פון אויבען אראב. ער פלעגט נישט נאר אויפפאסען אויף זיין קליידונג, נאר ער פלעגט זיך קעמען מיט א שרונט אין מיטען און די האר בעשפריצען מיט פארפום. די פעך־אידען פלעגען איהם האלטען פאר אנ'אויסברענגער, וואס ער גיט אוים געלד אויף אזוינע איבעריגע זאכען, ווי שענע בגדים, נאר ער איז געווען בערייט מותר צו זיין אויף ביער, אויף עסען, אבי צו געהן אנשטענדיג אנגעטהון. און ס'קאן זיין, אז א דאנק דעם האט ער מצליח געווען אין לעבען.

מיט א סך צונעמען איז אלקנה געקרוינט געווארען: גוי (דער צונאמען האט איהם קיינמאל נישט בעליידיגט), זאקסע (דאס האט ער אפילו גערן געהאט), עוג מלך הבשן (ווייל ער איז געווען זעהר גרוים), שמשון הגבור און נאך אנדערע — אלע צונעמען האבען געהאט א טעם, אבער אמבעריהמטסטען איז געווארען דער צונאמען שמשון הגבור. די פעך־אידען זענען געווען געוואוינט צו ווייזען זייער גבורה צווישען זיך — נישט איינמאל האט איינער איבער'ן אנדערען א גראבען שטעקען צעבראכען אדער צוגעבונדען א קאנקורענט צו א בוים אויף א גאנצע

נאכט — די יונגען האָבען עס נעבעך טועם געווען אַ סך מאָל אין לעבען — נאָר ווי ס'איז געקומען צו אַ מחלוקת מיט אַ פּויער, זענען זיי אַלע, אפילו ישראל משה און ר' משה בערל די גבורים, געווען ווי פליגען, אַזוי ווי מען זאָגט: „שמשון הגבור מיט'ן דאָס אַריבער". אלקנה אָבער האָט איין מאָל געוויזען אַ גבורה אפילו געגען פּויערן, ממש'ע דייטשען, און דעריבער האָט ער מיט רעכט בעקומען דעם נאָמען „שמשון הגבור".

אלקנה, וואָס זיין שטענדיגער אָרט איז געווען מייכטען אין זאַקסען, איז אַמאָל מגולגל געוואָרען קיין האַלבערשטאַדט. דאַמאָלס האָט יענע מדינה בעריזט ר' משה בערל עליו השלום, דער זוהן פון זונדעל תלמיד חכם זכרונו לברכה. ר' משה בערל האָט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך, און כאָטש אלקנה האָט זיך וועניג־וואָס געמאַכט פון תלמידי־חכמים — דער עיקר, ווייל זיי זענען אידען און בפרט גראַיעווער — האָט ער געשעצט ר' משה בערלען, ווייל ער האָט איהם אַזוי גוט אויפגענומען, צו וואָס ער האָט זעלטען זוכה געווען. און ווער זאָל איהם גוט אויפ־נעהמען? פון די פעך־אידען פלעגט ער אַנטלויפען ווי פון אַ דבר, זייער „חברה" איז איהם נישט אָנגעשטאַנען; די דייטשע „אידען" פלעגען קוקען אויף די פעך־אידען מיט גאווה, און ער וועט זיי גאַרנישט זאָגען, אַז ער איז אַ איד; און די גויים — זיי פלעגט ער זאָגען, אַז ער איז אַ „רוסע", דאָס הייסט, אַ פּראַוואָסלאַוו־נער, און דעריבער פלעגען זיי אויף איהם נישט קוקען אַזוי בייז ווי אויף אַ פּעך־אידען, אָבער מקרב געווען האָבען זיי איהם קיינמאָל נישט. — ר' משה בערל האָט איהם מקרב געווען, כדי ער זאָל איהם נישט דערגעהן די יאָהרען, ווי זיינע יונגען, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען און פערכאַפּט די מייסטען דערפער.

צו יענער צייט האָט ר' משה בערל געהאַט צווישען די פּויערן אַ סך שונאים. אַז ער פלעגט קומען צו אַ פּויער אין הערען, דאָס ער האָט שוין איינגעקויפט שמיער ביי זיין אַמאָליגען יונג חיים גוי, האָט ער געמאַכט דעם פּויער מיט דער בלאָטע צוגלייך און פלעגט אָפּט אַ שפּיי טהון אַנטקעגען דעם פּויער, וואָס האָט איהם „פער־ראַטען". נאָכהער פלעגט ער שטענדיג חרטה האָבען — וואָס דאַרף ער זיך איינ־רייסען מיט יעקי טפש, בפרט אַז ער האָפט איהם נאָך ווידער אַריינצוקריגען אויף זיין זייט? אַזוי פלעגט ער שטענדיג קלערען לאחר מעשה, אָבער אַז ער פלעגט זיך אָנשטויסען אויף אַזאַ צווייטען פּויער, פלעגט ער ווידער אַרויס פון די כלים. דע־ריבער האָט ער טאַקי געהאַט אַ סך שונאים; און אפשר צוליב דעם האָט ער גע־מוזט פערלאָזען האַלבערשטאַדט און זיך אַריבערפעקלען קיין בראַנשווייג, כאָטש ער האָט עס קיינמאָל נישט מודה געווען. אַמערגסטען איז געווען אין אַ מאַרק־טאָג. די פּויערן פלעגען זיך צוזאַמענקומען אין זיין קרעטשמע טרינקען אַ גלאָז ביער, און שטענדיג האָבען זיך צווישען זיי געפונען אַ פּאָר פון זיינע שונאים. פלעגען זיי איהם געבען אין טאַטען אַריין. בעזונדערס פלעגט מען איהם בעליידיגען אַלס אידען. „אידען האָבען דאָ נישט וואָס צו זוכען... פּאָר אַ פעניג וועט אונז דער איד פערקויפען..." אַזוינע פסוקים, אָדער סתם „יודע" מיט אַ גיפטיגער בעטאָנונג. פלעגט ער הערען גאַנץ אָפּט — און געמוזט שווייגען. ער האָט געהאַט וואָס צו ענט־פערען, ער האָט געהאַט הונדערטער בעווייזען, אַז פאַבריקאַנטען — אַלע וואַגנערס און עלסנערס — האָבען איהם אָבגענאַרט און די פּויערן האָבען איהם און זיין טאַטען געוואָלט בעטריגען — נאָר מיט וועמען וועט ער זיך אַריינלאָזען אין דיסקוסיעס, מיט וועמען און וואו — מיט יעקען אין יעקעלאַנד? ער פלעגט אַנטהון אַ „טויבע היטעל" און אַריינזיפצען אין באָרד אַריין.

דעם טאָג, וואָס אלקנה איז פערפאָהרען קיין האַלבערשטאַדט, איז געווען אַ מאַרק־טאָג. ווען ער איז געזעסען אין קרעטשמע ביי אַ גלאָז ביער מיט ר' משה בערלען, זענען אַריין עטליכע פּויערן, איינער גרעסער ווי דער אַנדערער, און זיך

געזעצט נעבען א טישעל. צווישען זיי איז געווען איינער פון ר' משה בערלס גרע־סטע שונאים, סתם א שונא ישראל, און זיך זעצענדיג האבען זיך זייערע בליקען אנגעטראפען. דער פויער האט זיך צוגעבויגען צום גרויסען קופעל ביער, האט עפעס א זאג געטהון און דאס גאנצע טישעל האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. ר' משה בערל האט געוואוסט, אז דאס לאכען זיי פון איהם, און ער האט זיך בעקלאגט פאר אלקנה'ן: „אט דער גוי מיט די גזלנ'ישע אויגען דערגעהט מיר די יאהרען — דאס איז אנ'ערגערער שונא ישראל ווי בלעם און חיים גוי האט איהם געדונגען, כדי מיר דא דאס לעבען צו פערביטערען". אלקנה האט א כאפ געטהון א בליק צו די פארשוינען און געשאקעלט מיט'ן קאפ. „ער שילט מיין טאטען אין קבר, ער לאכט מיך אויס, וואס איך בין א איד, און פאר א פולער קרעטשמע האט ער געזאגט, אז איך עס מצות מיט בלוט פון קריסטליכע קינדער" — האט ר' משה בערל פארט־געזעצט. קוקענדיג אויף ר' משה בערלען, האט אלקנה'ן ביים הארצען גענומען און קוקענדיג אויפ'ן ערל. דעם רשע מרושע, איז ער געווארען אנגעצונדען ווי פייער. צווישען זיך גערעדט האלט אלקנה אויך א בארד פאר איבעריג, בפרט אז זי איז צופלאשעט; ער אליין זיצט גערן ווייט פון אידען, בפרט פון דזשעגטשארעס — אבער ווער ווער וואגען איהם צו בעליידיגען, ווייל ער איז א איד? „ווען איך זאל הערען דעם בלוט־בלבול, וואלט איך איהם גע'פטר'ט אויפ'ן ארט" — האט ער זיך אנגערופען. „און אויב דו ביזט טאקי א גוטער ברודער, ווייז איהם וואס עס הייסט חיים של חלוץ עצמות" — האט ר' משה בערל געזאגט.

כאטש אלקנה האט זעלטען אויפגעהויבען א האנד, האט ר' משה בערל'ס פער־טרויען אין זיין כח אלקנה'ן צוגעגעבען מוט, און ער האט געזאגט: „אז איך האב געקאנט א דיקען בוים צושפאלטען אין צווייען, וועל איך זיך מיט אזוינע פיער ערלים לייכט אנ'עצה געבען. דו, משה בערל, פערטשעפע זיך מיט זיי און דאס אנדערע לאז מיר"...

ר' משה בערל איז אנ'אנדערער געווארען. איהם איז גארנישט איינגעפאלען, אז זיי קאנען ביידע כאפען קלעפ; ער האט נישט געוואלט קלערען, וואס עס וועט זיין שפעטער, ווען אלקנה וועט אוועק — ער איז געווען אינגאנצען פערכאפט פון נקמה־געפיהל. מען האט איהם אזויפיעל צו שאנד און צו שפאט געמאכט, מען האט אויף איהם די מיאוסטע בלבולים אויסגעטראכט, און אז ער קאן נעהמען נקמה אן זיין שונא — איז דען דא עמיץ, וואס זאל איהם אבהאלטען? ער האט געזאגט אויפ'ן קול אלקנה'ן אויף זיין דייטש: „היער זיצט א פויער מיט'ן נאמען קערנער, ער איז א פערדע־דיעב". דער פויער איז אויפגעשפרונגען אנ'אויפגעקאכטער. באלד האט זיך אלקנה אויפגעשטעלט אזוי גרויס ווי ער איז און געזאגט גאנץ רוהיג: „יעדערער קאן זאגען וואס ער וויל". דער גוי האט, געברענט. ער האט, ווייזט אויס, אלקנה'ן נישט געהאלטען פאר א אידען. „אויב ער האט דיר נישט אויסגעהאקט די ציינער, ווען דו האסט איהם געזאגט, אז ער עסט מצות מיט בלוט, וועסטו איהם אויך גארנישט טהון, אויב ער זאגט אפילו א ליגען". דא האט דער פויער געזעהען, אז דאס איז מסתמא א איד און ער איז נאך אנגעצונדענער געווארען. אלקנה'ס שמייכעל האט איהם נאך מעהר ארויסגעבראכט פון די כלים און ער האט געכאפט א פלאש און געווארפען אין ר' משה בערלען. די פלאש האט געטראפען אין וואנד און צעשמעטערט געווארען אויף פיצלעך, נישט טרעפענדיג ר' משה בערלען, וועלכער האט בעוויזען זיך איינצובויגען. דא איז אלקנה רויט געווארען ווי פייער און געפונען אנ'אויסרייד צו בעפאלען דעם גוי.

„דו האסט געוואלט הערג'ענען א מענשען, מערדער איינער!" האט ער גע־שריגען ווי נישט מיט זיין קול און א ווארף געטהון אויפ'ן פויער א בענקעל. אז ר' משה בערל האט דאס דערזעהען, האט ער זיך ארויסגעכאפט אין דרויסען דורך

דער קיך־טהיר. די אַנדערע דריי פויערען זענען אויך געוואָרען אויפגערעגט און געכאַפּט וואַרפען זייערע בענקלעך אויף אלקנה'ן. אלקנה איז אַריינגשפּרונגען צווישען זיי ווי אַ חיה און געשריגען: „לעבען אָדער טויט!" איינעם האָט ער געגעבען מיט'ן פוס אין בויך און איהם אַנידערגעלעגט — אַזוי דערצעהלט ער — די אַנדערע צוויי האָט ער אַריינגעלאָזען אַ פּאָר פויסטען אין מאָרדע און זיי צומישט, און דעם פיערטען, דעם ריכטיגען געגנער, האָט ער אומגעוואָרפען און געטראָטען מיט די פיס ווי אַ פגר. (אַלץ איז געווען ווי ער האָט דערצעהלט, נאָר ס'איז אַ ספק, צי ער האָט זיך טאַקי געשטעלט איינער אַקעגען אַלע פיער). מיט איין האַנד האָט ער זיך געשיצט פאַר יענע דריי און מיט דער אַנדערער און מיט די פיס האָט ער געהאַקט אין קערנער'ן ווי אין קרויט אַריין. איין גוי האָט זיך אַ צעיושעטער אַרויסגעכאַפּט אין דרויסען, די אַנדערע צוויי האָבען זיך אַלעמאָל צוגערוקט, געכאַפּט פויסטען און אָבגעטראָטען צוריק, און קערנער איז געלעגען אַנ'איינגעדרעהטער אויף דער ערד און געשריגען: „מיטלייד, הערר זאַקסע, האַבע פיער קינדער, ערבאַרמען זי זיך, איך ווערדע ניע מעהר עטוואַס זאָגען!" אויף די געשרייען איז אַריינגעלאָפען דער קרעטשמער, ער האָט דערזעהען דעם חורבן, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט, מענשען שלאָגען זיך ביז בלוט און איינער ליגט אויף דער ערד און שרייט — ער האָט דערזעהען דאָס בילד און איז אויסער זיך געוואָרען. „דער געמיינער הונד טראַכט אוים בלוט־בלבולים אויף אידען!" האָט אלקנה געשריגען. דער קרעטשמער איז צו זיך געקומען און, זעהענדיג קערנער'ן אויף דער ערד, האָט ער באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך. „ניע מעהר!" האָט קערנער געשריגען זיפּצענדיג. אָט די זיפּצענדיגע שטימע האָט אלקנה'ן ווייכער געמאַכט און אַז דער קרעטשמער האָט איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנד און איהם געבעטען אָבלאָזען, האָט ער אַ שפּיי געטהון און איז אַרוים.

ר' משה בערל האָט זיך אויסבעהאַלטען אויפ'ן אויבערשטאַל, און אַז ער האָט דערזעהען אלקנה'ן אין הויף, איז ער צו איהם אַראָב. אלקנה'ס פּנים איז געווען צוקראַצט און זיין מאַרינאַרקע איז געווען צופליקט. נאָר אָן זיין שמייכעל האָט ר' משה בערל געזעהען, אַז ער האָט געזיגט, און ער האָט זיך געכאַפּט איהם קושען. „ער וועט דיך נישט מעהר בעליידיגען", האָט אלקנה געברומט.

יענעם גאַנצען אָוועגד האָבען זיךביידע, אלקנה און משה בערל, נישט געוויזען אין קרעטשמע. זיי זענען געגאַנגען נעכטיגען אין אַ קרעטשמע אויף דער אַנדערער עק שטאָדט. אלקנה האָט געוואָלט באַלד אויף מאָרגען אָוועק, כדי די פּאָליציי זאָל איהם נישט כאַפּען, כאָטש ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַר זיי קיין מורא נישט, ווייל קערנער האָט אָנגעהויבען. ר' משה בערל האָט איהם בערוהיגט, אַז יעדע וואָך ברעכט אוים אַ געשלעג אין דער קרעטשמע און דער קרעטשמער ווייסט ווי עס צו פערגלעטען. ער האָט נאָר געהאַלטען פאַר ריכטיג דעם ערשטען אָוועגד נישט צו זיין דאָ, ווייל ער האָט אין דרויסען געהערט, ווי דער קרעטשמער האָט איהם משה בערלען, געשאָלטען, וואָס ער פערטרייבט איהם די בעסטע קונדען. אביעזר'ן זיין יונג האָט ער געלאָזען ביים וואָגען און איהם געהייסען, אַז ער זאָל קומען זיי זאָגען, אויב מען וועט זיי זוכען.

אין אָוועגד איז אביעזר געקומען און דערצעהלט, אַז פּאָליציי איז געווען אין קרעטשמע פרעגען, וואָס עס האָט פּאַסירט. דער קרעטשמער האָט זיי אָוועקגעזעצט ביי גרויסע קופליעס ביער און דערצעהלט נישט געשטויגען און נישט געפלויגען: איין קונד האָט געקריגען לייב־שמערצען, ווייל ער האָט געטרונקען אַ ביסעל צופיעל; ביי אַ צווייטען ווידער געהט שטענדיג בלוט פון נאָז, און זיין קאָנקורענט פון אַנטקעגען, דער שמוציגער ווערנער, טראַכט אויף איהם סתם אוים בלבולים, כדי איהם צו מאַכען אַ שם רע... און וואָס מעהר די פּאָליציי־לייט האָבען גע־

טרונקען, אַלץ מעהר האָבען זיי געגלויבט דעם קרעטשמער, און ווען זיי זענען אַוועק, האָבען זיי איהם פערזיכערט, אַז זיי וועלען פון דעם גאָרנישט מאַכען. „און אַז שכורים צעשלאָגען זיך אַמאָל, ווערען זיי נאָך בעסערע גוטע פריינד, ווען זיי ניכ־טערען זיך אויס“, האָט דער קרעטשמער בעמערקט. ווען זיי זענען שוין געווען ביים טהיר, און זיי האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט.

„פריטצע איז אַ חכם מחוכם!“ — האָט ר׳ משה בערל צופרידען געזאָגט. דאָך זענען זיי די נאַכט שוין געבליבען אין דער נייער קרעטשמע.

אויף צומאָרגענס אינדערפריה, ווען זיי זענען ביידע געווען אין שטאָל, איז אביעזר געקומען צולויפען שנעל און געזאָגט זיין בעל־הבית, אַז דער באַנקיר „הערר כהן“ האָט געשיקט אַ ספּעציעלען שליח איהם רופען. „ס׳איז שוין אַ צרה אויף מיין קאָפּ“ — האָט ר׳ משה בערל אַ זאָג געטהון. ער האָט שנעל געביטען דעם אויבערשטען בגד און אַוועק שנעל אין באַנק. ער האָט דעם באַנקיר נאָך קיינמאָל נישט געזעהען, נאָר געהערט וועגען איהם האָט ער אַ סך פון זיין טאַטען ר׳ זונדעל (דער טאַטע אַליין האָט איהם אויך געזעהען בלויז אַ פּאָר מאָל צו אייניגע מינוטען), און דאָ פיהרט מען איהם אריין גלייך צו הערר כהן אין קאַבינעט. דער אַלטער הערר כהן האָט איהם געבעטען זיצען, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט ווי ביי אַ גנב. בשעת מעשה איז איהם איינגעפאַלען, אַז חיים גוי האָט איהם פער׳מסר׳ט און ער וויל איהם אָבשטעלען דעם קרעדיט. וואָס ער האָט גע׳ירש׳ענט פון זיין טאַטען. דער אַלטער האָט רוהיג גענומען די ציימונג אין האַנד און איהם פאָרגעלייענט אין קורצען, וואָס נעכטען איז געשעהען. דאָרטען איז געווען דערמאָהנט משה בערל׳ס נאָמען און „נאָך איין יודע אוים זאַקסען“, אַז ביידע האָבען צוליב אַ בעליידיגונג אָנגעשלאָגען פיער פויערן און אַלע ליגען קראַנק. די מיטטיילונג האָט זיך געענדיגט מיט דער בעמערקונג: „דער שלעגער איז געווען דער יודע פון זאַקסען“. דער אַלטער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט: „איך האָב אייך געהאַלטען פאַר אַ רוהיגען מענשען — עס איז דאָך נישט שען, אַז מען זאָל אַזוי שרייבען וועגען אידען“. דאַן האָט ר׳ משה בערל איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה געגוי, און ווען דער אַלטער האָט געהערט, אַז דער „זאַקסע“ האָט זיך אָבגערעכענט מיט׳ן גוי פאַר דעם בלוט־בלבול, איז ער אַנ׳אַנדערער געוואָרען. ער האָט געפרעגט, אויב אלקנה געפינט זיך נאָך אין האַלבער־שטאַדט, און געבעטען איהם ברענגען צו איהם. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אלקנה איז געווען צוזאַמען מיט ר׳ משה בערלען ביים באַנקיר אין קאַבינעט. אלקנה איז געווען לייטישער, און אריינקומענדיג האָט ער זיך פערבויגען און געזאָגט מיט אַ זאַקסישען דיאַלעקט „גוטען טאָג“ און גלייך צוגעגעבען: „איך טראָג קיינ־מאָל נישט קיין צוריסענעם בגד, מיין הערר, אָבער — —“ „עס מאַכט נישט“ — האָט איהם דער אַלטער באַנקיר בערוהיגט און האָט איהם שטאַרק געדריקט די האַנד. דאַן האָט דער אַלטער באַנקיר געזאָגט ערנסט און מיט אַנ׳אָנגענעהמען שמייכעל: „אונזערע עלטערען האָבען געטראָגען אַ געלע לאַטע צוליב זייער אי־דענטום“. אַז אלקנה און ר׳ משה בערל האָבען געזעהען זיין פרעהליך געזיכט, האָ־בען זיי פריי אָבגעאָטעמט. דער אַלטער האָט זיי געבעטען זיצען און ווייטער גע־זאָגט: „קענט איהר שעקספּיר׳ן?“ זיי האָבען נישט געענטפערט נישט יאָ און נישט ניין. כדי זיי נישט צו ברענגען אין אַ פערלעגענהייט, האָט ער שנעל ווייטער גע־זאָגט: „עס איז אַמאָל געווען אַ איד און געהייסען האָט ער שיילאָק און די קריסטען האָבען איהם אַזוי דאָס לעבען פערביטערט, אַז ער האָט צוליב נקמה געוואָלט נעה־מען אַ שטיק לעבעדיג פלייש פון זיין גרעסטען שונא — דאָס איז סתם אַ מעשה, און אפשר איז עס געשריבען געוואָרען מיט אַנ׳אַנטיסעמיטישער כוונה, אָבער מען קאָן עס בעגרייפען“. ביידע האָבען אָנגעשטעלט די אויערן, געמאַכט ערנסטע גע־

זיכטער, און איהם אריינגעקוקט אין מויל אריין. זיי האבען א ווארט נישט פער־שטאנען פון דעם, וואס ער האט געזאגט. ווייזט אוים, אז הערר כהן האט עס גע־מערקט. זיין געזיכט האט ווידער אויפגעלויכטען, ער איז אויפגעשטאנען, ארוים־גענומען פון טייסטער דרייסיג מארק און געזאגט צו אלקנה'ן: „אז א איד האט גע־וויזען אזא גבורה, טא זאל ער האבען!" אלקנה האט אויסגעשטרעקט די האנד און זי באלד צוריק־עצויגען.

„איך בין נישט קיין נצרך... איך וויל נישט..." — האט ער געשטאמעלט.

אבער דער אלטער האט איהם אריינגעשטעקט די פאפירלעך אין האנד און געזאגט:

— דאס איז א געשענקע פון א רעליגיאנס־גענאסע; קויפט צוויי אנצוגען — איהר זענט שמשון הגבור.

אלקנה האט פערלאזען הערר כהן שטאלץ און פרעהליך, געקרוינט מיט'ן נאמען „שמשון הגבור".

# ביים גראף ביסמארק

אז איך בין נאך גאנץ יונג געווען האב איך געזוכט מיין גליק אין א סך מדינות. איך בין אוועק פון מיין „בעל הבית“ און אנגעהויבען האנדלען פאר זיך. איך האב קיין שותפים נישט ליב געהאט; דער בעסטער שותף איז דאס ווייב — זי מישט זיך נישט אין די געשעפטען — און „מענשען“, יונגען, האב איך אויך נישט געקאנט אויסשטעהן. אז איך בין געווען א יונג ביי ר׳ הערצקען, האב איך פון זיינעם נישט גענומען קיין פרוטה; אנדערע האבען געהאט מעהר שכל ווי איך, און בכלל — וואס איז דער וואונדער? א „מענש“ זעהט, אז זיין בעל־הבית לעגט אריין אין דעם געפלאכטענעם האנדטוך, וואס מען רופט „בויך־גארטעל“, איין טאלער נאכ׳ן אנדערען און אליין שטארבט מען פאר א פעניג — ווי קאן מען זיך איינהאלטען, אז עס לאזט זיך? האב איך מיר געטראכט: בעסער ווייניגער פערדינען, איידער מעהר הארץ־וועהטאג; קיינער וועט דיר אין שיסעל נישט אריינקוקען און וועט דיר נישט צוטראגען אויף טעלערלעך איבער גראיעווקע. מען האט אויף מיר שטענדיג געזאגט, אז איך עס טריפה; דאס איז געווען אמת, און איך האב געשוויגען. מיין שווער האט גע׳טענה׳ט, אז איך שטעל איהם בחרפה, מיין זעלדע האט געקלאגט, אבער וואס אמת איז אמת און דו קאנסט נישט זאגען „ניין“. אבער זיי האבען אויף מיר אויסגעטראכט א שם רע, אז איך לעב מיט א גויה און אז זי האט פון מיר קינדער — דאס איז גראיעווא און נישט אומזיסט האב איך איהר אזוי פיינד! איך זאל אפילו לעבען טויזענד יאהר און עס זאל מיר אויסקומען צו זיין אין פראסטקען, וועל איך מעהר קיין גראיעווקע נישט קומען. אנטקעגען וואס זאג איך עס? אנטקעגען דעם, וואס איך האב קיינמאל קיין שותפים און קיין „מענשען“ נישט געהאט, וואס איך האב געטהון האב איך געטהון מיט מיינע צעהן פינגער, און גאט צו דאנקען, איך האב געמאכט שווער געלד. די פאסקודנע דזשענטשארעס האבען מורא געהאט צו געבען סחורה אויף בארג ווי פאר א מכה אונטער׳ן ארעם, און איך האב גראד גענעבען אויף בארג. איך פלעג צאהלען די פאבריקען פינקטליך און איך בין געווען עהרליך — דאס בין איך היינט אויך — ברוך השם. כ׳האב געוואוסט, אז דער פויער איז עהרליך און מען קאן איהם געבען „חנוני“ אויף בארג. ר׳ הערצקע האט געזאגט, אז ער גלויבט נאר אין גאט; איך אבער האב געגלויבט מענשען אויך, און אז איך האב געגעבען אויף בארג, האב איך פערשפארט ארומצוואגלען איבער

די דערפער און הויפען יעדע וואך. איך פלעג זיי אנגיסען מלא אלע פעסלעך און בלעכען, אז זיי האבען זיך געהאט צו האלטען דריי פיער חדשים, און איך פלעג קומען יעדען חודש אויפמאהנען די חובות. דעריבער האב איך געהאט צייט זיך אוועקצולאזען טיפער איבער מיין מדינה און, זייענדיג ווייט פון מייסען האב איך נישט געהאט וואס מורא צו האבען פאר קאנקורענטען. מיר איז איינגעפאלען א נייע המצאה: צו וואס דארף איך זיך שלעפען אין ווייטע מדינות מיט'ן פערד און וואגען? איך פלעג זיך אוועקזעצען אויפ'ן באהן און קומען וואו איך בעדארף. דארטען פלעג איך דינגען א געשפאן ביי א פויער — דאס געלד פלעג איך איינלעגען ביים „פאגט" — איך פלעג איינקויפען אין דער ערשטער בעסטער פאבריק אלע מינים „במה מדליקין" און זיך ארויסלאזען אויף דער מדינה. איך רעד דאך דייטש ווי א געבוירענער גוי און איך לעב דאך צווישען זיי פון מיינע אינגעלשע יאהרען אן, אבער קומענדיג מיט די „חנוני", פלעג איך זיך מאכען פאר אנ'עם הארץ אין דייטש און זאגען, אז איך קום פון רוסלאנד, און אז מען קומט פון רוסלאנד איז דאך די שמיער אויך רוסישע, און פאר רוסישע שמיער פלעגען זיי נאר פערכאפט ווערען. איך פלעג ארויפגיסען אביסעל שמיער דעם פויער אויפ'ן שפיץ פינגער און פלעג איהם בעווייזען, אז די שמיער איז אזוי פעט, ווייל ס'איז רוסישע.. בקיצור, דאס, מיט וואס די יונגע פאטשען זיך איצט אין בייכעל, האב איך שוין איינגעפיהרט מיט איבער דרייסיג יאהר צוריק. נאר איך האב אלץ געמאכט אהן טאראראם און קיינעם א טשוואק נישט דערצעהלט. קיין דזשעגטשאר האט נישט געוואוסט. אז איך גיב אויף בארג, זאגאר אין די ווייטע מדינות — זיי וואלטען דיר די וועלט מיט שמיער פערפלייצט און די פויערען מלא געמאכט אויף א גאנץ יאהר. איך פלעג נעהמען אנדערש ווי אלע, נישט נאר זילבער־געלד, נאר אויך פאפיר־געלד, אבי געזונד, און איך האב געמאכט עסקים גאנץ גוטע. אנטקעגען וואס זאג איך דאס? אנטקעגען דעם, וואס איך פלעג קומען ביז סאמע עק דייטשלאנד, און נישט ווי די אנדערע, וואס האבען נישט ארויסגעשטעקט די נאז פון זייערע מדינות.

אין איין שענעם טאג, איך געדענק עס אזוי ווי היינט וואלט עס געווען, פאהר איך דיר פארביי א הויף, וואס איך האב נאך אזא אין מיין לעבען נישט געזעהען. אז יעקע ארבייט דיר אוים א שטיקעל באדען, איז עס אויסגעארבייט ווי יעקע קאן: די בוימער שטעהען גלייך אין שורות, די בייטען קאנסטו מעסטען מיט א סטרונע, אלץ איז גרין, אלץ איז פריש, און די דעכער רויט און די וועגלעך בעצייכענט מיט בעקאלכטע שטיינער — דאס קאן נאר יעקע. אט אזוי קוקענדיג, דערזעה איך ווי ס'פאהרט ארוים א קארעטע מיט דריי פערד — דאס וואס מען רופט אין רוסלאנד „אנ'אדלער" — האב איך געוואוסט, אז איך בין נעבען א רייכען הויף.

איך בין מיר רוהיג פערפאהרען אין פאדוואוזש. עס האבען זיך ארומגעדרעהט א סך משרתים, מען האט ארויסגעפיהרט פערד פון שטאל, מען האט געטראגען היי צו די בהמות און פאראבקעס זענען אריין און ארוים פון די שטעלער.. געהט צו מיר צו דער פערוואלטער און אז ער האט געזעהען מיין סחורה, האט ער גערופען דעם שטאלמייסטער, זיי האבען געריבען צווישען די פינגער די שמיער, געשמעקט און געקוקט, און אזוי ווי ס'איז זיי שטארק געפעלען געווארען, האבען זיי ביי מיר געקויפט פופציג ליטער. מען האט מיך אריינגערופען אין ביורא, געמאכט מיט מיר א חשבון און בעצאהלט ביז א פעניג.

אט אזוי ווי איך שטעה אין ביורא, קומט אריין אנ'אלטער מאן — ווייזט אויס, ער איז ארוים פון א שטאל, ווייל זיינע שטיוועל זענען געווען בעשמיצט מיט פערדישע מיסט. ער האט, ווייזט אויס, זיך געכאפט, אז איך בין נישט קיין דייטש.

— פאָן וואַהער זייד זי דען, יונגער מאַן? — האָט ער מיך געפרעגט.

— רוסע, הערר פאָגט — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ ווייַלע געשוויגען.

— ליבען זי רוסלאַנד? — האָט ער מיך געפרעגט און געשמייכעלט.

— איך ליב דייטשלאַנד — האָב איך געענטפערט.

ער האָט געלאַכט. דער בעאַמטער אין ביוראָ האָט מיטגעלאַכט. איך האָב וואָס אַנ׳אמת געמיינט, אַז ער האָט מיך ריכטיג נישט פערשטאַנען, האָב איך איי־בערגע׳חזר׳ט מיינע ווערטער. דער אַלטער האָט מיר אַ קלאַפּ געטהון אויפ׳ן פּלייצע און געזאָגט:

— זי זייד אַ בראַווער קערל, יונגער מאַן.

און דאָס זאָגענדיג, האָט ער אַרויסגענומען אַ ציגאַר און מיר געגעבען. די ריכטיגקייט געזאָגט, האָב איך קיינמאָל נישט גערויכערט, אָבער זעהענדיג אַזאַ שענעם ציגאַר, האָב איך נישט געקאָנט נישט נעהמען. איך פלעג שטענדיג קריגען פון די גוטבעזיצער ציגאַרען און מיין קרעטשמער פלעגט מיר געבען פאַר יעדען ציגאַר אַ גלאַז העל ביער.

— ווילען זי נישט רויכערען יעצט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— פאַר זאָנטאַג, הערר פאָגט, דאַנקע, — האָב איך גלאַט אַראָבגעזאָגט. איך האָב אָבגעריסען אַ שטיקעל פּאַפּיר פון אַ צייטונג, וואָס איז געווען אויפ׳ן פענס־טער, איינגעוויקעלט דעם ציגאַר און פאָרזיכטיג אַריינגעלעגט אין בוזעם־קעשענע פון וועסטעל.

איך בין אַרויס און נאָך מיר דער אַלטער. אַז מיין וואָגען האָט זיך אַ ריהר געטהון, האָב איך אַראָבגענומען דאָס היטעל און פון קאָזיאָל אַראָבגעשריגען: „אויף ווידערזעהען!“ ווי ס׳דאַרף צו זיין. דער אַלטער, אַזוי ווי דו זעהסט מיך לעבען, האָט אויך אַראָבגענומען דאָס היטעל, ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו מיר און געזאָגט:

— אָבער ראַוכערען זי די ציגאַר מיט פערנונפט, דאָס האָט איהנען גראַף ביסמארק געגעבען.

איך בין געוואָרען איבערראַשט. איך האָב געמיינט, אַז איך פאַל אַרונטער פון וואָגען. ביז איך בין צו זיך געקומען, איז ער שוין געווען צוריק אין ביוראָ און כ׳האָב איהם שוין נישט אָנגעזעהען מעהר.

אָט דער ציגאַר איז ביי מיר געלעגען אַ יאָהר צוואַנציג. די פויערען פלעגען זיך צו מיר קלעבען ווי צו אַ גוטען אידען און קיין שום קאָנקורענט האָט מיך נישט געקאָנט בייקומען. די גויים פלעגען אַרומקוקען דעם ציגאַר — ס׳איז געווען וואָס צו זעהן — און האָבען פאַר מיר גרוים אָבשיי געהאַט. זיי פלעגען זאָגען איינער צום אַנדערען אין מיין געגענוואַרט: „מילער האָט געשפּראָכען מיט גראַף ביסמארק און פון איהם געקריגען אַ געשענק, מילער איז אַ וויכטיגע פערזאָן״.

אַז איך בין געקומען אין יענעם יאָהר קיין גראַיעוואָ צו זעלדען, האָב איך מיטגענומען דעם ציגאַר. איך האָב געמיינט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט שטעהן אין דער רייה, כדי צו כאַפּען אַ בליק אויף ביסמארק׳ס ציגאַר — און איך האָב דאָך דעם ציגאַר מיטגעבראַכט, כדי זיי זאָלען פּלאַצען — נאָר די ריכטיגקייט גע־זאָגט, זענען נאָר די שכנים אַריין, אַ קוק געטהון און געשוויגען. מיין שווער, דער טפּש, האָט געשמייכעלט ווי אַ חכם און געשטאַמעלט: „אַזוי ווי יעדער ציגאַר״

— ווייטער האָט זיך קיינער נישט אינטערעסירט. עמיצער האָט אויסגעטראַכט, אַז דאָס איז סתם אַ ציגאַר און אַז איך זאָג אַ ליגען — און גראַיעווער מענשען, די טפשים, האָבען טאַקי געגלויבט, אַז ס׳איז נישט אמת...

איבער צוואַנציג יאָהר האָב איך געהיטען דעם ציגאַר, און אַז איך האָב זיך איינמאָל איבערגעצויגען אין אַן׳אַנדער דירה אין דייטשלאַנד, איז דער ציגאַר נעלם געוואָרען. איך בין חושד מיין פריהערדיגען בעל־הבית, דעם קצב עלסנער, זאָל ער געקוילעט ווערען! נאָר ביי יעקען דאַרפסטו האַלטען דאָס מויל, אויב דו קאָנסט נישט בעוויזען... ס׳איז מיר אַ שאָד, אַ געוואַלדיגער שאָד. מען זאָגט, אַז איך האָב דעם ציגאַר געקאָנט אָבגעבען אין אַ מוזעאום, וואָלט איך געקריגען אַ שלל מיט געלד, און ווער וויים צי עלסנער דער חזיר׳ניק איז נישט רייך געוואָרען פון דעם ציגאַר. ער האָט אויסגעבויט אַ צוויי־שטאָקיגע הויז אין מייסען און ער מיט׳ן ווייב זענען דיק ווי די חזירים — קאָן דאָס אַלץ זיין פון זיין יאַטקעצ? אונמעגליך, אונמעגליך — — —

# ווען דאָס לעבען איז נישט ליעב

אז עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ מלחמה, מיט דער גרויסער וועלט־מלחמה, זענען די פעך־הענדלער אין „פרייסן" און זייערע משפחות אין גראַיעוואַ אַרומגעגאַנגען ווי צומישטע. די ווייבער, וואָס האָבן אפשר איינמאָל אין אַ האַלב יאָהר געשריבן צו די מאַנען, האָבן זיך אויסגעזוכט „שרייבערס" און יעדן טאָג געשריבן. די פעך־הענדלער ווידער פלעגן גוט אויסהערן, וואָס די קרעטש־מערס לייענען זיי פון די צייטונגען, דאַן האָבן זיי צווישן זיך דיסקוטירט, צי ס'וועט אויסברעכן אַ מלחמה צי נישט. אַז ס'איז געוואָרן ערגער, האָבן זיי זיך פערזאַמעלט גרופּעסווייז — אפילו בלוטיגע שונאים — אין מאַגדעבורג און אין גערא (אויף זייער לשון „גורי אריות") און געהאַלטן אַ עצה וואָס צו טהון. דאַן איז יעדער געפאָהרן צוריק אין זיין „מדינה" און געקלערט נאָר וועגן זיך, נישט טראַכטענדיג קיין סך וועגן דעם, וואָס מען האָט אָבגערעדט צווישן זיך.

יעדער האָט געטהון ווי ער פערשטעהט. איינינגע זענען פערבליבן אין דייטש־לאַנד און זיך פערלאָזען אויף גאָט; אַנדערע ווידער האָבן געכאַפּט און אַלץ פער־קויפט, אפילו פערד און וואָגען, כדי צו פאָהרען צוריק אין גראַיעוואַ און זיך דאָרט פערלאָזען אויף גאָט; דערביי האָבן אַלע געטראַכט, אַז זיי האָבן געטהון אַנ־דערש ווי זיי האָבן געדאַרפט טהון. די יונגע זענען אַלע געבליבן אין דייטש־לאַנד. אַלע פעך־הענדלערס, אפילו די נאַרישסטע האָבן געוואוסט, אַז מען מאַכט מלחמות, ווייל די שררות ווילען גרעסער ווערען. אַז זיי האָבן געזעהען די בע־גייסטערונג פון די דייטשען, גרויס און קליין, האָבן זיי געשטוינט: ווי קאָן מען זיין אַזוי בעגייסטערט פאַר'ן טויט? וואָס פאַר אַ אינטערעס האָבן די נאַרישע מענשען צו געהען איבער די גרעניץ און הרגענען מענשען ווי זיי, וואָס קימען אויך פון ערגעץ וואו, פון זייער לאַנד?

און די, וואָס זענען געקומען קיין גראַיעוואַ עטליכע טעג פאַר'ן אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן ווידער געטראַכט די זעלבע מחשבות אויף דער זייט גרעניץ. קומט אַ אידענע און פרעגט אַ נייגעקומענעם, צי איהר מאַן האָט איהר געפאָלגט און וועט אויך קומען, וויצעלט יענער זיך: „ער וויל דוקא האַלטען מלחמה מיט מיר". אָט דער טעם פון ליצנות, אויסגעמישט מיט טיפען וועהטאָג, האָט אַרומ־גענומען גאַנץ גראַיעוואַ, פון רב ביז דעם וואַסער־טרעגער. מאָרגע מענשען זענען די גרעניץ־מענשען. זיי לעבן אונטער איין הימעל מיט די מענשען פון צווייטען לאַנד, און אין אמת'ן געזאָגט פערשטעהען זיי נישט ריכטיג, וואָס עס הייסט דאָס

פּאַטערלאַנד און יענץ פאַטערלאַנד. יעדער ענטוויקעלט פאַר זיך לויט זיין שכל,
נאָך זיין אויסדרוקס=קראַפט אונגעפעהר אַט די פראַגען: צי איז גראַיעווער ערד
אַנדערש ווי פּראַסטקענער ערד? און וואָס איז די קראַפט, וואָס ברענגט די מענ־
שען פון דער זייט גרעניץ, אַז זיי זאָלען ליעב האָבען דאָס גרויסע לאַנד רוסלאַנד
נאָר ביז'ן גרעניץ־קייט פון גראַיעוואַ, אויף אַ האָר נישט מעהר? די מענשען פון
ביידע זייטען גרעניץ זענען אַזוי איינגעלעבט צווישען זיך, אַז זיי בעגרייפען נישט
ריכטיג, וואָס דאָס איז נאַציאָנאַלער ענטוזיאזם און ווי אַזוי מען קאָן אַרוים מיט
אַ שווערד, פשוט מיט אַ גרויסען מעסער, און וועלען שעכטען מענשען. דאָס פאָלק
אין לאַנד ערציהט מען אַזוי — פאַר איהם איז דאָס צווייטע פאָלק אַ שונא, עפּים
אַ פרעמדע ראַסע, אַ גאַנץ ווייטע, וואָס וויל איהם איינשלינגען אָבער דעם גרע־
ניץ־מענשען קען מען נישט פערבלענדען און מיט קיין שום חכמה, מיט קיין שום
לעהרע אין בעווייזען קען מען איהם נישט ברענגען דערצו, אַז ער זאָל בערעכטיגען
די ערלויבטע מענשליכע שחיטות.

און די פעך־הענדלער זענען דאָך אַלע גרעניץ=קינדער. די ווינדעלעך פון
גראַיעוועער קינדער זענען געמאַכט פון לייוועגט, וואָס מען קויפט אין דעם דייי־
טשען פּראַסטקען, און די מילך מיט די פּוטער, וואָס די קינדער אין פּראַסטקען
עסען און טרינקען, איז דאָך פון די קיה פון גראַיעוואַ און פון די אַרומיגע דערפער.

ווען די פעך־הענדלער זענען געקומען אַהיים אַ פּאָר טאָג פאַר תשעה־באב
און זיי האָבען דערזעהען דאָס פיעל מיליטער מיט די ביקסען און האַרמאַטען,
זענען זיי דערשראָקען געוואָרען. ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ האַרץ צו פערלאָזען
זייער בני־בית אין אַזאַ צייט, וואָלטען זיי זיך זיכער באַלד אויפן אָרט אומגע=
קעהרט קיין דייטשלאַנד, אַהין, וואו מען האָט טאַקי אַ סך גערעדט וועגען מל־
חמה און וואו זיי האָבען טאַקי געזעהען אַ סך מיליטער, אָבער אַלע האָבען גע־
בלאַנקט, אַלע זענען געגאַנגען אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטערס, אַזוי ווי מען
געהט אין אַ יום־טוב־טאָג אָדער אין אַ געבורטס־טאָג פון אַ מיטגליד פון קעניג־
ליכען הויז. קיין איין שאָס האָט מען נאָך נישט געהערט, מען האָט נאָך נישט
געזעהען קיין שום פונק פייער, אָבער פון יענער זייט, פון דער דייטשער זייט, האָט
מען שוין געפיהלט דעם ריח פון פולווער און צו אָווענד צו, אַז דער הימעל ביי
דער גרעניץ האָט זיך געראויטעלט, האָט דאָס אַנגעוואָרפען אַ טויט־שרעק אויף
יעדען איינעם. די פעך־הענדלער זענען געזעסען מעהר אין בית־מדרש, ווי אין דער
היים: דאָרט האָבען זיי געהערט פון דער ערשטער קוועלע, פון די גבירים, וואָס
האָבען געלייענט צייטונגען, די לעצטע נייעס, און עס האָבען זיך אויך געפינען
בית מדרשתבחורים, וואָס האָבען פאָרגעלייענט פאַר זיי די טעלעגראַמען. ווען
מען האָט פאָרגעלייענט פאַר זיי די שענע רייד פון דעם אָדער יענעם מיניסטער
וועגען דער שטרעבונג צו שלום אָדער דער ליבע צו שלום, איז זיי לייכטער גע=
וואָרען איפ'ן האַרצען — זיי האָבען געגלויבט, געגלויבט אין אַלץ,
וואָס גרויסע פּאָליטיקער האָבען געזאָגט, און אַזוי ווי די גרויסע פּאָליטיקער האָ־
בען אין יענע טעג גערעדט אַזעלכע שענע, ריכטיגע רייד, האָבען זיך די פעך־
הענדלער געפרעגט: אויב אַזוי, וואָס זשע טויג אַט דאָס גאַנצע שפּיל מיט לעד־
בעדיגע זעלנער?

נאָך וואָס האָט מען געבראַכט אַהער אַזוי פיעל מיליטער־לייט
אין פולער בעוואָפנונג, און פאַרוואָס מושטירען זיי זיך כסדר אויף יענער זייט
פון בית־הקברות? זיי האָבען אויך געהאַט צער דערפון, וואָס עס איז צעשטערט
געוואָרען די קוועלע פון זייער פרנסה אין דייטשלאַנד. זיי האָבען געהאַט אַ סך
[illegible]אָדען אין דער סחורה, זיי האָבען פערקויפט פאַר גראָשענס פערד און וואָגען.

און זענען געקומען אהיים, ווי זיי וואָלטען גלאט געקומען זעהען דאָס מושטירען פון זעלנער. אָבער ווי זיי זענען נאָר אַרויס פון בית־מדרש און דערזעהען די קאָזאַקען און די האַרמאַטען און די פעלד־קיכען, האָבען זיי ווידעראַמאָל דער־שפירט דעם ריח פון פולווער און דאָס האַרץ איז זיי אַנטפאַלען אַזוי ווי פריהער.

און די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. פרייטאָג האָבען זיך נאָך גראַיעווער סוחרים אומגעקעהרט פון יענער זייט גרעניץ און שבת אין דער פריה, איידער ס'איז נאָך ערקלערט געוואָרען דער קריעג, האָבען שוין אין גראַיעוואַ די רוסען פערברענט די באַהן־סטאַציעס — ס'איז מ ל ח מ ה. ווי נאַאיוו זענען די גרע־ניץ־מענשען! זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס איז די מלחמה. זיי האָבען פערלאָזען די הייזער, איינגעפּאַקט אין געמויערטע קעלערס דאָס בעטגעוואַנד און וועש, און זיי האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין די גאַסען און מיט שרעק געקוקט אויף די רויך־וואָלקענס, וואָס האָבען זיך גצויגען פון באַהן־גאָס. ביי יעדען דינאַמיט־אויפ־רייס האָבען זיי געמיינט, אַז ס'איז אַנ'עק פון דער וועלט... אָבער דעם ריכטיגען טעם פון מלחמה האָבען זיי אָנגעהויבען פיהלען ערשט אין עטליכע טעג אַרום, ווען מען האָט אָנגעהויבען שיסען פון אַלע זייטען און קוילען און גראַנאַטען זענען געפאַלען אויף די גאַסען און אין די הייזער.

דאָן איז גראַיעוואַ שוין געווען כמעט אינגאַנצען לעדיג, ס'זענען בלויז גע־בליבען די אָרימע לייט, ווייל ווער ס'האָט נאָר געהאַט עפּעס געלד איז אַוועק קיין ביאַליסטאָק, אַרום און אַרום, דורך לאָמזשע. פון די פעך־הענדלערס, וואָס זענען צוריקגעקומען קיין גראַיעוואַ, איז קיינער אין שטעדטעל נישט געבליבען. זיי האָ־בען געבראַכט פון דייטשלאַנד אַ ביסעל מזומן געלד, זענען זיי געווען רייכער ווי די גרעסטע גבירים, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט טייכען אין דייטשלאַנד און מיט וועלדער אין רוסלאַנד און ביים אויסברוך פון דער מלחמה זענען זיי געבליבען אָהן אַ גראָשען.

צווישען די היימלאָזע פעך־הענדלער אין ביאַליסטאָק איז געווען ישראל משה מיט זיין פאַמיליע, זעליג אָקס מיט זיין הויזגעזינד און אויך זעלדע, אלקנה'ס ווייב. זעלדע האָט געהאַט אַ שפּאָר־ביכעל פון דער פּאָסט — עטליכע הונדערט רובל — און פון דעם האָט זי קיין איין פּרוטה נישט אָנגעזעהען, נאָר אויסערדעם האָט זי געהאַט אַ „קניפּעל" מיט עטליכע הונדערט רובל מזומנים, וואָס זי האָט זיי געטראָגען אויפן האַרצען שטענדיג, ווי אַ קמיע (נאָכדעם ווי אלקנה האָט זיך איבערגעבעטען מיט איהר, פלעגט ער איהר שיקען שעהן צום לעבען), און דאָס זעקעלע געלד האָט איהר געראַטעוועט. יאָ, ממש איהר געראַטעוועט, ווייל אין דער שטוב אין באָד־גאָס, וואו זי האָט געוואוינט, איז אַריינגעפאַלען אַ באָמבע און ס'איז פון דער שטוב קיין זכר נישט געבליבען. מאיר לאה'קעלעס האָט אָנ'־אימגליק געטראָפען: דאָנערשטאָג, דריי טעג איידער די מלחמה איז אויסגעבראָ־כען, איז ער געקומען פון דייטשלאַנד קיין גראַיעוואַ, און איידער ער האָט זיך ענטשלאָסען צו לויפען קיין ביאַליסטאָק, האָט איהם עמיצער געמסרט, אַז ער איז אַ שפּיאָן, האָט מען איהם אַרעסטירט און אין קייטען פערשיקט צוזאַמען מיט דייטשען פון אָסט־פּרייסען, און אַ לאַנגע צייט האָט מען נישט געוואוסט צי ער לעבט, צי ער איז געשטאָרבען.

דאָן האָט זיך אָנגעהויבען די ביטערע צייט — נישט פאַר די פעך־הענדלער אַליין, נאָר פאַר אַלע היימלאָזע: מענשען, וואָס זענען נעכטען געווען גבירים, זענען געוואָרען יורדים. ממש אָרימעלייט, און געדאַרפט אָנקומען צו קצבה, ווער ביודעים און ווער בלא יודעים. אַזוי איז דער גראַיעווער איד, וואָס איז געווען אַ יחסן, ווייל ער האָט געהאַט דעם „שליסעל פון גרעניץ", געוואָרען מיאוס און

פערא̈כטעט, ווי א̈רימע מענשען. אז מען הא̈ט זיך א̈ביסעל צוגעוואוינט צום מלחמה־לעבען, זענען א̈ סך געפא̈הרען צוריק קיין גראיעווא. דא̈רט הא̈בען זיי פערקויפט די סא̈לדא̈טען ברויט מיט טיי און פא̈פירא̈סען, און איינינע גראיעווער אידען זענען זא̈גא̈ר רייך געווא̈רען. זיי הא̈בען טא̈קע שטענדיג געלעבט אין אימה פא̈ר די קא̈זא̈קען און סיבירא̈קעס, א̈בער זיי הא̈בען זיך ערנעהרט. בלויז פון די פערד־הענדלערס איז קיינער נישט צוריקגעקומען, ווייל זיי הא̈בען מורא געהא̈ט פא̈ר א̈ מסירה. זיי הא̈בען דא̈ך זייער גא̈נצען לעבען א̈פגעלעבט אין „פרייסען", קען דא̈ך א̈ ליא̈רע הונד זיי א̈ בים מהון, א̈ז זיי זא̈לען הא̈בען מא̈יר קא̈ה'קעלעס סוף. זיי זענען געבליבען אין ביא̈ליסטא̈ק און פון זיך דא̈ס לייב געגעסען. לכתחילה הא̈בען זיי געמיינט, א̈ז די מלחמה וועט דויערן בלויז עטליכע וואכען. אויב די רוסישע א̈רמעע כא̈פט א̈זוינע קלעפ, קען עס דא̈ך נישט מעהר אויסהא̈לטען ווי א̈ חודש. א̈בער א̈ז ס'איז א̈זוי א̈ריבער איינס, צוויי מא̈נא̈טען און די מלחמה הא̈ט זיך א̈לץ מעהר צופלא̈קערט, הא̈בען זיי מעהר נישט נעגלויבט, א̈ז זי וועט זיך א̈זוי שנעל ענדיגען. די גא̈נצע וועלט איז טא̈קע געגען די דייטשען, א̈בער ווער קען א̈זוי די פרייסען, ווי די פערד־הענדלער! זיי זענען עקשנים, די דייטשען, עמלקים, זיי ווילען אונטערגעהן, א̈בער פריהער ווילען זיי די וועלט חרוב מא̈כען. ווייל די ביא̈ליסטא̈קער אידען הא̈בען גוט געדענקט דעם פא̈גרא̈ם, הא̈בען זיי געוואלט, א̈ז דער דייטש זא̈ל זיגען. דא̈, אין ביא̈ליסטא̈ק, וואס קיינער הא̈ט נישט געוואוסט פון זייער מלאכה (וואס איז געווען פערמיאוסט) פלעגען זיך די פערד־הענדלער א̈ריינמישען אין די צופלא̈קערטע דיסקוסיעס אין בית־מדרש, און זיי הא̈בען שטענדיג געזא̈גט: „אויב פרייסען וועט חס ושלום זיגען, וועט די וועלט חרוב ווערען". אין איין שענעם זומערטא̈ג, באלד אינדערפריה, הא̈בען זיך פלוצלינג אויפ'ן קלא̈רען הימעל בעוויזען זיבען א̈ערא̈פלא̈נען, וואס הא̈בען בעשא̈טען די שטא̈דט מיט בא̈מבעס. ישראל משה איז דא̈ן געווען אין דער גרייסער שוהל (אין ביא̈ליסטא̈ק איז ער געגא̈נגען דריי מא̈ל א̈ טא̈ג דא̈ווענען) און ער הא̈ט זיך בע־הא̈לטען מיט נא̈ך אידען נעבען ארון קודש. פלוצלונג איז א̈ריינגעפא̈לען א̈ בא̈מבע אין איינגא̈נג פון שוהל און הא̈ט אויפגעריסען. א̈ז זיי הא̈בען זיך א̈ ביסעל בערו־היגט, הא̈ט ישראל משה געזא̈גט: „א̈ן איך הא̈ב שטענדיג געזא̈גט, א̈ז איהר ווייסט נישט וואס „יעקי" איז, ימח שמו זא̈ל ער ווערען! אויף ציווילע מענשען ווא̈רפט מען בא̈מבעס, זייער מפלה זא̈ל עס זיין!".

א̈ז די בהלה איז פא̈רביי און ישראל־משה איז א̈רוים אויפ'ן גא̈ס און גע־הערט, א̈ז עס זא̈לען הא̈בען געפא̈לען ביי הונדערט פערציג מענשען, און דערונטער איך פרויען, איז ער געווא̈רען אויפגעקא̈כט. ער איז געלא̈פען פון איין פערד־הענדלער צום א̈נדערען, געשא̈לטען מיט טויטע קללות עמלק'ן און יעדען דייטש. וואס הא̈ט איהם א̈מא̈ל פערטשעפעט אין לעבען. דערמא̈נענדיג זייערע נעמען, פלעגט ער צוגעבען: „דער איז אויך א̈ רשע מרושע... און דער איז א̈ כלב מדאוריתא..." ער הא̈ט זיך דערמא̈נט אין א̈לע עוולות, וואס מען הא̈ט איהם א̈מא̈ל געטהון, און געבעטען אויף זייער מפלה.

א̈זוי איז געגא̈נגען א̈ טא̈ג נא̈ך א̈ טא̈ג און א̈ רובעל נא̈ך א̈ רובעל איז א̈רויס־געקרא̈כען פון טייסטער. ישראל־משה הא̈ט געקרעכצט: „שיינע־ברײנע, א̈ מת און א̈ רובעל, א̈ז דו נעהמסט זיי א̈רויס פון שטוב, קומען זיי נישט צוריק.. שיינע־ברײנע, דער טייסטער ווערט דינער, דיקער נישט"...

שיינע־ברײנע האט געהאלטען אין איין שפארען, אבער ישראל־משה איז אלץ נישט געווען צופרידען. „מיר וועלען בעסער אביסעל צוהונגערען — האט ער געזאגט — אבי נישט דארפען אנקומען צו מענשען". און אזוי ווי ער האט אויפגעהערט טרעפען, ווען די מלחמה וועט אויפהערען, און ער האט מורא געקריגען, אז נאך אלעמען וועט ער נאך מוזען אנקומען צו מענשען, פלעגט ער פשוט וויינען. זיין איינציגער פארגעניגען איז געווען, זיצען אין אלטען בית־מדרש און הערען דעם בריסקער מגיד; ער האט געהערט וועגען גבירים, וואס זענען געווארען ארימע לייט, וועגען הכנסת־אורחים, וועגען מאמעס, וואס האבען פארלארען זייערע קינדער און וועגען קינדער, וואס זענען געבוירען יתומים; דער עולם האט געקלאגט און ישראל־משה מיט זיי. ער האט געוויינט ווי א קינד און ס'איז איהם לייכטער געווארען. זיהן האט ער טאקע נישט געהאט, אבער א סך פון זיינע קרובים און בעקאנטע זענען געגאנגען אין דער מלחמה, און ווער ווייס, צי זיי לעבען נאך. אפט פלעגט ער זאגען שיינע־ברײנען: „מיר האבען אזוי געוואלט שטענדיג א זוהן און ווי גוט איז אונז איצט, וואס מיר האבען נאר מיידלעך". זעלדען, אלקנה'ס ווייב, וואס פלעגט זיין א איינגעהערקע ביי איהם, האט ער אויך געזאגט: „איהר דארפט זיך אסור נישט ערגערען, זעלדע, וואס איהר האט קיין קינדער נישט — זאלען מיר אזוי אלע געזונד זיין, ווי עס לוינט נישט אויפצוהארעווען קינדער און זיי שיקען אין פייער, אדער מען זאל אויף זיי סתם באמבעס ווארפען און אוועקהרגנען". אין יענער צייט האט אפט שוין זעלדע אליין געטראכט אזוי און זי איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי רוהיג, וואס זי האט קיין קינדער נישט. די וואס האבען זיהן, און אפילו טעכטער — אז ס'איז דא טעכטער איז דא איידעמס — האט זי בעטראכט אלס אומגליקליכע מענשען, און אנשטאט וואס שטענדיג האבען אנדערע איהר בעדויערט, האט זי יעצט אנדערע בעדויערט. ווי גליקליך זי איז, וואס זי האט נישט זייער דאגה, די גרעסטע דאגה, וואס עס גיבט — אוועקצוגעבען אייגענע קינדער צו דער שחיטה! זעליג אקס, וואס זיין יונגסטער ברודער איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען ביי די זעלנער, איז שטענדיג ארומגעגאנגען אזוי ווי אהן א קאפ און יעדען גענעראל, יעדען אפיציר האט ער בעגלייט מיט קללות. ער האט געשלאגען אי די רוסען אי די דייטשען. ער האט די גאנצע וועלט געשאלטען און אויך געגען רבונו של עולם געטענה'ט. צי קען עס זיין, אז מלכים האבען הערצער, אויב זיי מאכען מלחמות? און אויב גאט אין הימעל איז שטענדיג גערעכט — איז דען דאס א גערעכטיגקייט, וואס אונשולדיגע מענשען לעגען זייער קאפ און רוסישע גענעראלען און פולקאווניקעס און אפיצירען מכל המינים זאלען לעבען א גוטען טאג אין ביאליסטאק, אין די שענקען און אין ריץ־האטעל און אין אלע פרעהליכע הייזלעך? נישט איינמאל האט ער זיך צעווערטעלט מיט ישראל־משה'ן צוליב דעם מגיד.

— דער מגיד פארענטפערט דעם רבונו של עולם ,אז די וועלט איז זינדיג— פלעגט זעליג אקס זאגען. — דער רבונו של עולם דארף נישט האבען קיין אדוואקאט, און ער פרעגט מיך נישט קיין עצות, אבער ס'איז דאך קלאר ווי דער טאג אז אויפ'ן שלאכטפעלד געהען נישט די רשעים, נאר די אונשולדיגע שאף. וואס האט, למשל, אזא אינגעל ווי מיין ברודער געזינדיגט? אדרבה ואדרבה, זאל עס מיר דיין מגיד ערקלערען.

ישראל־משה פלעגט שווייגען. אפשר איז ער גערעכט — האט ער זיך גע־

טראכט — און אפשר נישט. אז ער האט געהערט צווישען מנחה און מעריב דעם מגיד, האט ער גיוואוסט, אז זעליג אקס איז נישט גערעכט. כאטש ער האט נישט אלץ פערשטאנען, וואס דער מגיד האט גיזאגט.

די נאכט, וואס די דייטשען האבען איינגענומען ביאליסטאק, ווען אלע עקען שטאדט האבען געברענט און די הארמאטען האבען געקלאפט, אז די האר האבען זיך געשטעלט קאפויער, איז ישראל־משה געשטאנען אין א ווינקעלע פון א קע־לער, וואו אלע איינוואוינער פון הויז האבען זיך פערזאמעלט, און האט געטראכט מיט קנאה וועגען די פעד־הענדלער, וואס זענען געבליבען אין דייטשלאנד. זיי האבען שוין געוויס פערנומען אלע „מדינות", זיי זענען מסתמא פאדראטשיקעס ביי דער רעגירונג און לעבען זיך אין א מדינה, וואס דער שונא האט קיין איין אייל פון איהר נישט פערנומען. יעדען שטארקען באמבע־אויפרייס האט ישראל־משה בעגלייט מיט קללות: „דאס איז א פרייסישער, ימח שמו... דאס איז עמלק, אין דר׳ערד אריין..."

אין דערפריה, אז די דייטשען זענען אריין אין שטאדט, זענען די פעד־הענדלער געווען מלא שמחה. די פרייסען, די בעל־גאוה׳ס, האבען זיי פיינד גע־האט ווי פריהער, אבער אז א מענש האט קיין ברויט נישט, האט ער נאר איין פערלאנג: ברויט. איצט האבען זיי געהאפט, אז זיי וועלען קענען באלד פאהרען צוריק קיין גראיעוואָ און פון דארט וועלען זיי זיך אריינקריגען קיין „פרייסען", יעדער צו זיין „מדינה", צו זיינע פויערן, און זיי וועלען ווידער וויסען דעם טעם פון צו פערדינען א גראשען. זיי האבען געזעהן א אצבע אלהים, גאט׳ס האנד, אין דעם, וואס די דייטשען זענען אריין אין ביאליסטאק; ווען עס וואלט געהן חס ושלום אזוי א יאהר, וואלטען זיי אלע געדארפט אנקומען צו קצבה.

לכתחילה האט אלץ געקלאפט. מען האט זיי טאקע באלד נישט געלאזען פאהרען צוריק קיין גראיעוואָ, נאר אין א חודש ארום האט מען געגעבען די ערש־טע ערלויבנישען, און ישראל־משה איז געווען צווישען די ערשטע. זעליג אקס האט דוקא געוואלט פאהרען דירעקט פון ביאליסטאק קיין מאגדענבורג. דעם אפי־ציר אין דער קאמענדאנטור האט ער געוויזען א רעכנונג פון אנ׳אייל־פאבריק אין מאגדענבורג, און אז יענער האט זיך נישט צופרידענגעשטעלט מיט דעם, האט ער איהם אויסגערעכענט א רייהע נעמען פון גאסען אין מאגדענבורג און פון דערפער אין דער אומגעגענד, אבער דאס אלץ האט גארנישט געהאלפען. און אז ער איז געגאנגען יעדען טאג און האט גארנישט געמאכט, האט ער געוואלט זעהען דוקא דעם קאמענדאנט אליין. דער סוף איז געווען, אז מען האט איהם אנגענומען פאר׳ן קאלנער און אראבגעווארפען פון אלע טרעפ. האט ער געזעהן, אז ס׳איז גארנישט צו מאכען, איז ער געפאהרען, ווי אלע, צוריק קיין גראיעוואָ.

די פעד־הענדלער האבען געמיינט, אז קומענדיג צוריק קיין גראיעוואָ, הערט אויף די מלחמה. אפילו די שווארץ־זעהערס האבען אזוי געמיינט. אין דער אמת׳ן אבער האבען זיך ערשט איצט אנגעהויבען די ביטערע צייטען, וואס די ביאליסטאקער צייט איז געווען גאלד אנטקעגען זיי... דער לעצטער גראשען איז אויסגעגאנגען, דער טייסטער איז געווען ליידיג, אזוי ווי א לעבערדיגער זאק, דער דייטש האט די לעבענסמיטלען צוגענומען, און וואס נישט? אפילו די קליאמ־קעס פון די טירען. דאס גאנצע שטעדטעל האט געהונגערט. א האלב שטעדטעל איז אנגעקומען צו מענשען און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאל געבען. מען איז גע־

שטאַנען אין דער רייה צו קריגען אַ לעבעל גראָבע ברויט אָדער אַ פונט צוקער, און ווען מ'איז אויסגעגאַנגען דאָס לעצטע, האָט טאַקע צוגעהונגערט. צווישען די הונגעריגע זענען געווען די פעך־הענדלערס אַלע. זיי האָבען פערקויפט וואָס זיי האָבען געהאַט אין שטוב, כלים און בגדים, די ווייבער האָבען פערקויפט די גאָלדענע קייטען און די בייטשען פערל, און דער דייטש האָט זיך גאָרנישט גע־קימערט וואָס דאָס זענען מענשען, וואָס האָבען זייער גאַנצען לעבען פערבראַכט אין דייטשלאַנד. ער האָט זיי בשום אופן נישט געוואָלט געבען קיין ערלויבניש צו פאָהרען צוריק קיין דייטשלאַנד. „איהר דאַרפט געהן: אין לודזש־באַד און נישט קיין דייטשלאַנד" — האָט זיי דער קאָמענדאַנט אויסגעלאַכט. „מיר קענען יעק'ען גאַנץ גוט" — האָבען זיי זיך געזאָגט און געשאָלטען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

ישראל־משה און זעליג אקס האָבען געקריגען קצבה און פאַר גרויס חרפה און וועהטאָג זענען זיי פון טאָג צו טאָג עלטער געוואָרען, עלטער און שוואַכער. „מילא — האָבען זיי געטענה'ט — די אַנדערע דאַרפען ליידען. אָבער פאַרוואָס קומט עס אונז? מיר זענען געזעסען אין אַ גאָלדענעם לאַנד, און אין איין שענעם פריהמאָרגען זענען מיר משוגע געוואָרען און זיך אומגליקליך געמאַכט אויפ'ן גאַנצען לעבען". און נאָכמעהר איז געווען גרויס דער וועהטאָג, ווען מען האָט פון צייט צו צייט געקריגען בריעף פון דייטשלאַנד און די דאָרטיגע פעך־הענד־לערס, כמעט אַלע געוועזענע יונגען, האָבען אָנגעהויבען שיקען אַהיים עפעס געלד... ישראל־משה איז כמעט פון זיניען אַראָב. חאַצקעל שיקט געלד אַהיים, און ער, זיין בעל־בית, איז געשוואָלען פאַר הונגער, ווערט אויסגעריסען פאַר קעלט און געהט אַרום אָבגעריסען און אָבגעשליסען!

און אַזוי איז אַריבער אַ חודש, צוויי, דריי, אַ גאַנץ יאָהר — קען עס טאַ־קע אַזוי אָנהאַלטען נאָך חדשים? — אָבער ס'האָט אָנגעהאַלטען, די מלחמה האָט זיך ווייטער געצויגען.

שיינע־ברײנע איז פאַר הונגער קראַנק געוואָרען, ממש פאַר הונגער. ישראל־משה, וואָס איז געווען אין דער יוגענד אַ גבור, האָט זיך נאָך געהאַלטען, נאָר דאָס פנים איז איהם איינגעפאַלען, און דער בויך, איי דער בויך! פון איהם איז קיין זכר נישט געבליבען. בלויז דער אָבגעבליאַקעוועטער בגד, וואָס איז אויף איהם געהאַנגען ווי אַ זאַק, האָט עדות געזאָגט, אַז אַמאָל איז געווען אַ בויך...

זעליג אקס איז געגאַנגען האַקען האָלץ, ממש ווי אַ גוי, און זיין שותף איז געווען ר' אַנשעל'ס — דעם גראַיעווער גביר'ס — אַנ'אייניקעל, וואָס איז געוואָרען אָרעם ווי די נאַכט. אַנדערע פעך־הענדלערס האָבען געטראָגען וואַסער און עטליכע זענען פשוט געגאַנגען נאָך נדבות, אָבער ישראל־משה האָט נישט געקענט מאַכען קיינע פון די מלאכות — איז דען אַ וואונדער, וואָס ער האָט געהונגערט און געליטען מעהר ווי אַלע? עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז ער האָט אָוועקגעשריבען חאַצקלען און איהם געבעטען רחמים, ער זאָל איהם שיקען צעהן מאַרק. חאַצקעל האָט זיך באַלד אָבגערופען און געשיקט צוואַנציג. אַז ישראל־משה האָט געקריגען דאָס געלד, האָט ער געוויינט, אי ער אי שיינע־ברײנע! זי פאַר שמחה, ווייל זי האָט שוין לאַנג אַ ריכטיגע מטבע נישט אָנגעזעהן, און ער פאַר וועהטאָג, וואָס ער דאַרף אָנקומען צו דעם, וואָס האָט געדאַרפט שטענדיג אָנקומען צו איהם — אַזוי ווייט איז ער דערגאַנגען! „איך זאָל אַזוי לעבען, שיינע־ברײנע, אַז מען זאָל מיין לייב שניידען וועט קיין בלוט נישט געהן!" — האָט ער גע־

זאָגט און געוויינט. ווען נישט זעלדע, וואָס פלעגט אריינטראָגען אין שטוב א לעבעל ברויט און אביסעל קאַשע, וואָלטען די אַלטע אויסגעגאַנגען. זי האָט אויך דורכגעמאַכט א שלעכטע צייט, נאָר גאַנץ קורץ, ווייל אלקנה האָט איהר אָנגעהויבען שיקען געלד, ווען ער האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז זי איז צוריקגעקומען קיין גראַיעווא. זי האָט געדענקט ישראל־משה'ן צום גוטען, ווייל ער האָט איהר געטרייסט אין ביאַליסטאָק וואָס זי האָט קיין קינדער נישט. און זי איז בכלל געווען א גוטע אידענע.

און די מלחמה האָט זיך ווייטער געצויגען, און אויסגעזעהן האָט עס, אַז זי וועט זיך שוין ציהען אייביג, וועניגסטענס נאָך צעהן, צוואַנציג יאָהר, און פאַרוואָס נישט?

דער העברעאישער לעהרער האָט דערצעהלט אין בית־מדרש וועגען א מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטען דרייסיג יאָהר, און אויך דאָן איז „יעקע" געווען אינמיטען. און וועד האָט זיך געריכט, אַז די יעצטיגע מלחמה זאָל אָנהאַלטען אפילו א יאָהר? און דאָך — טאָג־טעגליך ווערען מענשען גע'הרג'עט אויף די שלאַכט־פעלדער, געהן אוים אין די שטיבער, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט, און די מלחמה געהט זיך ווייטער...

דער בית־עלמין איז גרעסער געוואָרען: אַלטע לייט זענען געשטאָרבען און קיינער האָט זיך נישט געקימערט. קינדער זענען אויסגעגאַנגען, אַזויווי אויף דער וועלט נישט געווען. דאָן איז געקומען די הישפאַנקע און האָט אויך יונגע לעבענס אוועקגענומען. זעליג אָקס איז אויך געשטאָרבען. האַקענדיג האָלץ האָט ער זיך פערקיהלט, איז אונטערגעלעגען און אָבגעשטאָרבען. זיין טויט האָט אויף ישראל־משה'ן זעהר שטאַרק געווירקט. „איצט איז געקומען מיין רייה" — האָט ער געזאָגט, קומענדיג צוריק פון דער לויה. „טפש איינער! דו וועסט נאָך לעבען און קומען צריק אין דיין „מדינה" און פיהרען ראַליע ווי אַמאָל" האָט אויף איהם אָנגעשריען שיינע־ברײנע, ליגענדיג אין בעט, פון וועלכען זי איז שוין נישט אויפגעשטאַנען. ישראל־משה האָט גאָרנישט געענטפערט. „אפשר" האָט ער א טראַכט געטהון, און ער האָט זיך אַליין געזעהן, ווי ער זיצט ווידער אויפ'ן וואָגען, אונטער'ן בויד, און חאַצקעל מיט זלמנ'ען טרייבען אָן די פערדלעך... „אפשר" — ער האָט נישט געוואַגט ארויסצורעדען דאָס וואָרט ,אָבער דורך זיין הארץ איז אדורך א וואַרימער שטראַהל. „א פרוי איז אַמאָל אַנביא" — האָט ער געטראַכט און א שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיין פאַרמעט־געזיכט.

און די מלחמה האָט זיך ווייטער געצויגען, אָהן אַנ'עק, אָהן א ברעג, און במעט אַלע האָבען שוין פערגעסען דעם טעם פון שלום־צייט.

# די לעצטע נסיעה

„דער האָט געזיגט אָדער יענער האָט געזיגט, מיר זענען די בעזיגטע", — האָט דער אַלטער ישראל משה געזיפצט, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ס'איז געוואָרן שלום. „מ י ר" — דאָס מיינט מען די פעך־הענדלער. אין די לעצטע חדשים פון דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן קריגן ריכטיגע ידיעות פון יענער זייט גרעניץ און ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס פעך־ און אייל־געשעפט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן איבער הונדערט יאָהר, איינגאַנצען צו גרונד געגאַנגען. פון די, וואָס זענען געקומען קיין גראַיעוואַ ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז ישראל משה געבליבען דער בן־יחיד. מאיר לאַה'קעלע איז פערשיקט געוואָרען אין טיף רוסלאַנד און מען האָט זיך נאָכהער דערוואוסט, אַז ער איז געשטאָרבען אין אַרכאַנגעלסק אין טורמע. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו זיין קבר איז. די אַנדערע זענען אויסגעשטאָרבען אָדער אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד און מען האָט פון זיי גאָרנישט געהערט. פון די, וואָס זענען ווידער אין דייטשלאַנד געבליבען, איז איינער געשטאָרבען אין געפאַנגענלאַגער, דער צווייטער איז גלאַט אַזוי קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. אַנדערע ווידער האָבען זיך גענומען צו אַנ'אַנדער מלאכה, אָדער זיך געגרייט צו פאָהרען קיין אַמעריקא צו זייערע קינדער. הקיצור, פון די „בעלי־בתים" איז כמעט קיין איינער נישט געבליבען און די משרתים, די יונגען, זענען געוואָרען די אדונים און פשוט רייך געוואָרען. זיי פאָהרען נישט אַרום, ווי זייערע פריהערדיגע בעלי־בתים. מיט'ן וועגעל, נאָר זיי האָבען אַ מין טאַש מיט כל המינים פּראָבקעס, מאַכען בעשטעלונגען און גיבען עס איבער די פאַבריקען.

„אַזעלכע טפּשים! — האָט ישראל משה אָפט געזאָגט זיין ווייב — זיי זאָגען אויס די פאַבריקאַנטען די נעמען פון זייערע קונדען און אין איין שענעם טאָג וועט מען זיי אַרויסטרייבען ווי די הינד". ער האָט אויך נישט געקענט פער־שטעהן, ווי אַזוי די פויערען גלויבען, אַז זיי וועלען קריגען דעם ריכטיגען אייל, אויב מען ווייזט זיי בלויז גלעזלעך מיט אַ לעק פון יעדען מין. „יעקע טפּש", פלעגט ער זיך אַליין זאָגען. נאָך מעהר האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס אלקנה האַלט זיך נאָך אויף די פיס. „ער איז שטענדיג געווען אַ גוי" פלעגט ער זאָגען שיינע ברייגען. „מיר" זענען די בעזיגטע, מיר ליגען אין דער אדמה", האָט ער געזיפצט. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבען. ער האָט געשיקט אַ בריף חאַצקלען און יענער האָט איהם געענטפערט: „עס זענען איצט אַנדערע צייטען, דאָ איז פאַר אַזוינע אַלטע מעהר קיין פּלאַץ נישטאָ". האָט ער זיך געוואָרפען און געשאָלטען:

„דער זשוליק, וואָס קען נישט אונטערשיידען פּעך פון טראָן, וואָס קען זיך נישט אפילו אויף ריכטיג צונויפרעדען מיט א גוי, אַט דער פּאַסקודניאַק וויל מיך אָבפּטר'ן מיט א פּאָר ווערטער!" האָט ער געשריבען זלמנ'ן, זיין צווייטען יונג. און יענער ווידער האָט איהם נישט געענטפערט. נאָר געשריבען זיין ווייב, וועלכע איז געווען אין גראַיעוואָ, זי זאָל איהם געבען פינף מאַרק. ישראל משה האָט איהר אין די אויגען צוריסען דעם באַנקנאָט און איהר געהייסען צו וויסען געבען איהר מאַן, אַז ישראל משה לעבט נאָך און ער וועט נאָך זוכה זיין זיינע אַמאָליגע יונגען נחבות צו געבען. האָן האָט ער געבעטען מעלדען, אַז זי זאָל שרייבען איהר מאַן אלקנה, ער זאָל איהם שיקען „פּאַפּירען". און יענער האָט זיך איבערהויפּט גאַרנישט וויפענדיג געמאַכט.

דערווייל זענען א סך פון דער יוגענד אוועק פון גראַיעוואָ קיין דייטשלאַנד; ווייל זיי זענען געווען יאָהרענלאַנג איינגעשפּאַרט אין שטעדטעל, האָט זיך אין זיי ענטוויקעלט א שטאַרקע ליידענשאַפט אַרויסצולאָזען זיך אין דער וועלט און זיי זענען זיך צופאָהרען ווער קיין דייטשלאַנד, ווער קיין פראַנקרייך און ווער גאָר קיין אַמעריקאַ. פיעל פון די, וואָס זענען געקומען קיין דייטשלאַנד, האָבען זיך גענומען צום פּעך־געשעפט, אַלס אַגענטען אָדער אויף דער אייגענער רעכענונג, און דאָס זענען געווען אַלץ בעלי־בתישע קינדער. די אויבערשטע פון שטייסעל. דער גאַנצער עסק האָט געקריגען אַן'אַנדער פּנים, און ישראל משה האָט זיך געערגערט: איצט גראָד, ווען דער פּעך־הענדלער הייסט נישט מעהר „דזשענטשאַר" נאָר „אויל־קויפמאַן". האָט זיך פאַר איהם די וועלט צוגעשלאָסען.

אָבער קיין זאַך קאָן דעם פּעך־הענדלער נישט אָבהאַלטען, אַז ער זאָל זיך נישט אומקעהרען אין זיין „מדינה". סוף סוף, נאָך א סך צרות, איז איהם געלונגען איבערצוגעהן די פּויליש־פּרייסישע גרעניץ און אוועק קיין דעסוי.

די קראַנקע שיינע ברײנען האָט ער איבערגעלאָזט ביי א טאָכטער און אַליין איז ער אוועק. די טעכטער האָבען איהם געבעטען רחמים: „טאַטע, דו ביזט אַליין און דו האָסט אין דיין לעבען גענוג דורכגעמאַכט, זיץ אין שטוב; האָסט טעכטער אין אַמעריקאַ און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיקען א ביסעל געלד, וואָס קלעקט פאַר אונז אַלע, טאָ צו וואָס זאָלסטו זיך אַרומשלעפּען איבער דער וועלט?" אָבער ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס: „מיר קענען נאָר לעבען פון אונזער אייגענער פּראַצע". ער האָט אויסגעגעבען א היבש ביסעל געלד צו קריגען די רייזע־ערלויבניש, דאָס איבעריגע געלד האָט ער מיטגענומען מיט זיך און איז אוועק.

אַז ער איז אַרויס פון דער באַהן־סטאַציע אין דעסוי און געזעהן ליִנקס דעם דענקמאָל פון מענדעלסאָנען, איז איהם דאָס האַרץ פערלאָפען און ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט. געוואוסט האָט ער, אַז מענדעלסאָן איז געווען א „פילאָזאָפישער קאָפּ" און ער האָט אין גראַיעוואָ מיט איהם זעהר שטאָלצירט; איצט, אַז ער איז געקומען און געזעהן, אַז ער איז גאַנץ געווי ווי געווען, האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער אַליין האָט זיך אויך גאַרנישט געענדערט און איז ווי געווען. ער האָט זיך פאַר שמחה צעוויינט. און דאָך איז איהם געווען ביטער, זעהר ביטער: אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכען און ער האָט פערלאָזען דעסוי, איז ער געווען גרויס און געזונד ווי א מויער, כאָטש ער איז שוין דאַן אַלט געווען, און איצט איז ער צוריקגעקומען שוואַך און צובראָכען. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט

און נישט מורא געהאט — פריהערדיגע יאָהרען האָט ער קיינמאָל נישט מורא געהאט — וואָלט ער זיך אָנגעשפּאַרט ביים צוים פון דענקמאָל און זיך אַליין צעוויינט...

ער איז געקומען אין זיין קרעטשמע „צום ווייסען בער". אויפ'ן ערשטען קוק האָט איהם דער קרעטשמער נישט דערקענט, און אַז ער האָט איהם דערקענט, האָט ער זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט און איהם באַלד דערצעהלט, אַז צוויי זיהן זיינע זענען געפאַלען „פאַר'ן פאָטערלאַנד" און איינער איז פערוואונדעט געוואָרען און מען האָט איהם אָראָבגענומען אַ פוס. אַז ער האָט געענדיגט זיינס, האָט ער זיך מיט ישראל משה'ן מעהר גאָרנישט געקימערט. פון קרעטשמער האָט ישראל-משה זיך דערוואוסט וואו חאַצקעל וואוינט, און ער האָט זיך געלאָזען געהן צו איהם. ער האָט אפילו גוט געדענקט, וואָס חאַצקעל האָט איהם געשריבען, און האָט אונטערוועגס געצווייפעלט, צי ער זאָל גאָר אַריינגעהן צו איהם, אָבער צום סוף האָט ער זיך ענטשלאָסען אויף יאָ; יענער איז יונג און די גאַנצע „מדינה" ליגט דאָך איצט אין זיין האַנד, און ער, ישראל משה, איז אַלט, אַ צובראָכענער שאַרבען — קען ער זיך נעהמען שפּילען אַ ברוגז? און אפשר האָט חאַצקלען זיין טפּשות געבראַכט, אַזוינס איהם צו שרייבען...

אַז חאַצקעל'ס ווייב האָט געזעהן אַן'אַלטען אידען זיך אַרויפגראַבלענדיג אויף די טרעפּ, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן די אָריימע לייט אין גראַיעוואָ און זי איז אפילו געווען צופרידען פון דעם. זי האָט איהם שיער געזאָגט ביים טהיר, אַז זי וועט איהם געבען אין קאָרידאָר אַ טעלער עסען, נאָר ווי ער האָט אַ זאָג געטהון „גוטען טאָג" און אַ שמייכעל געטהון, האָט זי איהם גלייך דערקענט און זי האָט זיך פערשעמט, וואָס זי האָט איהם געהאַלטען פאַר אַן'אָרימאַן. ער האָט געזעהן, ווי זי איז ערשטוינט געוואָרען, האָט ער באַלד אַ זאָג געטהון: „וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? איך וועל אייך חלילה צו לאַסט נישט פאַלען". זי האָט זיך פערענטפערט און איהם אַריינגענומען אין שטוב. דערווייל האָט זי געשיקט אַ יונגעל רופען איהר מאַן. אַז ישראל משה האָט געזעהן דעם שענעם טיש מיט'ן טישטוך, וואָס אַזוינס האָט מען אין גראַיעוואָ נישט געזעהן אפילו ביי אַנשלען דעם גביר אין די גוטע יאָהרען, האָט ער ביטער צו זיך אַליין גע-שמייכעלט: איז דאָס אַלץ חאַצקעל'ס? געלד מאַכט אפילו אַ יונג פאַר אַ פריץ... נישט פערגענדיג, האָט ער אַליין געעפענט די טהיר פון שלאָפצימער און האָט זיך דערשראָקען, זעהענדיג ביידע צוגעטשעפּעטע בעטען און די שאַפע מיט'ן געשליפענעם שפּיגעל אין טהיר. „אייגענטליך איז דאָס אַלץ פאַר מיין געלד — מיינע קונדען און מיין געשעפט האָבען איהם רייך געמאַכט", האָט ער געקריצט מיט די ציינער.

אַז חאַצקעל איז געקומען, האָט ישראל משה געוואָלט איהם אַרומנעהמען און זיך קושען מיט איהם, אָבער חאַצקעל האָט זיך אויסגעדרעהט, דאָס האָט ישראל-משה'ן זעהר בעליידיגט, אָבער ער האָט אַ וואָרט נישט גערעדט. „עס קומט אַ צייט, וואָס דער לעבעדיגער מענש דאַרף צובינדען די באָרד צו די וואָנסעס, כדי ער זאָל דאָס מויל נישט קענען עפענען", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, און האָט תוך כדי דבור געהאַפּט אויף גאַנץ אַנדערע צייטען...

צוויי שעה זענען זיי געזעסען ביים טיש. ישראל משה האָט אַ ביסעל גערעדט

וועגן די נסים פון דער מלחמה. דאן האט ער צוזאמען מיט חאצקלען געגעסן און נאכהער געגאנגען צום „ווייסען בער", חאצקעל פאראוים און ישראל משה נאך איהם. אין אווענד האט חאצקעל איהם געזאגט: „אין שטוב האב איך קיין פלאץ נישט, ר' ישראל משה, איהר וועט שלאפען דא". דא האט זיך ישראל משה נישט געקאנט מעהר איינהאלטען און געזאגט: „אין דריי צימערען ווי פעלדער איז נישטא קיין בראק פלאץ פאר נאך א מענשען?" חאצקעל לאכט און ענטפערט: „די צייטען זענען אנדערע; מיין ווייב ווייגט, אז איהר פעהלט נאך א צימער, און זי איז טאקע גערעכט, נאר מען קריגט קיין דירות נישט". ישראל משה האט געשטאמעלט און האט צו זיך אליין געזאגט: „וועמען דערצעהלט ער אזעלכע באבע מעשיות? איך קען דאך נאך זיין ווייב, ווען זי איז געווען א דינסט ביי איהרען א קרוב און זי איז ארומגעגאנגען א אבגעריסענע"... דער קרעטשמער איז נישט געווען שטארק בעגייסטערט פון העם גאסט, וואס האט אויסגעזעהן צו זיין נישט בעזונדערס רייך, און ער וואלט איהם נישט געגעבען קיין נאכטלעגער, ווען ער זאל נישט וועלען צופרידענשטעלען חאצקלען, וואס האט ביי איהם אין קרעטשמע אלע געשעפטען אבגעשלאסען.

אויף צומארגנס איז ישראל משה אויפגעשטאנען און גלייך אוועק צו חאצקלען. זיצענדיג אין צימער, האט ער געהערט, ווי מאן און ווייב רעדען עפעס שטיל אין קארידאר. „דאס איז געווים אויף מיין חשבון", האט ער געטראכט און טרעהרען האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. פיעל מיאוסע געדאנקען האט ער דאן געטראכט, אפילו אז ער וועט זיך ארונווארפען פון דאך... חאצקעלס ווייב האט זיך נישט בעוויזען די גאנצע צייט, וואס ער איז געווען אין שטוב, און אז ער האט זיך אויפגעשטעלט אוועקצוגעהן מיט חאצקלען, האט ער געעפענט די טהיר פון קיך און א געשריי געטהון: „אויף ווידערזעהן!" עס האט זיך איהם אויסגערוכט, אז זי ענטפערט איהם נישט, און ווען ער איז אראב פון די טרעפ האט ער געזאגט צו חאצקלען: „עס לוינט נישט, אז איך זאל דיר שטערען אין דערהיים" און חאצקעל האט געשוויגען. האט ישראל משה זיך אנגערופען: „די שבעת ימי המשתה זענען שוין פארביי — וואס וועט איצט זיין?" חאצקעל איז געגאנגען נעבען איהם מיט אנ'אראבגעלאזענעם קאפ און נישט געענטפערט. אין א ווייַלע ארום האט ישראל משה געעפענט דאס מויל און זיך צוהיצט: „עס זענען נאך נישט אויסגעשטארבען אלע ישראל משה'ס קונדען... עס זענען נאך נישט פערברענט געווארען אלע פויערען, וואס ווילען נעהמען שמיער דוקא פון פעסעל און דוקא עכט-רוסישען... איך שלאג דיר פאר, אז מיר זאלען ביידע ווערען דותפים און מיר וועלען בערייזען די מדינה". חאצקעל האט זיך איינגעהאלטען נישט צו לאכען און געזאגט: „איך האב גענוג ארבייט, ר' ישראל משה, איך וועל אייך בארגען פופציג מארק און זאל אייך גאט העלפען".

ישראל-משה'ן האט דאס הארץ געקלאפט ווי מיט האמערס. זאל ער זיך אויפרעגען? זאל ער איהם דאנקען? „אייב דו האלטסט די מדינה אין האנד, טא צו וואס טויג מיר דיין געלד?" — האט ער געפרעגט מיט א ציטערדיגע שטימע. חאצקעל האט גאנץ רוהיג געענטפערט: „עס איז נישט אמאליגע צייטען, אין אנהאלט ארבייטען צעהן מענשען און אלע האבען פרנסה". איז ישראל משה ארוים פון די כלים און אויסגעשריגען: „איך האב געלעגט דעם פונדאמענט און איצט בין איך דער פינפטער ראד פון וואגען" און איז אנטלאפען.

ישראל משה איז אוועק קיין צערבסט. דאָרט ווידער האָט געהערשט איבער דער מדינה זיין אַמאָליגער משרת זלמן. זלמן האָט נאָך זיין ווייב פון גראַיעווא נישט אריבערגעבראַכט און האָט געוואוינט אין צוויי צימערן נעבען קרעטשמע — נעבען דער קרעטשמע, וואָס ישראל משה האָט איהר „רייך געמאַכט“, ווי ער זאָגט. ישראל משה איז אריין אין קרעטשמע און האָט דעם קרעטשמער נישט געפונען מעהר — סיי ער און זיין ווייב זענען שוין געשטאָרבען און די קינדער וואוינען אין דעסוי. „זיי זענען אויך געשטאָרבען“, האָט ישראל משה אָבגעזיפצט און גע־פיהלט, ווי ער וואָלט זיך דערנעהנטערט נאָך א טריט צום קבר. זלמן׳ען האָט ער נישט געפונען, האָט ער זיך ארומגעדרעהט איבער די גאַסען ביז פאַרנאַכט. זיינע אלע בעקאַנטע זענען געשטאָרבען, אָדער זיי האָבען איהם צוגענומען אַזוי קאַלט ווי געשטאָרבען, און ער האָט זיך געפיהלט פרעמד, זעהר פרעמד אין דעם אָרט ,וואו ער האָט זיינע בעסטע יאָהרען פערבראַכט... אז ער האָט דערזעהן זלמן׳ען פון ווייטען, איז ער צו איהם צוגעלאָפען ווי צו א אייגען קינד. ער האָט זיך דערמאָהנט אין דער בעגעגעניש מיט חאַצקלען און האָט גאַרנישט געפרובט איהם פאַלען אויפ׳ן האַלז. ער האָט נאָר געדריקט זיין האַנד מיט גרויס ליבע. „דאָרט וואו א אשה איז דאָ, איז דער מלאך המות דאָ“, האָט ער א זאָג געטהון, און האָט אָנגעהויבען אויפ׳ן מיטען גאַס, ווי אַמאָליגע יאָהרען, אויפ׳ן קול שילטען חאַצקלען מיט זיין ווייב. זלמן האָט איהם בערוהיגט און געזאָגט: „אין שטוב וועלען מיר וועגען דעם רעדען, ר׳ ישראל משה“. — אז ישראל משה איז אריין אין שטוב און געזעהן דאָס שענע מעבעל, איז ער געוואָרען ערשטוינט. „אָהן עין הרע“, האָט ער געמורמעלט כסדר, אָבער דאָס הארץ האָט איהם געריסען ווי מיט צוואַנגען. זלמן האָט איהם אויסגעזעהן צו זיין בעסער ווי חאַצקעל, בפרט אז ער איז געווען זיין יונג נאָך אַלס קינד, און אָהן שהיות איז ער צו צום ענין „הער זיך איין זלמן! איך וויל מיין ברויט פערדינען, איך וויל ארבייטען מיט דיר“.

פלוצלונג האָט א קלונג געטהון דער טעלעפאָן. פון זלמנ׳ס תשובות האָט ישראל משה פערשטאַנען, אז דאָ האַנדעלט זיך פון א גרויסער בעשטעלונג שלייפאַייל, און אז זלמן האָט אויפגעהערט רעדען אין טעלעפאָן, האָט ער איהם געפרעגט: „און וויפיל קענסטו ביי אזא פדיון כאַפּען?“ זלמן האָט איהם געענט־פערט, אז די רוחים זענען קליינע, ווייל די קאָנקורענץ איז גרויס, איבערהויפּט פון די יונגע יונגלעך, וואָס זענען געקומען פון גראַיעווא און קענען די „שוואַרצע פינטעלעך“. האָט ישראל משה געהאַט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּען און האָט געזאָגט: „דער אַלטער גאָט איז נאָך נישט געשטאָרבען! דער פשוטער וואָגען האָט אָנגעשטאָפּט די בויך־גאַרטלען מיט מאַיערס“. זלמן האָט איהם ערקלערט, אז די צייטען זענען גאַנץ אַנדערע. אז דער טעלעפאָן איז דער איצטיגער וואָגען. צום סוף האָט זלמן געזאָגט, אז ווען ער זאָל קריגען עפּעס א געבילדעטען שותף, וואָס זאָל איהם נישט אָבנאַרען, וואָלט קיינער נישט געקענט מיט איהם קאָנקורירען. ישראל משה האָט צושפרייט די פיס, געצויגען די באָרד און געענטפערט: „ערשטענס זענען די צייטען נישט אַנדערש געוואָרען, נאָר איהר מאַכט זיי אַנדערש; און צווייטענס, אויב דו דאַרפסט נאָך א שותף, מיינסטו חלילה, אז איך וועל דיך בעטריגען?“ שמייכעלט זלמן און זאָגט גאַנץ פשוט: „קענט איהר שרייבען? אז מיר זענען ביידע קראַנק אויף דער מלאכה, און איהר נאָך מעהר ווי איך, ווייל איהר

קענט דאך אפילו אין טעלעפאן נישט רעדען, טא צו וואס טויג אזא שותפות פון צוויי שלים־מזל'ס?" ער האט זיך געשטעלט מיט'ן אלטען אין איין שורה צוליב מיטלייד, און טאקע דערפאר האט ער גלייך געזאגט: „אויב איהר ווילט, קענט איהר בלייבען מיט מיר; איהר וועט זוכען פויערען, איהר וועט אויפמאהנען די חובות אין צערבסט גופא, איך וועל שוין געפינען ארבייט פאר אייך, און איהר וועט קריגען ביי מיר צעהן מארק א וואך, פערציג מארק א חודש! טא צו וואס זאלט איהר זיך ארומשלעפען איבער די דערפער?"

ישראל משה האט שיער געוויינט פאר שמחה. — בייניאכט ליגענדיג אין אויבער־שטיבעל פון קרעטשמע, האט ער נישט געקענט שלאפען. די גאנצע וועלט איז א רעדעל, וואס דרעהט זיך! ריכטיג געזאגט, איז ער איצט א משרת ביי זיין אייגענעם משרת, א יונג ביי זיין יונג — פאסט עס פאר איהם? און וואס וועט מען זאגען אין גראיעווא, אז מען וועט זיך דערפון דערוויסען? אויף צומארגענס גאנץ פריה, ווען זלמן איז נאך געשלאפען, האט איהם ישראל משה אויפגעוועקט. ער האט געשטאמעלט און געשטאמעלט און צום סוף ארויסגערעדט, וואס איהם קוועטשט. „דו זאלסט קיינעם נישט זאגען, אז דו צאהלסט מיר שכירות — האט ער געזאגט — דו זאג, אז איך ארבייט ביי דיר אויף פראצענטער". „ארבייט איז קיין שאנדע", האט זלמן בעמערקט. „פונדעסטוועגען — — — האט זיך דער אלטער געבעטען ווי א קינד. „גוט, גוט", האט זלמן געענטפערט און דער אלטער האט זיך בערוהיגט.

עס זענען אזוי אריבער א פאר וואכען. די ערשטע צייט האט זלמן דעם אלטען זעהר רעספעקטירט: ער איז דאך א איד א זקן און ער איז געווען אזויפיל יאהרען זיין בעל־הבית, נוצען האט ער פון אלטען גארנישט געהאט; האט מען טעלעפאנירט, האט ער גערופען דעם בעל־הבית פון דירה, אז ער זאל רעדען פאר איהם; האט ער איהם ווידער געשיקט איינמאהנען חובות, האט איהם קיינער פון די גויים אויפ'ן שוועל נישט ארויפגעלאזט. מיט דער צייט איז דער אלטער איהם געווארען צו לאסט. ער איז אומעטום געווען פול. ער האט געשאלטען די פויערען אויפ'ן קול ווי אמאל, און פלעגט אנטאכען א טומעל אין קרעטשמע. און האט זיך זלמן געוואלט אביסעל אויסרוהען, פלעגט ער איהם האקען א קאפ מיט מלחמה־מעשיות. וואס ער האט זיי שוין געקענט אויף אויסווענדיג.. דער אלטער איז אויך נישט געווען צופרידען פון דער ארבייט. ער האט זיך געאנטוויליגט, ער האט נישט געהאפט אויף קיין הוספה. זיין אלטער מוח האט געטראכט וועגען אנדערע זאכען. ווי צו ווערען אויס משרת. אייגענטליך האט ער געהאט אביסעל געלד און געקענט קויפען א פערדעל מיט א וועגעל און אנהויבען פון אנהויב. נאר אז ער האט געהאט ביי זלמנ'ען פערציג מארק זיכערע, האט ער מורא געהאט צו פערלאזען ברויט און זוכען פלייש... צום סוף איז איהם געלונגען אינטערעסירען זלמנ'ען, אז ער זאל קויפען א פערדעל מיט א וועגעל. ער האט געגעבען ישראל משה'ן סחורה און האט איהם ארויסגעשיקט אויף דער מדינה. דער עיקר האט זלמן דערצו מסכים געווען, ווייל ער האט געוואלט האבען דעם אלטען א ביסעל ווייטער פון זיך.

די ערשטע טעג איז דער אלטער ישראל משה געווען גליקליך — ווער איז געווען זיין גלייכען! ער פלעגט אבזינגען ווי אמאל זיין „יוצא בחופתו, יוצא בגבורתו", און מיט נייע כוחות גערדערעהט מיט'ן בייטש. אבער דער מסחר איז גאר נישט געווען ווי אמאל. די פויערען האבען קיין ווערט נישט געלייגט אויף זיינע מעשיות פון „עבטען רוסישען שמיער" און האבען ביי איהם נישט געקויפט. די ערשטע טעג איז ער געווען ווי פערשיכור'ט, וואס ער האט זוכה געווען ווידער צו זיצען אויפ'ן זעקעל היי, נאר אז ער האט זיך אויסגעניכטערט, האט ער זיך זעהר

געערגערט, וואָס עס לייזט זיך נישט. „ימח שמכם זאָלט איהר ווערען! — האָט ער געשריגען צו זלמנ'ען — איהר האָט איבערגעדרעהט די פויערען; זיי פלעגען דאָך קויפען בעסער רוסישען שמיער איידער דייטשע". און כאָטש דער אַלטער האָט קיין צוואַנציג מאַרק ריוח נישט געהאַט א וואָך, האָט ער געזאָגט זלמנ'ען: דו האָסט טאַקע דיינע געשעפטען, אָבער פון מיינע עסקים וועלען מיר ביידע זיין שותפים, גלייכע שותפים, דיר א העלפט און מיר א העלפט. אַז זלמן האָט איינגעשטימט, איז דער אַלטער געווען גליקליך: איצט איז ער נישט קיין משרת ביי יענעם, איצט איז ער ווידער א סוחר ווי אַמאָל... יענע וואָך האָט ער אפילו קיין צעהן מאַרק ריוח נישט געבראַכט, און אַז זלמן האָט גאָרנישט געוואָלט נעהמען, האָט זיך ישראל משה געבייזערט: „מיר זענען שותפים, נישט דו אַרבייטסט ביי מיר, נישט איך ביי דיר, מיר זענען גלייך אויף גלייך".

זלמנ'ען איז אויפ'ן אַלטען געווען א גרויסער רחמנות. דער ווינטער איז שטאַרק קאַלט און דער אַלטער שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות און וויל זיך נישט נאָכגעבען. זלמן האָט זיך געטראַכט: חאַצקעל איז געווען א חכם, וואָס האָט זיך געמאַכט א הארץ און איז פון דער צרה גאַנץ גיך פטור געוואָרען... ער פלעגט זיך דערמאָהנען אין די יאָהרען, וואָס ער איז געווען א יונג ביים אַלטען, ווי דער אַלטער פלעגט איהם שמייסען, איינזהונגערען, לאָזען פריהרען אין שטאַל, נאָר אַלע טראַיערונגען האָבען איהם נישט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל דעם אַלטען ארויסטרייבען. וואָס קען אַזא אַלטער מאַכען, אַז ער וועט זיך ארומשלעפען עלענד און איינזאַם? — ישראל משה איז ווייטער געפאָהרען. נישט אין יעדער קרעטשמע האָט מען איהם געלאָזען איבערנעכטיגען, ווייל פון זיינע בגדים האָבען געגלאַנצט אַלע מינים איילען. נישט איינמאָל איז איהם אויסגעקומען צו איבערנעכטיגען אויפ'ן וואָגען, נאָר ער האָט געמאַכט א שוויג און זלמנ'ען א וואָרט נישט דערצעהלט. אַז ער פלעגט קומען צוריק פון די נסיעות און זעהן פון ווייטען, ווי זלמן דרעהט זיך ארום אין צעבסט א פערפוצטער אין א שענעם העלען אַנצוג, מיט א גראָבען שטעקען אין האַנד און א ציגאַר אין מויל, פלעגט ער זיפצען שווער און ביטער: ער, דער אַלטער, וואַליערט זיך אויף דער מדינה, און זיין יונג, וואָס פלעגט זיך ארומשלעפען איבער די דערפער און בעטען א שטיקעל ברויט מיט אַנ'איי, שפּאַצירט ארום אין צערבסטער גאַסען. „אַלץ איז הבל הבלים, אי דער בית־מדרש, אי דער מגיד". האָט ער געזאָגט, זעהענדיג, ווי גוט עס געהט די אַמאָליגע יונגען און די „כל הנערים", וואָס ווייסען נישט פון קיין שבת און קיין יום־טוב, וואָס טרעטען נישט אריבער דעם שוועל פון א בית־מדרש און האָבען קיינמאָל נישט געהערט קיין דרשה פון א מגיד.

זייט ער, ישראל משה, איז געווען אין דער מלחמה־צייט אין ביאַליסטאָק, האָט ער קיינמאָל נישט פערפעהלט תפילין לייגען, און דאָך — און אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ וואָס האָט די פרומקייט פאַר א ווערט? ער האָט טאַקע נישט אַזוי מקפיד געווען אויף כשרות ווי אַנדערע, אָבער טריפה האָט ער ביז איצט נישט געגעסען — און דאָס איז דער דאַנק? איצט, ארומשלעפענדיג זיך איבער די שטעדטלעך און דערפער, האָט ער שוין יאָ אפילו א כאַפּ געטהון טריפה: אָנגעהויבען האָט ער מיט עופות, דערנאָך מיט רינדפלייש, נאָר קיין חזיר נישט. דאָס געוויסען פלעגט איהם מאַטערען, פאַרוואָס ער טהוט אויף דער עלטער אַזעלכע זאַכען, וואָס אין דער יוגענד האָט ער עס נישט געוואַגט, האָט ער זיך פערענטפערט פאַר זיך אליין: „פקוח

נפשות". צום סוף האָט איהם פשוט פערדראָסען, וואָס ער איז אַבגעקומען זיין גאַנציען לעבען און געלעבט אויף פוטער מיט קעז און סתם גרינוואַרג, שאר ירקות, און נישט טועם געווען אַ שטיקעל פלייש... זלמנ'ען האָט ער עס נישט דער-צעהלט, כדי עס זאָל אין ערגעץ נ־שט דערטראָגען ווערען, און זלמן האָט זיך מאַקע געערגערט שטאַרק, וואָס דער אַרימער אַלטער מאַן קומט אָב אונטערוועגס און עסט נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, אין דער צייט וואָס ער האָט געקאָנט אויסלעבען זיינע אַלטע יאָהרען רוהיג געבען זיינע טעכטער.

איינמאָל האָט זיך זלמן געלאָזען איבערערדען און ער איז מיט איהם מיט-געפאָהרען. דער אַלטער איז געזעסען אויפ'ן װאָגעל ווי פערשיכורט. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער איז נאָך יונג, און זלמן, וואָס זיצט נעבען איהם, איז זיין יונגע. פאַרנאַכט האָבען זיי זיך גערעכענט אומקעהרען, נאָר זיי האָבען זיך פערדרעהט און געמוזט בלייבען נעכטיגען אין קאַטבוס. דער אַלטער איז אַריין אין אַ קרעטשמע און געפרעגט אויפ'ן בעל-בית מיט'ן נאָמען. עס האָט זיך בעווי-זען אַ יונגער גוי, און אַז ער האָט געזעהן ישראל משה'ס מלבושים, האָט ער איהם ווייניג וואָס געענטפערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער בעל-בית, וואָס ישראל משה האָט איהם געקאָנט, איז געשטאָרבען מיט צוויי יאָהר צוריק און דאָס איז זיין זוהן. ישראל משה האָט געזאָגט, אַז ער וויל אַ פּלאַץ צו שלאָפען פאַר צוויי פערזאָן, פאַר זיך און פאַר זיין יונג. אָבער דער גוי האָט איהם געענט-פערט, אַז אַלץ איז בעזעצט. ישראל משה איז שוין געוואוינט געוואָרען צו אַזעלכע תשובות. — אין אַ צווייטער קרעטשמע איז ער אַריין צוזאַמען מיט זלמנ'ען. ער האָט דערקענט דעם בעל-בית, נאָר יענער האָט זיך געמאַכט, אַז ער דערקענט איהם נישט, און האָט איהם אויך נישט אַריינגעלאָזען אויף נאַכט. זענען זיי געגאַנגען ווייטער.

דאַסמאָל איז ישראל משה אַליין אַריין און זלמן איז געבליבען אויפ'ן װאָגעל. זלמן האָט געוואוסט, אַז קאַטבוס איז נישט אַזאַ כרך, וואָס איז אַזוי בעזעצט שטענדיג, האָט ער פערשטאַנען, אַז שולדיג אין דעם איז נאָר דער אַלטער, איז ער געוואָרען אַנגעצונדען ווי פייער פון חרפה. אַז דער אַלטער איז אַרוים צום דריטען מאָל מיט ליידיגען, האָט איהם זלמן אַנגעוויזען אַנטקעגען נאָך אַ קרעטשמע, און ווי דער אַלטער איז נאָר אַריין, האָט זלמן אַ טרייב געטהון די פערדלעך און גע-מאַכט ויברח. קנאַפ קאָסט איהם אָב דער אַלטער, איז ער מחויב צו ליידען פון איהם בזיונות אויך? ער איז אַריין אין דער ערשטער בעסטער קרעטשמע, האָט זיך גענו-מען אַ שענעם צימער און די פערד אַריינגעשטעלט אין שטאַל. אַז ישראל משה איז אַרוים און געזעהן אַז זלמן איז נישטאָ, הילד איננו, האָט ער באַלד פערשטאַ-נען, וואָס „דער יונג, דער פערברעכער" האָט איהם אָבגעטהון. ער האָט געשאָלטען מיט טויטע קללות אַזוי ווי אין די גוטע צייטען, זלמנ'ען מיט זיין טאַטע-מאַמען, וואָס ליגען שוין לאַנג אין דר'ערד. ער האָט נישט געשאַנעוועט אויך די קרעטש-מערס, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ ביי זיך, און געזאָגט צו זיך אַליין אויפ'ן קול: „אין גוטע יאָהרען פלעגט די קרעטשמערקע אַראָבנעהמען די טריפה'נע טעפ און פלעגט לאָזען די גאַנצע פליטע פאַר דעם פעך-העמדלער, און היינט נעהמען זיי זיך אַזוי איבער, ווי זיי וואָלטען טאַקע געוואונען די מלחמה. אין דר'ערד אַריין!"

ער האָט פערקוקט אין די הויפען פון די נאָהנטע קרעטשמעס, אפשר וועט ער זעהן זיין װאָגעל. „ווען איך זאָל איהם פאַקען אויפ'ן װאָגעל, וואָלט איך אַרויף

און איהם אראבגעלאזען א פאר פעטש, אז ער זאל מיך האבען צו געדענקען" — האט עם געזאגט, געקריצט מיט די ציין און געשאלטען.

אזוי ווי ישראל משה געהט אוןווארפט זיך פון כעס, קומט איהם אן אנט־קעגען א פאליסמאן. די צורה פון דעם אידען איז איהם עפעס פערדעכטיג און ער האט איהם אבגעשטעלט. ווי ער האט נאר געזאגט, אז ער האט נישט וואו צו שלאפען, האט איהם דער פאליסמאן א וואונק געטהון, אז ער זאל געהן מיט איהם, ער האט איהם געבראכט אין א „הערבערגע", א מין הכנסת אורחים, האט איהם איבערגעגעבען דעם דינער און אליין אוועק. ישראל משה האט אנגעהויבען פרע־גען וואו ער געפינט זיך, נאר דער אלטער דינער האט איהם געוויזען אויף די מענשען, וואס ליגען און שלאפען, און האט איהם א וואונק געגעבען, אז ער זאל שווייגען. דער דינער האט איהם געזאגט גאנץ שטיל, אז ער זאל אויפשפילען דאס העמד; דאן האט ער א וואונק געטהון ישראל משה'ן אז ער זאל געהן נאך איהם. ישראל משה'ן האט נישט געהאלפען קיין געוויין און קיין געבעט — ער האט זיך געמוזט אויסטהון און אריינגעהן אין א הייסע וואנע און זיך ארומוואשען מיט זייף פון קאפ ביז די פיס. דאן איז ער אריין צוריק אין גרויסען זאל און דער דינער האט איהם אנגעוויזען זיין געלעגער. ער האט זיך איינגעטוליעט אין דער דיקער קאלדרע, אבער ס'האט איהם געקלאפט א צאהן אן א צאהן פון קעלט. פלוצלונג האט איבער איהם עפעס אדורכגעשפרונגען און האט אנגעריהרט זיין אייער. ווען ער האט זיך דערכאפט, אז דאס איז א מויז, האט ער א געשריי געטהון. עמיצער האט זיך אויפגעכאפט און א ווארף געטהון אויף זיין זייט א ריכטיגע דייטשע קללה, נאכאמאל איז איבער איהם א מויז אדורך, ער איז אויפ־געציטערט געווארען, אבער ער האט זיך איינגעהאלטען נישט צו שרייען. אינדער־פריה, ס'איז נאך פינסטערליך געווען, האט ער געוואלט זיך אויפהויבען און אנטלויפען; ער גיט א קוק — זיינע זאכען זענען נישטא. „מסתמא צוגענבעט", האט ער געטראכט און א קאלטער שוויים האט איהם בעדעקט: וואס וועט איצט זיין? אז ס'איז ליכטיג געווארען, האט דער דינער געבראכט זיינע זאכען, איינ־געבונדען אין א זעקעלע. ער האט זיך פלוצלונג דערמאהנט אין דער מלחמה־צייט, ווי די דייטשען האבען אלע איינוואוינער פון גראיעווא געשלעפט אין „לאוזע־באד" און אויסגעפארעט זייערע בגדים, וואס האבען געקריגען דאן טויזענדער קנייטשען. מיט שרעק האט ער אויפגעפאקט זיינע זאכען און ס'איז איהם פינס־טער געווארען אין די אויגען. ער האט געשאלטען, געזידעלט, אבער אלץ שטיל. איין וואונש האט ער געהאט: ארוים פון דאנען... אז ער איז ארוים אויף דער פרייער וועלט, האט ער אבגעאטעמט. ער האט בעמערקט, ווי אלע פארבייגעהענדע קוקען אויף זיינע בגדים, און דער עיקר אויף זיין געהאקטען ראק, וואס איז געווען פול מיט קנייטשען, אין דער לענג און אין דער ברייט. און פלוצלונג — זלמן פאהרט איהם אנטקעגען אויפן וועגעל. ישראל משה האט אויפגעהויבען זיין פויסט, געקריצט מיט די ציינער און געשאלטען אויפן קול. „איהר קענט דאך פון מיר נישט פערלאנגען, אז צוליב אייך זאל מען מיר שלעפען אין א „הערבערגע" — האט זיך זלמן געפרובט פערענטפערען, זעהענדיג די אויסגעפארעטע בגדים. „מען האט מיך נישט געשלעפט — האט ישראל משה געשריגען — איך בין דארט אריינגעפאלען, נאר דריי האבען זיי ביי מיר געפינען, איך זאל נאך אזוי מיין שיינע ברייגען דערוואשען א לעבעדיגע, נאר דריי, און וואס האבען זיי פון מיר געמאכט... ברענען זאלען זיי!"

אבער גלייך האט ער זיך ווידער דערמאהנט, וואס זלמן האט איהם דא אבגע־טהון, און ער האט געשריגען נאך העכער: „דו שייגעץ איינער, דו וואגאבונד, אזוינס

טהוט קיינער נישט זיין בעל־בית"... איז זלמן אויך געוואָרען אין כעס און געזאָגט: איפגערעגט: „איהר ווייסט דאָך ווער עס איז דער בעל־בית". איז ישראל משה גאָר אַרויס פון די כלים, איז אַרויפגעשפרונגען אויפן וועגעל, האָט אַ כאַפּ געטהון די לייטשעס און געשריען:

„דערווייל פאָהר איך מיט'ן וואָגען, דאָס איז מיין איינפאַל! איך בין דיר אפשר שולדיג געלד, אָבער דער וואָגען איז מיינער! די וועלט איז אייך צו קליין, יונגען, און איהר ווילט נאָך גלייך אויף גלייך זיך טיילען פון ריוח, וואָס דער בעל בית טאָכט — ישראל משה האָט אייך אַלע אַן עצה געגעבען און וועט אייך אַלע בעגראָבען, איהר פערדעטער!" די לעצטע ווערטער האָט זלמן שוין נישט געהערט. ווי נאָר דער אַלטער איז אַרויפגעשפרונגען אויפן וואָגען, איז זלמן אַראָבגעשפרונגען, ווייל ער האָט זיך געשעמט פאר מענשען. ער האָט נאָך צוגערופען: „איהר וועט מיר ברענגען דעם וואגען קיין צערבסט און רעכענונג אויך" — און איז אַוועק צום באַהן. אין אמת'ן איז זלמן אויף איהם נישט געווען אפילו אין כעס, נאָר האָט זיך פעסט ענטשלאָסען זיך אָנצוכאַפּען אין דער מחלקת, כדי פטור צו ווערען פון איהם.

ישראל משה איז באלד נישט געקומען קיין צערבסט. זלמן האָט געהאט אַן עגמת נפש, און האָט זיך איינגעהאַלטען, נישט צו פאָהרען איהם זוכען. יעדען טאָג האָט ער געבעטען דעם קרעטשמער, ער זאָל איהם לייענען פון צייטונג, צי ס'האָט נישט עפּעס פּאַסירט מיט אַן אַלטען אידען, און אַז ער האָט געהערט אַז ניין, האָט ער געוואַרט אויף דער מאָרגענדיגער צייטונג. — ישראל משה ווידער איז אַרומגעפאָהרען ביי די פויערען און גוט־בעזיצער. איגדערפריה פלעגט ער זיך זעצען אויפן וועגעל פול מיט האָפנונגען, אַז ער וועט אַלעס פערקויפען און ווידער קויפען, און אזוי אַרום וועט ער זלמנ'ען אין פנים אַריינשמייסען דאָס געלד פאַרן וואָגען מיט'ן פערד; נאָר אין אָוונט פלעגט ער קומען כמעט מיט ליידיגע קעשענעס און פולע פעסלעך. גרויס איז געווען די קעלט, גרעסער נאָך דער צער און נאָך גרעסער די חרטה. אין אמת'ן — האָט ער זיך געטראַכט — איז דאָך זלמן גערעכט: ער איז פערפוצט ווי אַ קנאַזש, געלד האָט ער ווי קרח, קיין פּרוטה פון דעם געשעפט מיט איהם האָט ער נאָך נישט אָנגעזעהען — טאָ צו וואָס דאַרף ער זיך אַרומשלעפּען איבער די קרעטשמעס? ער האָט געהאט שטאַרק חרטה, אָבער א איד ווי ישראל משה וועט קיינמאָל נישט מודה זיין, אַז ער איז זיך נישט ריכטיג בעגאַנגען. ער האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע קרעפטען צו פערקויפען זיין שמיער און האָט צו די פויערן אזוי פיעל גערעדט, אַז ער איז געוואָרען הייזעריג ווי אַ פּיען. אַזוי זענען פאַרביי צוויי וואָכען. און אַז ער האָט געזעהען, אַז דער הימעל פערציהט זיך, האָט ער מורא געהאַט, אַז ס'וועט זיך אַראָבלאָזען אַ גרויסער שניי און ער וועט בלייבען שטעקען אין אַ דאָרף און דאַרפען צאָהלען שטאַל־געלד און פאַר פּאַשע פאַר'ן פערד, וויער ווייס ווי לאַנג. איז ער אַוועק צוריק קיין צערבסט.

אַז זלמן האָט איהם דערזעהען, איז איהם אַראָב אַ שטיין פון האַרצען, נאָר ער האָט זיך בעמיהט, עס נישט אַרויסצווייזען, ער האָט געזאָגט גאַנץ קאַלט: „שטעלט אריין דאָס פערד און וועגעל מיט דעם רעשט פון דער סחורה אין שטאַל, ניעהמט דעם פדיון פאַר זיך און געהט געזונדערהייט". ישראל משה איז געוואָרען אויפגערעגט און אויסגעשריגען: „דיינס און האַצקעלס און אַלעמענס אין דער מדינה איז נאָר מיינס — איך האָב „אויסגעטראָטען דעם וועג!" זלמן האָט איהם אָבער געלאָזען שטעהן און אַוועק. אַז זלמן האָט געזעהען אויף מאָרגען פריה דעם פערד און וואָגען אין שטאַל, איז ער שנעל אַרויס אויפ'ן מאַרק, געבראַכט דעם ערשטען בעסטען פויער און נאָך אַ קורצער אונטערהאַנדלונג האָט ער צוגעקלאַפּט און אַוועקגעגעבען דאָס פערד און וואָגען, ווייל ער האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז דער

אַלטער וועט זיך ווידער נישט אָנהענגען אין איהם. דאַן איז דער אַלטער אַוועק צו זלמנ׳ס קאָנקורענטען און געוואָלט אַרבייטען ביי זיי („מיט זיי״, פלעגט ער זאָגען), אָבער זיינע אַלע באָבע־מעשיות וועגען די גליקען, וואָס ער האָט געמאַכט אין די פאָר חדשים, האָבען נישט געהאָלפען. זיי, דער יונגערער דור פון זלמנ׳ען, די חברה, וואָס האָט געקענט די „שוואַרצע פינטעלעך״, זענען נישט געווען אַזוי נאַאיוו ווי זלמן. פון אַלע זייטען האָט מען איהם געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער איז אַ זקן אַ מופלג, און מענשען האָבען אויסגערעכענט, אַז ער האָט שוין אַכציג מיט אַ שמיץ. ליצנים פלעגען איהם אין די טעג אַ פרעג טהון: „וויפיעל האָט איהר, ר׳ ישראל משה?״ און ער פלעגט ענטפערען מיט אַ שמייכעל, וואָס פלעגט זיך ענדיגען מיט כעס: „וויפיעל איך האָב? אַ טאָלער, אַז דו נעהמסט איהם אַרויס פון טייסטער, איז ער נישט דיינער, און אַזוי זענען די יאָהרען וואָס זענען אַוועק — און וויפיעל יאָהר איך האָב נאָך ממש אין טייסטער, וויפיעל איך וועל נאָך לעבען, ווייס איך נישט; אין דעם איז גאָר קיין נפקא מינה נישט פון מיר ביז אייך, קיינער איז מיט׳ן מאָרגען נישט זיכער״

ישראל משה איז אין יענער צייט געווען זעהר פערביטערט. אַמאָל האָט ער זיך שטאַרק אָבגעהיט פאַר טריפה און אַפילו אַ גלאָז האָט ער געוויקט לאַנג אין הייסען וואַסער; אויך האָט ער די תפילין געהאַלטען לאַנג אויף זיך, און אַמאָל ווידער האָט ער געקוקט אויפ׳ן תפילין־זעקעל מיט כעס און געגעסען טריפה אין קרעטשמע, אין צערבסט גופא, און ס׳האָט איהם נישט געאַהרט, אַז מען וועט זיך דערוויסען פון דעם — ער האָט געהאַנדעלט אַלץ לויט זיינע געדאַנקען, לויט זיינע האָפנונגען און ענטטוישונגען...

אונגעפעהר פורים־צייט האָט ער געקריגען אַ בריעף פון אַ טאָכטער, אַז זיין ווייב איז זעהר קראַנק און ס׳איז גלייכער, אַז ער זאָל קומען וואָס פריהער. אַז מען האָט איהם פאָרגעלייענט דעם בריעף, האָט ער געוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט געהאַלטען דעם לעזער פאַר׳ן האַנד און האָט איהם געשוואוירען, אַז ער זאָל איהם זאָגען דעם ריינעם אמת, צי שיינע ברײנע לעבט נאָך צו נישט. און אַזוי ווי ער האָט פאָרט נישט געגלויבט (ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי ר׳ אברהם חיים האָט איהם אָבגענאַרט אין לייענען אַ בריעף, ווען מינדעל איז געבוירען געוואָרען) איז ער געגאַנגען צו אַ צווייטען, און אַז יענער האָט איהם אויך אַזוי געלייענט, האָט ער זיך בערוהיגט. „דער בריעף איז געשריבען געוואָרען מיט פיער טעג צוריק. ווער ווייס צי זי לעבט נאָך״ — האָט ער געטראַכט. אין די טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי צומישט, אין די נעכט איז ער נישט געשלאָפען. פאַר זיינע אויגען זענען געשטאַנען אַלע יאָהרען, וואָס ער האָט אָבגעלעבט מיט שיינע ברײנען. וואָס האָט זי געהאַט פון אַ לעבען? זי האָט געקינדעלט, געהאָדעוועט די קינדער שוועהר און ביטער ביז זי האָט זיי גרויס געמאַכט, און אויף דער עלטער איז געקומען די ביטערע מלחמה — איז דאָס לעבען נישט אַ נאַריש שפּיעל? זענען די מענשען נישט ווי די בהמות, אויב זיי פרעהען זיך, אַז עס ווערט געבוירען אַ קינד? וויפיעל האָבען זיך שיינע ברײנע׳ס עלטערן געפרעהט, ווען זי איז געבוירען געוואָרען. זי איז געווען אַ בת־יחידה — און ווען זיי וואָלטען געזעהען איהר גאַנץ לעבען, איהרע יסורים אין די לעצטע יאָהרען, איהר סוף, וואָס וואָלטען זיי איצט געזאָגט? ער האָט פון שיינע ברײנען אַ מינוט נישט פערגעסען, און איז געוואָרען יעדען טאָג בלאַסער, מאָגערער און געבויגענער. פורים האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען אַהיים, צוואָס זאָל ער וואַרטען ביז דער לעצטער וואָך פאַר פסח — ער האָט דען צו ערוואַרטען רוחים אָדער ער דאַרף דען חובות איינמאָהנען? ער געהט אויס פון קנאה, קוקענדיג אויף זלמנ׳ען און אויף אַלע גראַיעווער אײנגלעך, וואָס זענען מענשען געוואָרען, און דאָס זיצען נעבען זיי פערשאַפט איהם דאָך נאָך האַרץ־וועהטאָג... ער

האט קיינעם נישט געזאגט, וואו ער פאהרט אב. ער האט געוואלט מאכען דעם איינ־דרוק, אז ער פאהרט געשעפטליך, און די „יונגע ציגען“ זאלען טאקע מיינען, אז ער וועט ווידער בעזעצען די מדינה, ווי אמאל.

ער איז אוועק קיין בערלין און פון דארט קיין פראסטקען, צום גרעניץ. ער האט זיך שטארק געשראקען פאר׳ן מאה־ענדיגען טאג, ווען ער וועט פערפאהרען אין שטוב און געפינען שיינע ברייגען א גוסס׳ע, אדער — —

פאהרענדיג, איז זיין הארץ שוין געווען זעהר אבגעשוואכט און ער האט זיך נישט געקענט בעוועגען פון שוואכקייט. גוטע מענשען האבען דעם גרייז־גרויען לעבעדיגען סקעלעט געהאלפען, מען האט איהם פריי געמאכט א באנק צום ליגען די גאנצע נאכט, אויך טראפענס צום שטארקען האט מען איהם איינגעגעבען און אין קארשען האט מען איהם געהאלפען אריינשטייגען אין צוג, וואס געהט קיין פראסטקען.

אין פראסטקען האט מען איהם געמוזט ארויסנעהמען פון באהן און רופען א דאקטאר. דער דאקטאר האט נישט ערלויבט, אז ער זאל פאהרען אין וואגען די פיער וויארסט פון פראסטקען קיין גראיעווא און מען האט איהם אריינגענומען אין א אכסניה. צוויי טעכטער זיינע האבען געקריגען „פעסלעך“ (ערלויבנישען אריבער־צופאהרען די גרעניץ) און זענען געקומען צו איהם. ער האט זיי דערקענט, אבער ער האט נישט געקענט מעהר רעדען. ער האט זיי געפרעגט, צו די מאמע לעבט נאך, און אז זיי האבען געענטפערט, אז זי לעבט, האט זיין געזיכט געשמייכעלט.

אין צוויי טעג ארום איז ער רוהיג אויסגעגאנגען, ווי א קליין קינד, וואס שלאפט איין.

מען האט איהם מקבר געווען אין גראיעווא. נעבען דעם קבר פון שיינע ברײנ׳ען.

# אין דער גרויסער וועלט

דער שטאַרקער דראַנג זיך אַרויסצוכאַפּן פון די ד׳ אמות פון שטעדטעל האָט נאָך דער מלחמה אַרומגעכאַפּט נישט נאָר גראַיעווער יוגענד, וואָס איז געווען אין די מלחמה־יאָהרען אײַנגעשפּאַרט ווי אין אַ טורמע, נאָר אויך דאָס אַלטוואַרג. זיבעציגער, וואָס האָבען אין די גוטע יאָהרען מורא געהאַט אַרויסצופאָהרען פון שטעדטעל, קוים ווען זיי חס ושלום שטאַרבען אונטערוועגס, זײַנען געפאָהרען מיט בעגייסטערונג קיין אַמעריקא, צו זייערע קינדער, און מענשען אין די מיטעלע יאָהרען האָבען אָנגעהויבען זייער לעבענסוועג פונדאָסניי און זיך אַרויסגעלאָזען מיט דער יוגענד וואו די וועלט האָט אַן עק: קיין מעקסיקא, אַרגענטינע, קובא און אפילו טשילי. עס זײַנען דאַן געפאָהרען קיין ארץ־ישראל די ערשטע חלוצים, אָבער בעמיטעלטע מענשען און איבערהויפּט מענשען אין די פערציגער און ווייטער זײַנען קיין ארץ־ישראל נישט געפאָהרען, אין אַמעריקא, מעקסיקא און אַנדערע לענדער קאָן מען זיך מפרנס זיין פון אַ לייכטער אַרבייט — מסחר, אַ קראָם, אַ רעסטאָראַן און נאָך אַזוינע פּרנסות, — אָבער אין ארץ־ישראל דאַרף מען דאָך באמת אַרבייטען, מיטן רידעל און מיטן אַקער, שלעפּען לײם און ציגעל, און ווער, אויסער דער יוגענד, האָט כח צו אַזוינע שווערע מלאכות נאָך די ביטערע מלחמה־יאָהרען? גראַיעווא איז כסדר געוואָרען ליידיגער. די לעצטע יאָהרען פאַר דער מלחמה האָט זי זיך אַנטוויקעלט אַלס אַ „קליין פּאַריז“. מען האָט נביאות געזאָגט, אַז זי וועט ווערען דער געשעפטס־צענטער פון ביידע ריזיגע מדינות — רוסלאַנד און דייטשלאַנד — האָבען גראַיעווער מענשען פערלוירען זייער אמונה אין דער צוקונפט פון זייער שטעדטעל און זיי האָבען אָנגעהויבען איהר פערלאָזען. עס זײַנען איהר טריי געבליבען נאָר די בעלי־בתים — ווייל עס איז נישט געווען קיין קונה אויף די הייזער, — די קרעמער, וואָס האָבען געלעבט פון די אַרומיגע דערפער, און סתם בטלנים און זקנים.

דער פערלאַנג צו פערלאָזען דאָס שטעדטעל איז דערגאַנגען אפילו ביז׳ן באָדגאָס — און ביז די ווייבער פון די דזשענטאַרעס אויך. אַט די ווייבער, וואָס פאַר דער מלחמה וואָלטען זיי פאַר כל הון דעלמא נישט געפאָהרען אין דער גויישער מדינה „פּרייסען“, האָבען זייערע מאַנען אין דייטשלאַנד פערוואָרפען מיט בריף און געבעטען תחנונים זיי אַריבערצונעהמען מיט די קינדער קיין „פּרייסען“. זיי האָבען נישט געאַכטעט אויף די תשובות פון זייערע מאַנען, אַז די צייטען זײַנען

אין דייטשלאַנד שווערע און מען דאַרף אָבוואַרטען; זיי האָבען זייערע מאַנען פאַרביטערט דאָס לעבען מיט קאַרטלעך און בריף, ביז זיי האָבען זייערס דורכגעזעצט. נאָר זעלדע דעם בעקערס — אלקנה'ס ווייב — האָט זיך נישט געאײַלט ליפען קיין מייסען. זי האָט גוט געדענקט די קורצע צייט, וואָס זי איז דאָרטען געווען, און האָט דעם טעם נאָך נישט פאַרגעסען. געלד שיקט ער — האָט זי זיך געטראַכט, — איך בין שוין צוגעוואוינט צו לעבען אַזוי, אָהן אַ מאַן, טאָ צו וואָס דאַרף איך געהן לעבען צווישען גויים? אלקנה דאַגעגען האָט דווקא געוואָלט, אַז זי זאָל קומען צו איהם; גראַיעווא און גראַיעווער מענשען האָט ער פיינד געהאַט פון אייביג אָן, ער האָט דאָרטען נישט קיין טאַטען און נישט קיין מאַמען און נישט קיין קינדער — צו וואָס זאָל ער ליגען דאָ און זיי דאָרטען, איינזאַם ווי די שטיינער? זעלדע האָט זיך נישט פאַר'עקשנ'ט ווי אַמאָל — דאַן האָט נאָך איהר טאַטע געלעבט און גראַיעווא איז אויך אַנדערש געווען, — נאָר זי האָט אָבגעשטופט איהר אַריבערפאָהרען מיט אַלע מינים תירוצים. צום סוף האָט ער אויפגעהערט שיקען „קלינגענדיגע", און ס'איז קוים אַריבער דריי חדשים, האָט זי איהם אָנגעהויבען בעטען רחמים, אַז ער זאָל איהר שיקען פאַפּירען, ווייל זי וויל לעבען מיט איהם צוזאַמען און „נישט זיין קיין לעבעדיגע אלמנה".

די ערשטע צייט איז ביידען געווען שווער. איהר האָט געפעהלט די „קדישה" אין אַלטען בית־מדרש, דער „גוט העלף" פון די שכנים — די פליאַטקעס פון באָדגאַס האָבען איהר אויך געפעהלט, — און צום ערגסטען איז איהר געווען צו זעהן, ווי איהר מאַן איז אַ ריכטיגער „גוי": פון דאַווענען איז שוין אָבגערעדט, נאָר ער מאַכט חוזק פון איהר פרומקייט, און אַז זי הויבט איהם אָן צו מוסר'ן און דערמאָהנט איהם דעם גיהנום, שעהמט ער זיך נישט איהר צו ענטפערן: „זעלדע, אַז איך וועל שטאַרבען, קאָנסטו מיט מיר אונטערשפאַרען אַ פּאַרקאָן".

איהם איז ווידער שווער געווען, וואָס אַלע איהרע מעשים האָבען געוויזען, אַז זי איז אַ אידישע. איהם האָט מען געהאַלטען פאַר אַ רוס. נאָר איין מאָל, אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, האָט מען איהם געכאַפּט אויפען גאַס און געוואָלט שיסען אַלס שפּיאָן, אָבער אויסער דעם און אויסער דעם וואָס ער איז געווען אַ האַלב יאָהר אין אינטערנירונגס־לאַגער, האָט ער געהאַט נוצען פון דעם, וואָס מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ רוס, דאָס הייסט, נישט פאַר קיין אידען, און אַט איז זעלדע אַראָבגעקומען און זי איז אַנ'אמתע אידענע, אַ אידענע מיט אַלע אותות ומופתים... ערשטענס האָט ער פאַרבעהאַלטען איהר שייטעל: „מען וועט דאָך זאָגען, אַז דו האָסט אַ פּאַרך", האָט ער געטענה'ט. פרייטאָג־צונאַכטס, אַז זי פלעגט אָנצונדען ליכט, פלעגט ער פאַרשליסען די טיר; און אַז אַ שכנ'טע האָט געקלאַפּט אין טיר און ער האָט איהר געמוזט אַריינלאָזען, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס זענען יאָהרצייטס־ליכט — אַמאָל נאָך אַ טאַטען און אַמאָל נאָך אַ מאַמען און אַמאָל אפילו נאָך אַ פעטער אָדער גאָר אַ קוזין. „עס איז אַ מנהג: אַזאַ ביי די יעכטע רוסען אין טיעף רוסלאַנד", האָט ער ערקלערט די שכנ'טעס, און זיי האָבען געגלויבט.

אלקנה האָט געוואוסט, אַז ווען ער איז אונטערוועגס, זיצט זי אויף איהר קרבן־מנחה־סידור, האָט ער איהר אָנגעזאָגט, אַז אויב די שכנ'טעס וועלען אַריינקוקען אין סידור, זאָל זי זאָגען, אַז דאָס איז רוסיש. און זי האָט איהם געפאָלגט. סוף־סוף מיינט דאָך אלקנה מיט דעם נישט קיין צו־להכעיס — אַט אַזוי איז נעביך דער איד צווישען די גויים, אַזוי ווי אַ שעפעלע צווישען וועלף. אָפט פלעגט זי זיך פּיעשטשען פאַר איהם און זאָגען: „און וואָס וואָלסטו געטהון, אַז דיין ווייב קומט צו דיר אַראָב און איהר פנים איז נישט אַזוי רויט און קיילעכדיג, נאָר אַ ריכטיג אידישער פנים, און איהרע האָר זענען נישט בלאָנד, נאָר שוואַרץ ווי פעך" — פלעגט ער שמייכלען און ענטפערען אין זעלבען טאָן: „וואָלט איך איהר אָהער נישט

געבראכט, ווייל דא איז נישט קיין פלאץ פאר אידען". אין מייסען זענען אפילו יא געווען עטליכע אידישע משפחות, אביער אלע „יעקישע אידען", און די האט ער נישט געהאלטען פאר אידען; אין גענענטייל, ער האט זיך געהאלטען פון זיי וויטער ווי פון קריסטען. ער האט זעלדען אויך ערקלערט, אז די „יעקישע אידען" ווילען נישט האבען קיין מגע ומשא מיט א ריכטיגען אידען און אז זיי שטאמען אלע געווים פון די „האהענצאלערנס", וואס זענען ריכטיגע פאטסדאמער... און זי האט געגלויבט. והא ראיה: אין דער מלחמה־צייט איז געווען א דייטשער שוצמאן פון די „גרינע", וואס אלע האבען געזאגט, אז ער איז א איד, פלעגט ער געהן פון שטוב צו שטוב און אריינקוקען אין די אויוועגס, צי מען באקט נישט קיין חלות, און ער פלעגט זוכען נישט־באנדראלירטע פאפיראסען אפילו אין די פוכענע קישענס...

אזוי האט זעלדע געלעבט אין מייסען איין יאהר נאכן אנדערען: א אידיש קינד אין הארצען און אין שטוב, א פראוואסלאוונע מיטן מויל און אין דרויסען. איצט איז איהר דאס זיין אין מייסען נישט אזוי שווער געווען ווי אין דער יוגענד. זי האט געזאגט, אז מייסען איז אנדערש געווארען, און אויך דאס, וואס אנדערע דזשענטשארעס לעבען אין „גורי אריות" (גערויי אין רוים), דעסוי און דערבסט — אלקנה האט איהר געזאגט, אז דאס זענען טל ומטר'ס אנטקעגען מייסען, — דער געדאנק האט איהר אויך לייכט געמאכט אויפן הארצען. אלקנה פלעגט קומען אהיים אלע פאר טעג און פלעגט מיט איהר געהן שפאצירען אין גארטען אדער הינטערן בריק, נעבען די פארצעלאן־פאבריקען, און זי האט פון דעם שטארק הנאה געהאט. „ביי וואלטען מיר די שכנ'טעס אין גראיעווא געזעהן, ווי איך שפאציר מיר אזוי, אין א פשוטען מיטוואך!" פלעגט זי זיך טראכטען און קוועלען, ווי זיי וואלטען איהר טאקי געזעהן און געפלאצט פון קנאה. אלקנה'ן האט זי עס קיינמאל נישט געזאגט, ווייל זי האט איהם נישט געוואלט ווייזען, אז זי איז צופרידען. און אז אלקנה פלעגט זיין אונטערוועגס, פלעגט זי כסדר זאגען תהלים אדער זיך אונטערהאלטען מיט די שכנ'טעס — פערשטאנען האט זי זיי אפילו נישט, געמיינט האט זי אביער, אז זיי פערשטעהען איהר. און אמאל פלעגט זי אראבגעהן זיך דורכשפאצירען נעבען שטוב.

דאס ערגסטע איז געווען מיט כשרות: פלייש פלעגט קומען אין איהר מויל אריין איינמאל אין חדשים און זי, ווי אלע גראיעווער, האט זעהר ליב געהאט א שטיקעל פלייש. די ערשטע צייט האט זי געמיינט, אז זי וועט שנעל אראב פון די כוחות און אין א האלב יאהר וועט זי אויסגעהן ווי א ליכט, נאר זי האט זיך שנעל צוגעוואוינט צו די מילכיגס. זי האט זעהר ליב געהאט קארטאפליעס און צו יעדען אנבייסען פלעגען די קארטאפליעס ביי איהר פערנעהמען דעם פלאץ פון דעם פלייש, און זי איז ברוך השם נישט אראב פון די כוחות און נישט אויסגעגאנגען ווי א ליכט. זי איז געווארען בעלייבטער און אלע קליידער, וואס זי האט מיטגעבראכט זענען געווארען ענג אויף איהר. אלקנה האט שטארק הנאה געהאט פון זעלדען, ווי זי ווערט קיילעכדיגער — ער האט שטארק פיינד געהאט די „דארע דריבקעס", און, ריכטיג געזאגט, איז ער דאך געווארען אלס בחור א פערכאפטער פאר זעלדען נאר ווייל זי איז געווען א דיקליכע. איצט איז זי געווארען קיילעכדיג און ברייט, אזוי ווי א געקראכטער אינדיק, און זי האט געקריגען די געשטאלט, וואס אלקנה האט געהאלטען פאר שען... אז ער, דער שטראמער און הויכער קערל, פלעגט געהן מיט איהר, פלעגט ער זיין שטאלץ אויף איהר, און כדי צו ווייזען יעקען דעם געשמאק פון דעם רוסע, פלעגט ער מיט איהר אריין אין „נאלדענען לעווען" און איהר אוועקזעצען איבער א גלאז ביער, פאר זיך פלעגט ער בעשטעלען א שניצעל. די ערשטע צייט איז זי געווארען בלאס ווי א טויטער, זעהענדיג איהם עסען

דאס „הזיד“, נאר סוף־כל־סוף האט זי זיך צוגעוואוינט אויך צו דעם און פלעגט האבען הנאה צוצוקוקען, ווי ער יעסט מיטן מעסער און גאפעל. „ווי ער שניידט דאס, ווי ער כאפט ארויף אויפן גאפעל, א מייסטער כ׳לעבען“, האט זי געטראכט. ער פלעגט איהר אלעמאל א פרעג טהון, צי ער זאל אויך פאר איהר בעשטעלען א שניצעל, און זי פלעגט שטענדיג אראבלאזען איהר האנד מיט ליבע אויף זיין קאפ און אויסשרייען שמייכלענדיג: „זאל דיך דער טייוועל נעהמען, גוי איינער!“

אזוי ווי ס׳איז איהר געווען א שאד דאס געלד, וואס ער לאזט איבער אין קרעטשמע פאר דעם פליישיגס, האט זי איהם ענדליך אליין פארגעשלאגען, אז זי וועט איהם קאכען אינדערהיים. „ווי וועל איך קאנען עסען, אז דו וועסט זיצען נעבען מיר און נישט טועם טעם זיין?“ האט ער געפרעגט, און זי האט געענט־פערט: „עס מאכט נישט! איך האב ליב קארטאפליעס“. פון דאן אן פלעגט ער ברענגען פלייש פון יאטקע — דאס הארץ האט איהר נישט געלאזען, אז זי זאל געהן אליין קויפען די טריפה — און זי פלעגט איהם מאכען מאכלים, וואס אלע מינים שניצלען האבען געקאנט געהן א כפרה פאר זיי. זעלדע איז געווען א מומחה אויף קאכען: ביי זיי אין דער בעקעריי פלעגען זיך צונויפקומען די וויבער שבת אינדערפריה און געווארט ביז איהר טאטע וועט ארויסנעהמען דעם טשאלענט פון אויוען; ווארטענדיג, פלעגען זיי איינע די אנדערע דערצעהלען, וואס זיי האבען געשטעלט טשאלענט און ווי זיי האבען עס געמאכט, און זעלדע, נאך אלס קינד, פלעגט זיצען אויפן מעהל־קאסטען, וואס איז געווען שבת בעדעקט מיט א ליילעך, און הערען און ס׳איז איהר טאקי אין קאפ אריין... אלקנה איז איהר דאנקבאר געווען פאר די „מעדני מלך“, און זי איז נאך חשובער געווארען ביי איהם. ער פלעגט איהר אפט פרעגען: „זאג, זעלדעניו, ביזטו נישט בעגאנגען א פערברעכען, וואס דו האסט מיך געלאזען צעהנדליגער יאהרען אזוי איינזאם, אהן א ווארעם לעפעל געקעכטס?“ און יער פלעגט כסדר זאגען, אז ס׳איז נישטא אזא עסען ווי דער אידישער, און ווי זעלדעס גענוים און גענוים נישט. און זי האט געקוואלען. און פארוואס טאקי נישט? זי איז דאך א פרוי, און יעדע פרוי וויל נושא חן זיין ביי איהר מאן. ער הארעוועט, שלעפט זיך ארום מיט די בלעכען שמיער, קלייבט א פרוטה צו א פרוטה — פאר ווען? זי האט נישט געוואלט צולאזען דעם גדאנק, אז אלקנה וועט אמאל שטארבען; דאך אבער פלעגט זי אמאל זעהען דאס בילד— אין א גאנץ ווייטער צוקונפט — און זי האט געטראכט וועגען איהם מיט מיטלייד און מיט דאנקבארקייט, וואס ער ווארפט נישט מיט דעם געלד און קלייבט עס פאר איהר. אלקנה איז אינגאנצען עלטער געווען פאר איהר מיט דריי יאהר און דאך איז איהר קיינמאל נישט געקומען אויף דעם גדאנק, אז זי קען שטארבען פאר איהם. זי איז דאך אלט ביי דריי און פופציג יאהר (דאס האט זי געוואוסט בערך) און אנדערע ווייבער אין איהר עלטער הערען נאר וואס אויף צו קינדלען) — טא ווי קען זי קלערען וועגען טויט? אלקנה איז אויך געזונד און שטארק. אין דער אמת׳ן זענען אלע יאהרען פארביידע געווען א צייט פון צער און יסורים און נאר איצט, נאר איצט ווייסען זיי פון א לעבען ווי א מאן מיט א פרוי, און ווען דאס לאנד איז נישט אזא גוישע און אלקנה איז נישט אזא גוי, וואלט זי דאך געווען ממש אין זיבעטען הימעל. א אנדערען האט זי נישט מוחל געווען פאר אנ־ריהרען א לייכטער אום שבת. און אז זי האט געהערט, דאס די יונגע פעך־הענדלער זענען „פריי“, האט זי אויף זיי שטארק פעראיבעל געהאט און זיי אפילו געשאל־טען, אבער איהר אלקנה איז אין איהרע אויגען געווען אנדערש ווי זיי: ער איז דאך א איד, נאר דאס לעבען צווישען די גויים האט איהם געבראכט צו דעם. אז ער פלעגט איהר ברענגען אמאל כשרע פלייש פון דרעזדען, האט זי איהם גע־גלויבט, אז ער נארט איהר חלילה נישט אב.

פונדערסטוועגן האט זעלדע אפט געליטען אויך אין די גוטע יאהרען. די ווייסע ווינטער־טעג, וואס געבען צו צו אלץ איין צורה, פלעגען אין איהר דערוועקען בענקעניש נאך גראיעווא. נאר איהר בענקען פלעגט זי טראגען אין זיך און אלקנה'ן האט זי א ווארט נישט געזאגט.

אין איין שענעם זומער־טאג האט זי געקריגען א בריף פון איהר שוועסטער, אז די מאמע איז שווער קראנק. אז אלקנה איז געקומען יענעם אווענד פון אונטערוועגס, האט ער איהר געפונען ליגענדיג אין בעט און וויינענדיג. אז זי האט איהם געזעהען האט זי זיך פשוט פערכליפעט. ער האט זיך שטארק דערשראקען, נאר אז ער האט געהערט, וואס ס'איז געשעהען, איז איהם ווי מיט אמאל אראב א שטיין פון הארצען. ער האט איהר געטרייסט: „א מענש לעבט דאך נישט אייביג", און זי האט אויסגעבראכען אין א גרעסערען יאמער: „ווי קענסטו אזוינס זאגען, אלקנה? ס'איז דאך מיין מאמע". אין א ווײַלע ארום האט זי איהם געזאגט: „אלקנה, איך וויל פאהרען קיין גראיעווא — פאראיאהרען נאך האסטו מיר צוגעזאגט, אז דו וועסט מיך לאזען פאהרען אויף ימים נוראים און איך האב עס פון דיר נישט פערלאנגט, אבער איצט וויל איך פאהרען און זעהען מיין מאמען נאך איין מאל, נאך איין מאל" — און זי האט זיך פערהוסט כליפענדיג.

ער האט בשעת מעשה א קלער געטהון אז זי איז דאך שוין דריי יאהר פון גראיעווא, און אז אויב זי וועט נישט פאהרען היי־יאהר, וועט זי פאהרען איבעריאהר; אויסער דעם האט ער טאקי אויף איהר רחמנות געקריגען. „פארוואס נישט? — האט ער געזאגט זיך אויפשטעליענדיג — וויין נישט, זעלדע, אנ'אלטע אידענע וויינט, פאר דיר פאסט נישט צו וויינען". זי איז אראבגעשפרונגען פון בעט, אין איין העמד, און האט איהם ארומגענומען פאר דאנקבארקייט. ער האט געשמייכעלט און געזאגט מיט ליבע: „דו האסט צוגענומען — מיין פאשע איז אנגעלייגט", „רעד נישט אזוינע חזיר'שע רייד", האט זי געענטפערט מיט א שמייכעל, בשעת די טרעהרען זענען נאך געהאנגען אן איהרע ברעמען, און זי האט זיך ווידער אריינגעקייקעלט אין בעט.

אין לייפציג האבען זיי געהאט א קרוב, א יונגערמאן, וואס האט געלערנט אין קאנסערוואטאריום. געהייסען האט ער וואלף קירשבערג. אדער ווי מען האט איהם גערופען אין דערהיים — וועלוועלע. וואס איז געווען די קרובה'שאפט צווישען זיי? ערשטענס, אלע גראיעווער, ווי כל ישראל, זענען קרובים; צווייטענס, אין דיער מלחמה־צייט זענען אויך זיינע עלטערן אנטלאפען קיין ביאליסטאק און געלעבט דארטען אין דחקות, כאטש אין גראיעווא זענען זיי געווען פערמעגליכע מענשען. זעלדע פלעגט זעהר אפט וועלוועלען געבען א בולקע אדער א שטיקעל שאקאלאד, און אז זי פלעגט קאכען א גוטען מאכל, א בארשטש אדער קאשע פיצרפרעגעלט מיט ציבעלע, פלעגט זי איהם אויך געבען א טעלערעל; דריטענס, וועלוועלע איז געווען א גרויסער לץ און אזוי ווי דאס לעבען פון אלקנה'ן מיט זעלדען אין מייסען האבען איהם געגעבען מאטעריאל אפצולאכען, פלעגט ער זיי אפט בעזוכען יום־טוב־צייט; און פירטענס, ער האט קיין שייכות נישט געהאט צום שמייעד־געשעפט, און דערייבער האט איהם אלקנה ליבער געהאט, און ממילא זעלדע אויך, ווי אלע אנדערע גראיעווער אינגלעך, וואס האבען זיך א לאז געטהון ווי די היישעריקען אויף דער פרנסה, וואס ער און אנדערע פעך־אידען האבען זיך געקוועלט צעהנדליגער יאהרען, ביז זיי האבען איהר פאר א ריכטיגע פרנסה געמאכט. זעלדע האט שטענדיג געטענה'ט, אז זי איז א ריכטיגער קרוב מיט וואלפס עלטערן, א שלישי ברביעי אדער א רביעי בחמישי, אבער מיט נעמען האט זי עס קיינמאל נישט געקענט בעווייזען אזוי צי אזוי, וועלוועלע איז געווען זייער ידיד. — זעלדע האט מיט זיך מיטגעבראכט קיין מייסען די פאסט־שפאר־ביכלעך פון פאר דער מלחמה — זי און אלקנה

האָבען געגלויבט זיכער, אַז אַזאַ מדינה ווי רוסלאַנד וועט נישט אָנזועצען — און אַזוי ווי וועלוועלע לעבט דאָך אין אַ גרויסער שטאָדט און ער וועט זיך דאָך צו דער ריכטיגער צייט דערוויסען, ווען רוסלאַנד וועט בעשליסען צו צאָהלען די שפּאָר־ביכלעך, האָט זי איהם געגעבען די ביכלעך, אַז זיי זאָלען זיין ביי איהם. זי איז גע־ווען זיכער, אַז ער וועט חלילה נישט נעהמען איהר געלד, נאָר אָנגעזאָגט האָט זי איהם, אַז ער זאָל זיי נישט פערלירען, ווייל אלקנה האָט שווער געאַרבייט אויף דאָס געלד און זי האָט זיך נישט פערגינען דעם ביסען אין מויל און געשפּאָרט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, אַבי אַרויפקלעבען מעהר מאַרקעס אויף די ביכלעך... אָט צו דעם וועלוועלען האָט זי געשיקט אויפן צווייטען מאָרגען אַ אייל־בריעף, אַז זי קימט קיין לייפּציג צו נעהמען אַ וויזע ביים פּוילישען קאָנסול און זי בעט איהם, אַז ער זאָל איהר אָבוואַרטען מאָרגען פריה אויפן וואָקזאַל.

זי איז אָנגעקומען אינדערפריה מיט'ן ריכטיגען צוג. די טהירען האָבען זיך געעפענט ווי מיט אַמאָל און די וואַגאָנעס האָבען ווי אַרויסגעשיט פון זיך הונדער־טער פּאַסאַזשירען. זעלדע איז אַרויס פון וואַגאָן און געבליבען שטעהן. זי האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אַז וועלוועלע וועט איהר אָבוואַרטען ביי דער טהיר. זעלדע האָט בעטראַכט דעם גלעזערנעם האַלב־רונדען דאָך פון גרעסטען באַהנהויף אין איי־ראָפּאַ. זי האָט געהערט דאָס פייפען פון די צוגען, וואָס לויפען איין און אויס יעדע מינוט, און זי איז גאָר אַ צומישטע געוואָרען. „ימח שמו זאָל ער ווערען, ער איז נישט געקומען!" האָט זי צו זיך געזאָגט, אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען. זע־הענדיג, אַז אַלע געהען צו דער זייט פון דעם לאָקאָמאָטיוו, איז זי זיי נאָכגעגאַנ־גען. דערנעהנטערענדיג זיך צום דורכגאַנג אויפן וואָקזאַל, האָט זי דערזעהען וועל־וועלען, שטעהענדיג אָנגעשפּאַרט אויף דעם אייזערנעם צוים. ער האָט אַ מאַך גע־טהון צו איהר מיט'ן האַנד. „וואָלף" האָט זי אויסגעשריען לעבעדיג און אָנגעהויבען געהן שנעלער, טראָגענדיג אין איין האַנד אַ גרויסע וואַליזע און אין דער אַנדערער אַ געשטריקטען קאָשעק און אַ פלאַש. אָט האָסטו! האָט זי אויסגעשריגען פון דער אַנדערער זייט צוים, אויפהויבענדיג מיט אַ שמייכעל די פלאַש. „געהט נאָר פריהער אַריבער", האָט איהר וואָלף צוגעוואונקען. דערווייל האָבען זיך אָבגע־שטעלט הינטער איהר צעהנדליגער מענשען און נישט געקענט פערביי. „אַביסל שנעלער!" האָט איהר דער קאָנטראָלער צוגעשריען און זי האָט זיך שווער דורכגע־שטופּט דורך די „שפּערע". „נאַ דיר — האָט זי אַריינגעשטעקט דעם אויסגעפּוצטען בחור אין האַנד די פלאַש — דאָס איז אַ באָרשטש פון יונגע בוראַקעס, איך האָב עס פערוויסט מיט צוויי אייער און שמעטענע אויך אַריינגעטהון; איך וויים דאָך פון ביאַליסטאָק — אַ רמז אויף די אַמאָליגע חסדים — אַז דו האָסט עס ליעב".

„און וואָס האָט איהר אין דער וואַליזע, זעלדע קרוין?" — האָט ער געפרעגט. „מען קען זאָגען, אַזוי גוט ווי גאָרנישט — איך האָב אַ קלייד, איז עס שמאָל געוואָרען אויף מיר, האָב איך געמיינט, אַז דו וועיסט עפּעס פון אַ גוטער שניידערקע, דאָס איז דאָך אַ גרויסע שטאָדט, און אַ קלענערען טשעמאָדאַן האָב איך נישט". „אויב מיר געהן צום פּוילישען קאָנסול — האָט ער געזאָגט — וועלען מיר לאָזען דעם טשעמאָדאַן אין באַהנהויף אויף אויפבעוואַהרונג". „אויב ס'דאַרף קאָסטען געלד, דאַרף מען נישט, זעה נאָר ווי לייכט עס איז, איך קען איהם טראָגען וויאָרסטען".

„עס קאָסט גאָרנישט", האָט ער געענטפערט און ער האָט צוגענומען פון איהר די וואַליזע, אַריינגעטהון אינעווייניג די פלאַש מיט דעם באָרשטש און אָבגעגעבען אויף אויפבעוואַהרונג. „וועלוועלע, מען וועט חס ושלום נישט צוגנבענען?" האָט זי גע־פרעגט אַפּאָר מאָל. ער, דער עלעגאַנטער יונגערמאַן, האָט איהר געמוזט האַלטען ביים האַנד, אַראָבפיהרענדיג איהר פון די פול טרעפּ, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז עס שווינדעלט איהר דער קאָפּ אַראָבקוקענדיג אונטען. אפילו וואָלף דער לץ איז רויט

געוואָרען, זעהענדיג, ווי דער עולם קוקט עס אָן ווי זי האַלט זיך אָן איהם מיט אַלע קרעפטען, אראָבגעהענדיג פון די ברייטע בעקוועמע טרעפּ, אַזוי ווי וואָלט געגאַנגען אויף אַ שמאָלען שטיג צווישען הויכע בערג... „דער שווארץ יאָהר זאָל זיי נעהמען! אויפ׳ן גראַיעווער וואָקזאַל וויים מען נישט פון אַזוינע צרות״ האָט זי געשאָלטען אין אַ טויטער שוויים האָט איהר בעדעקט.

אַז זיי זענען אַרוים פון וואָקזאַל און זיי האָבען זיך געלאָזען געהן צום קאָנסור־לאַט, וואָס איז געווען נאָהנט נעבען וואָקזאַל, האָט זי איהם אָנגעהויבען דערצעה־לען וועגען איהר מאַמען און וויינען אויפ׳ן קול. ער האָט איהר געבעטען רחמים, אַז זי זאָל נישט ווייסען אַזוי אויפן גאַס, און זי האָט זיך אויף איהם געבייזערט:

— פון ווען ביסטו דאָס געוואָרען אַזאַ פריץ? אין ביאַליסטאָק וואָלסטו מיך אויך געלערענט וואָס איך האָב צו טהון? — צום סוף האָט זיך זעלדע בערוהיגט. זי האָט בעקוקט אין די וויסטאַוועס. זיי זענען פאַרביי אַ גרויסען וועש־געשעפט. אין פענסטער זענען געווען אויסגעשטעלט וואַקסענע פיגורען, אָנגעטהון אין פער־שידענע העמדער.

— ווי זיי שעהמען זיך דאָס נישט. — האָט זי געשטוינט מיט פערלעגענ־הייט — אַזוינע חצופות, כמעט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט!

און דאַן האָט זי זיך געווענדעט צו וואָלפ׳ן שטיל: „וועלוועלע, דו קוקסט אויך אויף דעם?“ — „חלילה!“ — האָט ער געענטפערט מיט אַ פול מויל.

דערווייל האָט זי בעקוקט די וועש און צום סוף געזאָגט: „מיינסט אפשר, אַז איך דאַרף עס נישט? — און דאַן שטילער: — ווי גאָט איז מיר ליב, אַלץ פּלאַצט אויף מיר, פון די בולוועס“...

דאַן זענען זיי פערביי אַ הוט־געשעפט. עס זענען געווען אויסגעשטעלט הימ פון דער נייעסטער מאָדע אויף שעניע, וואקסענע קעפּלעך. זי איז געבליבען שטעהן.

— וועסט אריין מיט מיר? איך וואָלט מיר געקויפט אַזאַ היטעלע; די וויי־בער אין גראַיעווא וואָלטען פון זינען אראָב. — און זי האָט אַ וויז געטהון אויף איין וואקסענעם קאָפּ. וואָלף האָט אַ וואָרף געטהון אַ בליק אויף דעם בעחנ׳טען קעפּעל פון דעם מאָדעל און דאַן אויף דעם גרויסען גראָבען קאָפּ פון זעלדען און געענטפערט: „שפּעטער, שפּעטער, זעלדינקע; איצט וועלען מיר זיך צואיילען צום קאָנסול“.

זיי זענען אָנגעקומען אין פוילישען קאָנסולאַט. זי האָט גערעדט, פערשטעהט זיך, „דייטש“. וואָלף איז געשטאַנען די גאַנצע צייט נעבען איהר, זיך איבערגע־וואָרפען בליקען מיט׳ן סעקרעטאַר און ביידע האָבען זיך קוים איינגעהאַלטען פון לאַכען. דעם גאַנצען געשפּרעך קען מען פערשטעהן פון איהרע ענטפערס, און כדי ס׳זאָל חלילה נישט געמינדערט ווערען פון זייער חן, ווערען זיי דאָ ווערטליך איבערגעגעבען:

— יאָ — זעלדאַ — זעלדאַ מילער (דאָ דאַרף בעמערקט ווערען, אַז זי האָט אויסגעשפּראָכען — ווי אַלע גראַיעווער — דעם למד מיט די ליפּען און אַ ריש ווי אַ וו. די דזשענטשארעס זאָגען, אַז דאָס שטאַמט פון וועלוועל באָס. וואָס זיין נאָמען בעשטעהט נאָר פון וו׳ן און למד׳ן).

— מאַי מאָן, מאַי גימאַל אי נישטאַרבון.

— יעו, אוס גראַיעוואָ; גראַ־יע־וואָ; אפילו פוילען, אָבער אַזוי גוט ווי פּריי־סען — זי ווייסען דאָך: קעניגסבערג, ליק, פּראָסקי, גראַיעוואָ.

— וואָס? אין די בעדער? זאָל אַזוי ביי מיר אין שטוב קיין צער נישט זיין.

דער סעקרעטאַר האָט איהר חושד געווען, ווי אַנדערע ווייבער, אַז זי וויל ביי איהם אַרויסקריגען אַ בילינגערען פּאַס און נאָכהער אַוועק אין אַ באַד. זי האָט עפּעס אַ מורמעל געטהון וואָלפ׳ן און פאָרטגעזעצט מיט וויינענדיגער שטימע:

— מיין ארמי, קראנקי, שוואכי מוטער ליגט אין שטערבען — און אָבווי־שענדיג די אויגען מיט'ן טיכעלע, האָט זי ארויס־גענומען פון האנד־בייטעל איהר שוועסטערס בריעף און איהם געגעבען וואָלפ'ן. וואָלף האָט געכאפּט א קוק און ערקלערט דעם סעקרעטאַר, אז ער דאַרף איהר נישט פערדעכטיגען. דער סעקרעטאַר האָט געגלויבט און געזאָגט וואָס עס קאָסט.

— וואָס? כ'הער נישט — צעהן מארק — פון וואנען וועל איך נעהמען? איך פאָהר דאך נישט אין די בעדער; צו מיין אָרימער מוטער.

— דריי מארק ווילען זי איז גוט, א ניט דאַרף מען נישט — האָט זיך זעלדע געדונגען.

זי ווענדט זיך צו וואָלף'ן: „וואָס פאר א בעגעגעניש איז דאָס? זאָ וואָס האָט מיר נאך אין לעבען נישט פּאסירט".

ער ערקלערט איהר, אז עס איז דאָ א בעשטימטער טאריף, אָבער זי האלט זיך ביי איהרס.

— איך קען ברענגען א בריף פון ראבינער, אז איך בין א אָרימע פרוי— מיין מאן הארעוועט שווער און ביטער אויפ'ן פעניג.

דער סעקרעטאַר און וואָלף לאַכען. „איהר האָט דאך געזאָגט, אז אייער מאן איז געשטאָרבען" — מורמעלט וואָלף, און זי ווענדט זיך צום סעקרעטאַר און כאפּט פערריכטען איהרע רייד:

— מאיי געמאל, מאיי געמאל האָט מיך אוועקגעוואָרפען — איך שעם זאך צו זאָגען.

— אַלזאָ, הערר קאָנסול, נעהמען זי פינף און פּארטיג.

צום סוף האָט זי א זאָג געטהון מיט א זיכערען און ברוגז'ן טאָן:

— עס איז א שאָדע די צייט, מעהר וועל איך נישט געבען!...

און אז זי האָט א לייג געטהון די פינף מארק אויפן טיש, האָט וואָלף שנעל צוגעלעגט די אנדערע פינף מארק, און דער ענין האָט זיך געענדיגט.

— דער אינגעל וועט אָבנעהמען — האָט זי געזאָגט דעם סעקרעטאַר אָנוויי־זענדיג אויף וואָלפ'ן. און אז זיי זענען ארויס, האָט זי זיך געבייזערט אויף וואָלפ'ן: „איהר, יונגע, פּאטשט מיט די געלד; דו האָסט דיר א תלמיד, פיקסט אָב א שעה אויפ'ן פיאנע און קריגסט דיינע פאר מארק — עס קומט דיר אָן לייכט; ער וואָלט געווים גענומען ווענינגער, ווען דו כאַפּסט זיך נישט ארויס — דיין געלד איז מיר אויך א שאָד, דו האָסט בעסער געקענט שיקען די פינף מארק דיין קראנקען טאַטען".

אין אָווענד איז זי נעפאָהרען צוריק קיין מייסען, און אין זיך האָט זי שטארק געהאַט פעראיבעל אויף וואָלפ'ן, וואָס ער האָט איהר צוגערעדט צו פאָהרען צוריק נאך דעמזעלבען אָווענד „ער האָט א גרויסען צימער מיט א בעט און א סאָפקע אויך — האָט זי זיך געטראכט, געהענדיג נעבען איהם צום באהנהויף — און וואָס האָט ער מורא? האָב איך איהם דען אין ביאליסטאָק נישט געהאלטען ווי מיין אייגען קינד? דאָס איז דער שכר פון א נארישער אידענע!"

אין שטוב איז זי אָנגעקומען קרוב האלבע נאכט און אלקנה האָט גאָרנישט ערוואַרט, אז זי וועט היינט קומען. אלקנה איז אויך געוועזען אין כעס אויף וואָלפ'ן און, ליגענדיג אין בעט מיט'ן קאָפּ צום וואנד, האָט ער געזאָגט: „אלץ וויייל די בינסט אזא פערד — שלעפּסט נאך מיט פאר איהם בארשטש און דו טהוסט אריין אייער, וואָס א הון קען לייגען א גאנצען זומער, און אז ער קומט קיין מייסען שטאָפּסטו אין איהם פון פאָרנט און פון הינטען מיינע פליישיגע און דיינע מיל־כיגע", — ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט זי זיך דערמאָהנט, אז דער באָרשטש איז געבליבען אין טשעמאָדאן. עס האָט איהר שטארק הנאה געטהון און, ארויס־

געהמענדיג די פלאש, האט זי געזאגט אלקנה'ן: „ער איז מסתמא אזא בארשטש נישט ווערט“.

אויף מארגען האט איהר אלקנה אוועקגעפיהרט קיין בערלין און איהר אריינגעזעצט אין צוג, וואס פאהרט קיין אסט-פרייסען. ביידע האבען זיך דאן דערמאהנט, ווי ער האט איהר בעגלייט מיט צעהנדליגער יאהרען צוריק, ווען זיי זענען נאך יונג געווען, צום זעלבען באהן אויפ'ן זעלבען וואקזאל. ער איז געווען צופרידען: דאן האט זי איהם פערלאזען, ווי א טייוועל, און איצט פאהרט זי נאר אויף א חודש צוויי. זי וויינט ביים געזעגענען זיך און בעט איהם, ער זאל עסען אין „גאלדענעם לעווען“ שניצעל און בראטען און ער זאל זיך לאזען וואהל געהן... און זי איז געווען טרויעריג: דאן איז זי געפאהרען קיין גראיעווא און טאטע-מאמע האבען נאך געלעבט, און איצט — — דאן זענען זיי נאך ביידע געווען יונג און זי האט ערווארט א קינד און איצט זענען זיי קינדערלאז; זיי זענען טאקע ביידע געזונד, אבער מען ווערט אלט... אז דער צוג האט זיך געריהרט, האט זעלדע אויסגעבראכען מיט אזא געוויין, אז עס האט די מענשען דערמאהנט דאס געוויין פון די מאמעס אין די לעצטע מלחמה-יאהרען, ווען זיי האבען בעגליקט זייערע קינדער, וואס זענען אוועק אויפן שלאכט-פעלד. אלקנה'ן האבען זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען ער האט געזעהען, ווי זי פאכעט מיטן טיכעלע און ער איז געשטאנען אונבעוועגליך, אנגעשפארט אויפן שטעקען, כדי דער עולם זאל נישט בעמערקען, אז איהם מיינט דאס זעלדע..

זי האט איהר מאמען געפונען א גוסס'ע. אין אנדערהאלבען טעג ארום איז זי געשטארבען.

זעלדע איז געבליבען אין גראיעווא נאר איבער די שבעה-טעג. מען האט איהר אפילו געבעטען, זי זאל בלייבען דעם גאנצען זומער, בפרט אז אזא רייזע קאסט דאך א שלל מיט געלד, נאר זי האט זיך אין גראיעווא קיין ארט נישט געפונען. אלץ האט איהר אויסגעזעהען אזוי דארפיש און פראסט, אפילו דער שטשוטשינער וועג און די נייע אלעע נעבען דער פאסט, און בפרט די באד-גאס, וואו איהר משפחה איז געזעסען. אלץ וואס איהרע קרובים האבען גערעדט, האט איהר אויסגעזעהען נאריש, בפרט דזשעגטשארסקע אלמנות און בעקערקעס, וואס זענען אמאל געווען איהרע חברטארינס. זי האט געשטוינט: נאך וואס האט זי אזוי געבענקט נאך דער באגנע און די איינגעפאלענע „ביזדרעס“? נאך די נארישע טענות פון די „יענטעס“, וואס האבען די גרויסע וועלט נישט געזעהען? זי וואלט געווים גליקליך געווען, ווען זי וואלט געקענט אריבערפיהרען דעם אלטען בית-מדרש קיין מייסען: זי וואלט געגאנגען דאווענען אלע שבת און יום-טוב, און אפשר וואלט דאן אלקנה אויך אנדערש געווארען (אויף דעם האט זי נאך שטענדיג געהאפט). אבער וואס קען אזא פשוטע קליינע אידענע, ווי זי, זאגען דעם רבונו של עולם, וואס ער האט צו טהון? — זי האט געלאזען א פאר מארק אויף ליכט דעם אלטען בית-מדרש, צוויי מארק האט זי געגעבען יעדער חברה (נאר חברה קדישא נישט, וויל ביי איהר מאמעס קבורה האבען זיי געוואלט פון איהר די הויט אראברייסען); דער שוועסטער האט זי געלאזען געלד אויף א מצבה, און אוועק צוריק קיין „פרייסען“.

אז זי איז געקומען צוריק קיין מייסען, אין איהר אויבער-שטיבעל, האט זי זיך געפיהלט ווי זי וואלט אריין אין א פאלאץ. נאכדעם ווי זי האט מיט גרוים געוויין דערצעהלט אלקנה'ן, ווי איהר מאמע איז געשטארבען, האט זי אנגעהויבען שיטען פעך און שוועבעל אויף גראיעווא, און ער האט זיך צוגעהערט, שטארק הנאה געהאט און געזאגט: „דרייסיג יאהר עלטער האסטו געדארפט ווערען, ביז דו זאלסט איינזעהען, וואס איך האב געזעהען! נאך אלס יונגעל“. און אז זעלדע האט עס נע-

הערט, האָט זי זיך איבערגעבויגען איבער איהם, און מיט איהרע פלײשיגע ליפּען האָט זי איהם אַ קוש געטהון אויפן באַק און געענטפערט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל: „איך האָב דאָך שטענדיג געזאָגט, אז דו בינסט אַ געבוירענער מי־ניסטער“

# דער ערשטער ניצוץ

אז אין דייטשלאנד איז געווארען די אינפלאציע און דאס געלד איז געווארען ביליגער ווי מיסט, איז אלקנה ארומגעגאנגען א צומישטער. אונטערוועגס פלעגט ער טרעפען די יונגע, די „מאדערנע" פעך־הענדלער, פלעגט בעטראכטען זייערע אויס־געפאשעטע רויטע מארדעס, און פלעגט זיי מקנא זיין: זיי זענען נאך יונג און האבען כוח דורכצומאכען יעדען שטורם. אין גוטע צייטען פלעגט ער אויסהערען פון די שכנים די נייעס פון די צייטונגען און פלעגט עס נאכהער דערצעהלען זיינע פויערן. זיי האבען זעהר געאכטעט דעם „ריסע", וואס ברענגט זיי אלע נייעסען, און דער עיקר דאס נייעס, אז פראנקרייך וועט באלד האבען די אמת'ע מפלה... בעת דער אינפלאציע אבער — אדער ווי ער האט עס גערופען, אין דעם פאפיר־מבול — איז ער געווען אין גרויסער פערלעגענהייט: וועט ער ראטען די פויערן צו האלטען דאס פאפיר־געלד און אויב עס וועט חס ושלום ווייטער פאלען, וועט ער זיך נישט טארען ווייזען אויף זייער שוועל; און אויב ער וועט זאגען דעם היפך, קאן דאך ווייטער פאסירען דער היפך. אז די פויערן האבען איהם דאך געפרעגט, וואס ער מיינט, פלעגט ער ענטפערען: „קיינער קאן נישט זאגען, וואס דער פינאנץ־מיניסטער טראכט, אפילו די באנקירען אין דרעזדען זענען ווי צומישטע".

ער האט צוליב זיך אליין אויך געהאט גרויס עגמת־נפש, און ארויספאהרענדיג יעדען פריהמארגען אין די ארומיגע דערפער, האט ער געזאגט זעלדען: „עס איז אפשר בעסער אין די קרחת'דיגע טעג זיצען אין שטוב און גארנישט טהון". זי האט איהר מיינונג קיינמאל נישט געזאגט. „מען דארף זיך פערלאזען אויף גאט", האט זי געמורמעלט, און זי האט זיך פערלאזען אויף איהם, אויף איהר אלקנה'ן.

אז מען האט אנגעהויבען צעהלען מיליאנען, איז ער מבולבל געווארען — איצט האט ער געוואוסט ווי שלעכט עס איז, אז מען קען נישט לייענען. ביז ער האט זיך איינגעוואוינט צום פארב פון א מיליאנענדיגען באנקנאט, האט עס שוין גע־האלטען ביי מיליארדען און איין בריף־מארקע האט געקאסט א מיליארד. לכתחילה האט ער זיך געוויצעלט: „מיר זענען מיליאנערען, זעלדע! ווען ר' הערצקע זאל אויפשטעהן פון קבר, וואלט ער ווידער געשטארבען בלויז פון קנאה", אדער ער פלעגט א פרעג טהון זעלדען איידער ער פלעגט ארויס פון שטוב: „וויפיעל מיליאנען דארפסטו אויף טאג־הוצאות?" „דער טייוועל וויים זיי, די טפשים", — פלעגט זי ענט־פערען. נאר צום סוף האט ער שטארק מורא געהאט, אז דאס פאפיר־געלד וועט צו גארנישט ווערען און ער האט אפט געטראכט: „אויב עס וועט חס ושלום ווערען א מלוכה־באנקראט, וואס טהו איך דאן?"

און אז עס איז טאקי דערגאנגען צו דעם, איז ער שיער נישט פון זינען אראב, ער האט געשאלטען די מיניסטארען, די באנק־דירעקטארען, אלע: זיי איז גוט צו זיצען אין די פארלאמענטען און מיט איין קראץ מיט'ן פעדער צונישט מאכען דעם מענשענס פראצע, וואס ער האט געקליבען זיין גאנץ לעבען! „איך האב שטענדיג געזאגט, אז די, וואס האלטען די פעדער אין האנד, ברענגען אום די וועלט — אין ד'ערד מיט דער פעדער!"

אויף זיין גליק איז איהם געבליבען אויף לאגער א ביסעל סחורה, נאר דורך דער נאכט האט ער דאך פערלוירען זיין האלבען פערמעגען, נישט האבענדיג גע־מאכט קיין שלעכטע עסקים, נישט האבענדיג אנגעווארען דעם טייסטער. — ווי ער האט זיך נאר דערוואוסט פון באנקראט, איז ער ארומגעגאנגען איבער'ן צימער ווי א משוגענער אין, ארויסגעהענדיג כאפען עפעס נייעס, האט ער זעלדען צוגע־

רופען: „איך וועל אוועק קיין דרעזדען און וועל די מיניסטארען אין פנים שמייסען די מיליאנען און איך וועל בעטען צוריק די טויזענדער, וואס איך האב שווער פערהארעוועט אין פיערציג יאהר!"

— מיט וואס איז דיר ערגער פון אנדערע? — האט זי געפרובט איהם צו בערוהיגען, נאר ס'האט איהם נאך מעהר אויפגערעגט.

— דו ביזט א נארישע פרוי! — האט ער געשריגען — ווער איז ביי דער בראנזשע געבליבען? עס זענען אראבגעקומען יונגע חברה, וואס האבען גארנישט געהאט און גארנישט פערלוירען; זיי ווייסען נאר פרעסען און זויפען און אויסגעבען דאס געלד אויף זונות — זיי וועלען איצט ווידער פערדינען און ווידער מקיים זיין די „מצווה" און זיך פאשען ווי די חזירים; קענסטו מיך, טפש, גלייכען צו זיי?

ס'האט איהם אבער גארנישט געהאלפען און ער האט נעביך געמוזט אנהויבען אלץ פון בראשית. פון זיין גאנצען געלד האט ער בעזונדערס געהיט די טויזענדמארק־שיינען מיט די רויטע שטעמפעלעך. עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג אין דייטשלאנד און אויך אין אויסלאנד, אז די דאזיגע געלד־שיינען מוז די רייכסבאנק איינלייזען און יעדער האט געזוכט אט די פאפירלעך. אלקנה האט געהאט אזויגע צוואנציג שטיק; האט ער זיי אנגעטהון זעלדען אויפ'ן האלז אין א קליין זעקעלע און זי האט עס געטראגען א שטיק צייט. אט די האפנונג איז שנעל צו גארנישט געווארען, אבער אלקנה — און ממילא זעלדע — האט פונדעסטוועגען ווייטער געהאפט, און אפט פלעגט ער מיט'ן פינגער טייטלען אויף זעלדעס ברוסט און זאגען: „דא ליגט אונזער ישועה, מיר וועלען נאך ווערען גבירים! ווי מיר האבען געזעהען, טויג נישט א מיליאנער צו זיין, אבער א נגיד איז גאנץ גוט". ער האט געהאפט אויף די „רויטע שטעמפעלעך" אין זעקעלע, און זי — אויף די רוסישע שפארביכלעך, וואס זענען געלעגען ביי וועלוולען אין לייפציג. אבער בינו לבינו האט ער שווער געארבייט — און כוח האט ער שוין נישט געהאט ווי אמאל — און זי האט צוגעקארגט אין שטוב, כדי ווידער צו קלויבען א פרוטה צו א פרוטה אויף דער עלטער.

— ווען גאט וואלט אונז מזכה געווען מיט קינדער, וואלט דער קאפ נישט געדארפט אזוי אויסדארען — פלעגט זעלדע אפט זאגען, און ער פלעגט ענטפערען: „אך און וועה איז דעם, וואס דארף אנקומען צו קינדער".

און אז ער פלעגט פערדינען א פאר צעהנדליג מארק, פלעגט ער איהר א קלאפ טהון אויפ'ן פלייצע און זאגען מיט שמחה: „אז דיין אלקנה וועט אלט זיין אכציג, וועט ער נאך גיכער פערדינען א טאלער ווי די יונגע חברה־לייט, וואס פאשען זיך ווי די שווייגען". געמיינט האט ער מיט דעם די יונגע בחורים, וואס זענען אראבגעקומען פון גראיעווא און זיך גענומען צו דעם מסחר. זיינע יוגענד־חטאים האט ער גאנץ שנעל פערגעסען, נאר ער האט בלויז געזעהען זייערע חטאים. ער, לכל הפחות, האט אבגעהיט פסח און געפאסט יום-כפיר, און זיי האבען פון גארנישט געהאלטען. זיי ווייסען נאר פון הולטייען, און אויף דעם דארפען זיי קורח'ס אוצר, טא וואס טהוען זיי? פערלויפען זיי אין יעדען דארף און כאפען אויס דאס שטיקעל ברויט דעם עהרליכען פעך-אידען. דעריבער האט זיי אלקנה אזוי פיינד געהאט.

און ס'איז געווען א מעשה, אז ער האט זיך אמאל מיט איינעם פון זיי, מאקס ענגעל, געטראפען אין א גוט, וואו אלקנה פלעגט ליפערען סחורה זייט דרייסיג יאהר. אז אלקנה האט דערזעהען דעם יונגען פראנט, איז ער אנגעצונדען געווארען און איהם געזאגט אין דער געגענווארט פון גוטבעזיצער: „מאך דאס דו פארטקאמסט, יודע, און ווען נישט — האלט דיך דער טייפעל!" דער חברה־מאן, אזוי ווי אלע וואס האבען זיך גענומען צו דער פרנסה (זיי האבען זיך גערופען „אייל־אגענטען"),

האָט זיך נישט אָבגעשראָקען און ער האָט איהם געענטפערט אין זיין מאַמען אַריין. אלקנה האָט קיין סך נישט געטראַכט און אַראָבגעלאָזען אויף איהם עטליכע מאָל דעם גראָבען שטעקען. ווען דער גוטבעזיצער זאָל זיי נישט פונאַנדערטרייסען, וואָלט איהם אלקנה אַוועקגעלעגט. מאַקס האָט געשריגען: „דו ביזט אַ יודע, אַ בעשומלער, און דו האָסט גענוג געלעבט" — און אלקנה ווידער האָט געשריגען: „ער הייסט נישט מאַקס ענגעל, נאָר מאיר אינגעל — ער גענאַרט זיך אַרוים פון מיליטער". צום סוף האָט דאָך אלקנה געזיגט און מאַקסענס פּוס האָט זיך נישט בעוויזען אין דעם הויף.

ער, אלקנה, פלעגט אָפט האָבען צו טהון מיט די „כל הנערים", און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבען מורא פאַר איהם, האָט ער אויך מורא געהאַט פאַר זיי: ער, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון זיין בעל־הבית גאַנץ יונג און אַז ער איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען, האָט ער איבערגעקעהרט די וועלט, האָט געוואוסט וואָס עס הייסט יונג זיין, און פלעגט אָפט קלערען מיט אימה וועגען יענע ווייטע צייטען — אייגענטליך, גאָרנישט ווייטע — ווען ער וועט אַלט זיין און נישט זיין מעהר בכוח צו קעמפען מיט די „שקצים".

אַז די נאַצישע בעוועגונג איז אין דייטשלאַנד געוואָרען שטאַרקער, אין יאָהר 1930, איז אלקנה געוואָרען אַ נאַצי. ער האָט אין דעם קיין בייזעס נישט געזעהען: ער איז שטענדיג געגאַנגען מיט'ן שטראָם און ער האָט עס געהאַלטען פאַר זעלבסטפערשטענדליך אויך איצט... ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ איד, און אַזוי ווי מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ „רוסע", האָבען די נאַצים איהם אָנגענומען אַלס מיטגליד. אַז מען פלעגט שיטען פעך אין שוועבעל אויף אידען, פלעגט עס איהם שטאַרק פערדריסען, אָבער ער האָט געהאַלטען דאָס מויל — דאָס לעבען האָט איהם אויסגעלערנט צו שווייגען, וואו דאָס רעדען נוצט נישט. אָבער אַז מען פלעגט רעדען וועגען דייטשלאַנד און די קאָמוניסטען, האָט ער זיך אויך אַריינגעמישט. ביי די פויערן אין דער אומגעגענד איז ער געבליבען דער „גרויסער פּאָליטיקער". וואָס ער האָט פערשטאַנען פון די נאַצישע רעדעס אין מייסען, האָט ער „פערקויפט" אין די דערפער. די נאַצים האָבען געהאַט שפּיאָנען, וואָס האָבען אויך איהם נאָכשפּיאָנירט — ווייל די שכנים האָבען איהם חושד געווען, — אָבער זיי האָבען איינגעזעהען, אַז ער פערשפּרייט טאַקי זייער תורה אין דער אומגעגענד... ער פלעגט אָפטמאָל צוגעבען אייגענעס אויך, צום ביישפּיל: פראַנקרייך און די קאָמוניסטען ווילען זיך איינע די אַנדערע די האַנד געבען דורך דייטשלאַנד; די סאָציאַליסטען רייסען זיך אַרום אין פּאַרלאַמענט אומישנע מיט די קאָמוניסטען, אָבער אין אמת'ן ווילען זיי פערקויפען דייטשלאַנד צו די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד; ענגלאַנד פאַבריצירט וואָפען פאַר דייטשלאַנד, און בשעת די פראַנצויזען וועלען אָבהיטען זייער גרעניץ מיט דייטשלאַנד, וועלען טויזענדער דייטשע אַעראָפּלאַנען אַנלויפען פון ענגלאַנד... און די פויערן האָבען געגלויבט; געגלויבט האָבען זיי, ווייל זיי האָבען געוואָלט גלויבען.

זייט די נאַצישע בעוועגונג איז שטאַרקער געוואָרען, האָט קיין „אייל־אַגענט" נישט געהאַט קיין דריסת־הרגל אין אלקנה'ס מקומות. ער האָט געמאַכט גוטע געשעפטען און געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ערשטענס, אַז דייטשלאַנד וועט אויפהויבען דעם קאָפּ, וועט זי דאָך בעצאָהלען איהרע באַנקנאָטען און ראשית כל וועט זי צאָהלען די „רויטע שטעמפּעלעך"; צווייטענס, אפילו אַז די נאַצים וועלען טהון די אידען דאָס, וואָס זיי סטראַשען, איז ער דאָך אַ רוסע; דריטענס, אַז די נאַצים וועלען אַרויף אויפ'ן בענקעל, וועלען זיי נישט סטראַשען און די אידען גאָרנישט טהון. די דריטע טענה האָבען גע'טענה'ט גרעסערע קענערס ווי אלקנה איז געווען.

ער האָט אָבער דער עיקר געבויט אויף דעם וואָס, אין מייסען און אין דער גאַנצער „מדינה“ האַלט מען איהם פאַר א גוי. און ס'האָט זיך געמאַכט, אז אויף איין גרויסער פערזאַמלונג האָט מען גערעדט מיט גיפט וועגען אידען און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי אַלע אויפהענגען. אלקנה האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און געזאָגט שטיל צו דעם, וואָס איז געזעסען נעבען איהם לינקס: „מיר רוסען ווייסען, אַז אַלע צרות זענען אויף אונז געקומען, ווייל מיר האָבען זיך פערטשעפּעט מיט די אידען“. יענער האָט אויף איהם א וואַרף געטהון א בייזען בליק און גאַרנישט געזאָגט. זיין שכן פון רעכטס האָט זיך אָבער אָבגערופען: „מיר זענען נישט די דומע רוסען“ — און האָט איהם א קלאַפּ געטהון אויפן פּלייצע. אלקנה איז געווען צופרידען, וואָס יענער האָט איהם נישט געכאַפּט ביי די ווערטער, וואָס האָבען זיך ביי איהם ווי נישט ווילענדיג אַרויסגעריסען. אָבער פון דאַן אָן האָבען די נאַציס איהם נאָכגעשפּירט; זיי האָבען איהם ביי גאַרנישט געכאַפּט, אָבער זיי האָבען פון איהם די אויגען נישט אַראָבגענומען.

איינמאָל, אין א זומער־טאָג, האָט וואָלף קירשענבערג געבראַכט א גאַסט פון ארץ־ישראל, א געבוירענער אין גראַיעווא. זיי זענען געפאָהרען אייגענטליך קיין דרעזדען זעהען די בעריהמטע „בילדער־גאַלעריע“, נאָר וואָלף דער ליץ האָט דעם גאַסט צוגערעדט אָבצושטייגען אויף איין אָוועגד אין מייסען. דער גאַסט האָט גאַנץ נאַאיוו געפרעגט: „ווי קאָנט איהר לעבען אין א שטאָדט פון בלויז גויים?“, און אלקנה האָט געענטפערט עפּעס ווי מיט שטאָלץ: „איך בין א נאַצי“. וואָלף האָט געפרעגט: „ווייסען זיי באמת נישט, אז איהר זענט א איד?“ און אלקנה האָט רוהיג און זיכער געענטפערט: „ווער עס וויים עס נישט פיערציג יאָהר, וויים עס היינט אויך נישט“. „און אז איהר הערט זיי רעדען געגען אידען?“ — האָט דער גאַסט געפרעגט. „שווייג איך — האָט אלקנה געענטפערט — און אז איך וועל דאָרטען נישט זיין, וועלען זיי נישט רעדען אויף אידען? דער הונד, וואָס בילט, בייסט נישט. „זיי האָבען איהם אַלע ליעב“ — האָט זיך זעלדע אַריינגעמישט.

דער אורח האָט זיך דאַן געווענדעט צו איהר: „איך האָב געהערט, אז איהר לעבט דאָ שוין צעהן יאָהר און איהר עסט קיין טריפה נישט“. אלקנה האָט געזאָגט: „גלויבט נישט קיין ווייבער; זי כשר'ט דאָס טריפה פלייש פאַר מיר, מסתמא איז זי טועם דערפון“. „זאָל דיך דער קוקוק נעהמען, מאַן! — האָט זי אויפגעשריגען, אַראָבלאָזענדיג אין גוטען מוט איהר גראָבע, פעטע האַנד אויף זיין קאָפּ, און זי האָט זיך געווענדעט צום גאַסט:

— איך האָב ליב קאַרטאָפליעס.. און איך קריג אמאָל פלייש אויך; אָדער דער מאַן ברענגט מיר, ווען ער איז אין דרעזדען, אָדער מיינע א קרובה שיקט מיר א פּאַקעט פון פּראָסקי, און אמאָל קומט אויף יום־טוב מיין שוועסטער פון „גורי אריות“, ברענגט זי אויך מיט פלייש. דעם לעצטען שבועות האָב איך געהאַט פלייש איבער'ן קאָפּ: דער מאַן האָט געבראַכט צוויי קילאָ פון דרעזדען, מיין קרובה איז געקומען און האָט אויך מיטגעבראַכט א שפּאָר שטיקעל פלייש, און ריכטיג ערב־יום־טוב איז אָנגעקומען אומגעריכט א פּאַקעט פון מיין שוועסטער. דער פּאַקעט איז געווען אונטערוועגס צוויי טעג, איז פון פלייש נישט געווען אזא גוטער ריח, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, אָבער איך האָב עס גוט אויסגעבריהט און געמאַכט קאָנקלעטען און גולאַש און שניצעל; מיר האָבען געגעסען עטליכע טעג צו פיער מאָל אין טאָג פלייש, ווייל ס'האָט נישט געקאָנט מעהר שטעהן; מיר האָבען געהאַט א סך פלייש, ווי די גויים (געמיינט האָט זי קאַטאָליקען) נאָך פּאַסט.

זי וואָלט נאָך פאָרטגעזעצט, נאָר איהר מאַן האָט איהר איבערגעריסען און איהר צוגערופען: „פרוי, גיב א גלאָז טיי צום טיש“. זי האָט אַרויסגענומען פון שאַפע פיער טעפּעלעך פון דריי מינים און זי איז נאָך געבליבען א ווייַלע שטעהן;

בשעת מעשה האָט זי געהאַלטען אַלע פיער טעפּעלעך אין איין האַנד, די פינגער אין זיי. איך בין שוין נישט זאָ פרום — האָט זי געשמייכעלט און גערעדט „דייטש" — איך האַלט שוין מאָל שבת וואָס אַרויף אויך; די גויים קאָופען שבת און זונטאָג און ס'איז זיי זאָ גוט אויף דער וועלט". „אויב אַזוי — האָט זיך אלקנה אַריינגעמישט — פאַרוואָס עסטו נישט קיין שווייַנעפלייש?" „אין פילאָזאָפיע קאָן דיך קיינער נישט בייקומען, מאַן — האָט זי געענטפערט — גוט דערלעבט — דו זאָגסט מיר מוסר, נו-נו".

אלקנה האָט נישט פיעל אויסגעפרעגט וועגען ארץ־ישראל. זעלדע האָט אָבער געפרעגט און דער גאַסט האָט געענטפערט אויף איהרע פראַגען. ביידע האָבען זיך גוט צוגעהערט, נאָר אלקנה האָט נישט געקוקט בשעת מעשה דעם גאַסט אין פנים, ווי ס'וואָלט איהם נישט אָנגעגאַנגען: סוף־כל־סוף איז ער דאָ אויפגעוואַקסען און ס'איז זיין „מדינה" — און וואָסערע „מדינה" איז ארץ־ישראל, אַז זי איז אין אַ-דישע הענד?... זעלדע האָט פּלוצלונג איבערגעריסען דעם גאַסט און אַריינגעוואָרפען אַ פראַגע: „זעהט, לעבען זאָלט איהר, איז דאָרטען דאָ אַ סך בולוועס?" און אַז ער האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ אויף ניין, האָט ער געשמייכעלט: „זאָלט איהר געזונד זיין, ווי קען איך זיך לאָזען אַהין, אַז איך האָב אַזוי ליעב בולוועס?" דער גאַסט האָט ווייטער דערצעהלט, זעלבסטפערשטענדליך מיט זייער געשמאַק, וועגען וועלכען ער האָט שוין געהערט פון וואָלפ'ן און זיך לייכט געקענט פון דער קורצער אונטערהאַלטונג אַליין איבערצייגען.

— דאָרטען איז דאָ אַ אמת'ער כותל מערבי? און קבר רחל אויך? — האָט זי געפרעגט, און איידער ער האָט בעוויזען צו ענטפערען, האָט איהר אלקנה מיט שפּאָט צוגעשריען: „טפּש איינע, פון וואַנען זאָל דער מאַן דאָס וויסען?" — די לעצטע ימים נוראים האָבען זיי געהערט אין הרעזדען, אַז אין ארץ־ישראל זענען געווען אומרוהען און זעלדע האָט אויסגעפרעגט דעם גאַסט, וויפיעל געפאַלענע עס זענען געווען און צי דאָס איז געווען אַ ריכטיגע מלחמה, ווי צו ביישפּיל, אין 1914 אין גראַיעווא. אלקנה האָט דערביי בעמערקט: „וואו דער טערק איז דער הער, האָבען יודען נישטס צו ערוואַרטען; עס איז נישט פרייסען". דער גאַסט האָט איהם געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכען אויף זיין טעות און געזאָגט: „איצט הערשט ענגלאַנד איבער'ן לאַנד". אלקנה האָט אָבער אַ מאַך געטהון מיט'ן האַנד: „דאָס וויים איך, אָבער דאָך איז דאָרט דער טערק דער אדון". זעלדע האָט גע-שטראַהלט פון דעם, וואָס זי האָט געהערט וועגען ארץ־ישראל. יעדען טאָג דער-מאַהנט זי אין דאַווענען דעם נאָמען ירושלים, עס זענען דאָ בעזונדערע תחינות פאַר'ן קבר רחל, און דאָ הערט זי מיט די אייגענע אויערען וועגען די אַלע הייליגע ערטער פון אַ מענשען, וואָס האָט עס אַליין געזעהען מיט די אייגענע אויגען. זי האָט זיך געוואונדערט, אַז דער גאַסט זיצט אַהן אַ היטעל, אָבער זי האָט נישט געוואָגט עפּעס צו בעמערקען. ביים סוף האָט זי אַ קלאַפּ געטהון איהר מאַן איבען פּלייצע און געזאָגט צום גאַסט:

— אַז מיר וועלען אָבקריגען דאָס געלד, וואָס זיי (געמיינט האָט זי די דייטשע מלוכה) זענען אונז שולדיג, וועלען מיר פאָהרען קיין ארץ־ישראל, מיר וועלען זיך קויפען אַ קאָלאָניע און אויסלעבען דאָרט אונזערע יאָהרען.

— דיך ציהט אַהין — האָט אלקנה געזאָגט מיט שפּאָט — ווייל דו האָסט נאָר וואָס געהערט, אַז דאָרט איז דאָ האַלב גראַיעוואָ.

— און אַז יאָ, וואָס איז עס פאַר עוולה? — האָט זי געענטפערט זיכער, — זיי זענען דאָך נישט אין גראַיעוואָ, נאָר אין ארץ־ישראל, אין ירושלים.

— דו בענקסט נאָך דער באָד־גאַס — האָט אלקנה בעמערקט, כמעט אין כעס. זי האָט זיך בעליידיגט.

— און וואָסערער יחסן ביזטו דאָס? דו ווייסט גאַנץ גוט, ווער מיין טאַטע איז געווען און ווער דיינער.

— הער שוין אויף, דומע גאַנז — האָט ער זיך געוואָרפן.

זי איז רויט געוואָרן און אַרויס אין קיך. מען האָט געהערט, ווי זי ברומט אין קיך: „שטענדיג, אַז עס קומען מענשען, ווייזט ער זיין חזר׳יש פּיסעל". אלקנה האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג און געפרעגט:

— זענען דאָרט פאַרהאַן נאַפט־פאַבריקען?

— דערווייל נאָך נישט — האָט דער גאַסט געענטפערט.

— ווען איך זאָל האָבען הונדערט טויזענד מאַרק — האָט אלקנה געזאָגט — וואָלט איך דאָרט אויפגעשטעלט אַזאַ פאַבריק; אומעטום איז גוט צו זיין דער ערשטער.

אַז ס׳איז איהר איבערגעגאַנגען דער כעס, איז זעלדע אַריין צוריק אין צימער. אלקנה האָט איהר געזאָגט מיט אַ פרעהליכען פּנים:

— אַז זיי וועלען אונז אומקעהרען אונזער געלד, וועלען מיר דאָרט אויפשטעלען אַ נאַפט־פאַבריק — און איהר אַ קניפּ געטהון אין באַק.

— דו וועסט אין ארץ־ישראל נישט קומען אפילו אין צעהנטען גלגול — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל, וועלענדיג זיך איבערבעטען.

אַט דער בעזוך האָט געלאָזען זיינע צייכענס אין דעם אויבער־שטיבעל אין מייסען. זייענדיג ימים נוראים אין דרעזדען, האָט זעלדע איינגעאָרדענט, אַז מען זאָל איהר שיקען יעדע וואָך דעם וואַרשאווער „היינט". זי האָט אפילו שווער געלייענט אַ צייטונג, אָבער דאָך האָט זי דורכגעדרעפּטשעט די נייעסען און מיט די ידיעות וועגען ארץ־ישראל האָט זי זיך פּשוט מחיה געווען, אי מיט דעם, וואָס זי האָט פערשטאַנען און אי מיט דעם, וואָס זי האָט נישט פערשטאַנען. אין די אָווענדען פלעגט זי לייענען אלקנה׳ן שטיקלעך פון „היינט". ביים אָנפאַנג האָט ער צוגעהערט ווי געצוואונגען, אָבער נאָכהער האָט ער גערן געהערט. ער האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז איהם אינטערעסירען די ידיעות פון ארץ־ישראל נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט ליב נייעס, ווייל אַ פאָרטגעשריטענער מענש דאַרף וויסען, וואָס ס׳טהוט זיך אין גאָר דער וועלט... זעלדע האָט אָנגעהויבען פאַנטאַזירען פון ארץ־ישראל און דורך די געדאַנקען איז אויך געקומען צו טראַכטען וועגען דער שעה, וואָס קיינער קאָן זיך פון איהר נישט אויסדרעהען — וועגען טויט. אַ מענש לעבט דאָך נישט אייביג — וואו וועט איהר געביין אַהינקומען? אין דרעזדען איז דאָ אַ אידישער בית־עלמין, אָבער אלקנה איז דאָך אַ גוי; ער זאָגט, אַז נאָכ׳ן טויט קאָן מען מיט׳ן טויטען אינטערשפּאַרען אַ פאַרקאָן — וועט ער דען אויסגעבען געלד, אָבי איהר צו ברענגען צו קבר ישראל? ער וויל דאָך, אַז מען זאָל נישט וויסען, אַז זיי זענען אידען... איינמאָל, אַרויסגעהענדיג פון אַ גרינוואַרג־געשעפט, האָט זי געהערט, ווי איין גויה זאָגט דער צווייטער: „די אידין ווירד אימער דיקער פאָן אונזערם געלדע". זי האָט עס אלקנה׳ן נישט דערצעהלט, ווייל ער וואָלט איהר נאָך אָנגעשאָלטען, וואָס זי צינדט אָן שבת ליכט און דאַווענט פון אַ סידור און רעדט אויף גראָיעווער לשון און בכלל, וואָס מען דערקענט, אַז זי איז אַ אידיש קינד; אָבער די מעשה האָט איהר נישט געגעבען קיין רוה. איצט האָט זי געזעהען, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געזעהען, אַז די גויים וואַרפען אויף איהר גיפטיגע בליקען. זי האָט נישט געוואַגט צו געהן שפּאַצירען אָהן אלקנה׳ן, און מיטנעהמען אין גאַרטען דעם „היינט" געוויס נישט. אַז ער פלעגט געהן צו די נאַצישע פערזאַמלונגען, פלעגט זי זיצען אין פענסטער און איהם אָבוואַרטען אומגעדולדיג, ווייל זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען זיך דאָרטען דערוויסען, אַז ער איז אַ איד. ווען עס איז אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז די נאַציס

רוקען זיך צו צו דער ממשלה, האָט אלקנה גע'מוסר'ט זיין פרוי און איהר געזאָגט: „זאָג, פרוי, ווער איז אַ חכם און האָט אַלץ פאָראויסגעזעהען? איצט איז וואויל דעם, וואָס געהערט צו זייערע מענשען!"

נאָר אפילו צו יענער צייט האָט ער גערן געהערט זעלדען איהם פאַרלייענענדיג דעם „היינט", און אַז זיי פלעגען זיצען אַליין אין גאָרטען אויף אַ באַנק, אָדער אַז זיי זענען געלעגען אויפ'ן געלעגער און נישט געשלאָפען, האָט ער זעלדען געפרעגט: „און וואָס איז דאָרט נאָך דאָ וועגען פאַלעסטינא"? זי פלעגט האַלטען אין איין דערצעהלען, און כמעט שטענדיג האָט זי געענדיגט מיט דער פראַזע: „וואָס זאָגסטו אלקנה, וועלען מיר נאָך אַמאָל זיין אין ארץ־ישראל?" „וואָס וועלען מיר דאָרטען מאַכען? יונג זענען מיר נישט און שטאַרבען קאָנען מיר דאָ אויך" — פלעגט ער ענטפערען, אָדער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אָבער די תשובה האָט נישט אויסגעלאָשען דעם ערשטען פונק, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהר האַרצען. זי האָט קיין סך נישט געהאַט געהאָפט אויף דעם — ווי אַזוי? און דאָך פלעגט זי אָפט אלקנה'ן און זיך אַליין פרעגען, יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זיך אָנשטויסען ביים דאַווענען, ביים בענשען און אין תהלים אויפ'ן וואָרט „ירושלים" אָדער „ציון": „וועלען מיר אַמאָל זוכה זיין צו זעהען מיט אונזערע אייגענע אויגען ארץ־ישראל?".

דער סוף

— ווּעלן מיר אַמאָל זיין אין ארץ־ישראל? — אויף דער דאָזיגער אונבע־אַנטוואָרטליכער פראַגע, וואָס זעלדע פלעגט זיך אָפּט פרעגן אין דער גוישער שטאָדט מייסען, האָט זי כמעט פלוצלונג געקריגן דעם ענטפער. ווי איבער נאַכט האָבן די נאַצים פערכאַפּט די ממשלה און זייער ערשטע טהאַט איז געווען, ווי בעקאַנט, זיך נעהמען צו די אידען.

ווער האָט יעס, צום טייוועל, פערראַטען, אַז אלקנה איז אַ איד? ער האָט פלוצלונג געפיהלט, אַז די גאַנצע גאַס, וואו ער וואוינט, קוקט אויף איהם ביין. און אַז ער האָט געמערקט, אַז אייניגע ענטפערען נישט אויף זיין „מאָיען, מאָיען“ (די פערקירצונג פון „גוט מאָרגען“), האָט ער געוואוסט, אַז דער סוד איז אַרויס. עס איז איהם געלונגען אויסצובעהאַלטען זיין אידישקייט פון ווילהעלם׳ען, פון עבערט׳ן, הינדענבורג׳ן, אָבער נישט פון היטלער׳ן. אלקנה׳ן איז געווען קלאָר, אַז דאָס שטאַמט פון די שכנה׳טעס: אַ פרוי קאָן דאָך קיין סוד נישט האַלטען, האָט זיי געוויס זעלדע פערמרויט, אַז זיי זענען אידען, כאָטש ער האָט איהר שטענדיג געוואָרענט, אַז זי זאָל נישט דערצעהלען. און אַזוי איז עס דערגאַנגען וואו מען דאַרף נישט. פאַרוואָס האָבען זיי, די נאַצים, געשוויגען די גאַנצע צייט? — וואָס ער זיך אַליין געפרעגט, און זיך אַליין געענטפערט: אידער זיי זענען געווען זיכער מיט זייער נצחון, האָבען זיי נישט געוואַגט צו פערטשעפּען אַ אידען, וואָס לעבט צווישען זיי צעהנדליגער יאָהרען, אָבער ווי נאָר זיי האָבען געקריגען די ממשלה אין האַנד, איז אַלץ הפקר.

זעלדען האָט ער באַלד אין די ערשטע טעג אוועקגעשיקט קיין לייפּציג צום „קרוב“, צו וואָלף קירשענבערג. זי האָט פערלאָזען מייסען אין אוועגד, כדי מען זאָל זי נישט זעהען אָבפאָהרענדיג, און ער איז געבליבען אין מייסען און מיט אַלע כוחות געזוכט אויפצומאָהנען זיינע חובות ביי די פויערען און גוטבעזיצער. דאָ

האָט ער געהערט: „רוסען צאָהלען וויר נישט" און דאָרטען: „איך וויס, דאס זי איין יודע זינד און איך בין דאָך נישט זאָ דום געלד דעם פיינדען דעם רייכעס אויסצוליפערען". אָבער אין אַלגעמיין איז איהם געלונגען ארויסצוקריגען זיין געלד, ער האָט נישט גערוהט, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז יעדע מינוט איז גאָלד ווערט, און ביי זיך אין שטוב אין מייסען פלעגט ער זיך פער'גנב'ענען איינמאָל אין צוויי טעג נאָך האַלבער נאַכט. ער איז געזעסען אין אויבערשטיבעל אין דער פינסטער, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די נאַציס; דיר האָב איך גאָרנישט — הלוואי זאָלען אַלע אידען זיין ווי דו". ער איז ארויף מיט אלקנה'ן אין שטוב און האָט איהם פערטרויט, אַז ביי איהם אין קרעטשמע איז געווען אַ פערזאַמלונג און איינער האָט געזאָגט, דאָס אלקנה האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אַ שלעכטער סוף וועט אויסגעהן צו דיעם, וואָס פערטשעפּעט די אידען. אַלע זענען געוואָרען אָנגעצונדען און בעשלאָסען איהם צו אַרעסטירען. דעריבער האָט ער אויך דעם אויוען נישט איינגעהייצט און געפרוירען.

איינמאָל, קומענדיג שפּעט ביינאַכט אַהיים, האָט איהם אָבגעוואַרט דער קרעטשמער פון „גאָלדענעם ליעווען". אלקנה איז אויפגעציטערט געוואָרען. דער אַלטער קרעטשמער, וואָס האָט איהם געקענט פיערציג יאָהר פאַר אַ גוטען קונד און אָרענטליכען מענשען, האָט איהם געדריקט די האַנד און איהם געזאָגט גאַנץ שטיל: „הערר מילער, פאַר מיר האָסטו מורא? געוויס בין איך אַ נאַצי, אָבער צו דיר האָב איך גאָרנישט — הלוואי זאָלען אַלע אידען זיין ווי דו". ער איז ארויף מיט אלקנה'ן אין שטוב און האָט איהם פערטרויט, אַז ביי איהם אין קרעטשמע איז געווען אַ פערזאַמלונג און איינער האָט געזאָגט, דאָס אלקנה האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אַ שלעכטער סוף וועט אויסגעהן צו דעם, וואָס פערטשעפּעט די אידען. אַלע זענען געוואָרען אָנגעצונדען און בעשלאָסען איהם צו אַרעסטירען אַלס איד און פּראָוואָקאַטאָר.

— נעהם די לייכטע זאַכען און ראַטעווע דיך — האָט דער קרעטשמער נאָכגעזאָגט. — וואַרט נישט קיין איין סעקונדע, מילער — האָט ער צוגעזאָגט אלקנה'ן, — לאָז דעם שליסעל ביי מיר, דיר וועט חלילה אַ האָר פון קאָפּ נישט פאַלען.

אלקנה האָט אָנגעטהון די אַלטע שיך, וואו ער האָט פערבעהאַלטען דאָס געלד, אַריינגעשטופּט אין אַ קליין טשעמאָדאַנטשיק, וואָס עס האָט זיך געלאָזען, אין אַוועק. אויף די טרעפּ, אין דער פינסטער, האָבען זיךביידע אַלטע געזעגנט מיט טרעהרען און זיך צעקושט. דער קרעטשמער האָט געזאָגט:

— מיר וועלען זיך נאָך זעהען, מילער; דיין נאָמען איז אַ ריכטיג דייטשער און איך בין זיכער, אַז דו האַלטסט מיט אונז, נישט ווי די אידען אין בערלין, וואָס האָבען פערקאַפּט דייטשלאַנד אין זייערע הענד; אָבער עס איז אַ שכור'ע צייט, מיר זענען אַלע שכור, און דער ניכטערער דאַרף אָבטרעטען דעם וועג".

מילער האָט זיך אויסבעהאַלטען אין שטאָהט-גאָרטען, פרירענדיג פון קעלט, ביז די קניה אין שניי; אַזוי האָט ער געוואַרט ביז דעם ערשטען פאַרטאָג-צוג פון דרעזדען קיין לייפּציג. ער האָט זיך דעמאָלט דערמאָהנט אָן פיעל ביטערע שעה'ן אין זיין לעבען: ווען ער איז נאָך אַ משרת געווען ביי ר' הערצקען; ווען מען האָט איהם געשאַפּט אין מייסען די ערשטע טעג פון קריג און איהם געוואָלט דערשיסען, ווייל ער איז אַ „רוסע", און נאָך און נאָך אַנדערע צייטען,

„איך בין ניצול געוואָרען פון ר' הערצקען, איך בין ניצול געוואָרען פון דעם המן, וועל איך ניצול ווערען אויך פון זייערע הענד“ — האָט ער זיך געטראַכט, און דאָך האָט ער זיך געשראָקען פאַר'ן מינדעסטען שאָרך אין גאָרטען, פאַר זיינע אייגענע שריט.

אַז ער איז אויף מאָרגען אָנגעקומען בשלום קיין לייפּציג און אריין צו וואָלף קירשענבערג'ן, האָט ער זיך געכאַפּט איהם און זעלדען קושען און געוויינט ווי אַ קליין קינד. קיינער האָט קיינמאָל אלקנה'ן נישט געזעהען וויינענדיג, אָבער דאָסמאָל האָט ער געוויינט. ער האָט געוויינט פון שמחה, וואָס ער האָט זיך געראַטעוועט, און פון צער, וואָס ער איז אַזוי געבליבען אויף דער עלטער. וועלוועלע האָט איהם געטרייסט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט אַלץ ווידער רוהיג ווערען. און אַז עס איז אַריבער איין וואָך, צוויי, אַ מאָנאַט און ס'איז נאָך ערגער געוואָרען, האָט אלקנה אָנגעהויבען צו טראַכטען, וואָס ער האָט צו טהון. אין יענע טעג האָבען אַ סך קלוגערע און בערנינפטיגערע פון אלקנה'ן די אויגען געעפענט, און ווי זמן מען האָט געקאָנט, האָבען זיי געראַטעוועט זייער ביסעל פערמעגען און אוועק פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל. אַז אלקנה האָט דאָס ערשטע מאָל געטראַכט וועגען אריבערציהען זיך קיין ארץ־ישראל, האָט ער זיך ווי דערשראָקען פאַר דעם געדאַנק. נאָר הערענדיג, אַז „גאַנץ דייטשלאַנד“ פאָהרט קיין ארץ־ישראל, האָט ער זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק און וואָס מעהר ער האָט וועגען דעם געטראַכט, אַלץ קלענער איז געוואָרען זיין מורא און בערצווייפלונג.

— און וואָס וועסטו, זעלדע, זאָגען צו דעם, אַז מיר וועלען פאָהרען קיין ארץ־ישראל? — האָט ער איהר אין איין שענעם טאָג פּלוצלונג אַ פרעג געטהון.

זי איז איינגעשפּרונגען פון שמחה.

— איך האָב דאָך שטענדיג געזאָגט „ארץ־ישראל“. זאָג, אלקנה, אַז זעלדע זאָל לעבען!

וואָלף האָט שוין פריהער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל און געבען דאָרט, ווי אין לייפּציג, מוזיק־לעקציעס. ער האָט זאָגאַר שוין אָנגעגעבען אַ ביטע אויף אַ סערטיפיקאַט און ס'איז איהם צוגעזאָגט געוואָרען אויף צוויי וואָכען אַרום. אַז וואָלף איז יענעם טאָג געקומען אַהיים, איז איהם זעלדע אַנטקעגענגעלאָפען מיט אַ שיינענדיג פנים:

— דער שוואַרץ יאָהר נעהמט איהם נישט, אלקנה איז דאָך אַ וואָרימער איד, מיר פאָהרען קיין ארץ־ישראל, מיט דיר צוזאַמען פאָהרען מיר!

פון די לעצטע פּאָר ווערטער איז וואָלף נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידען, וויל ער האָט פון זיי געליטען איבערגענוג במשך פון די וואָכען, וואָס זיי זענען געווען ביי איהם, און ער האָט פערשאַלטען די טעג, וואָס ער האָט אין ביאַליסטאָק בעגעסען ביי זעלדען קאַשע און באָרשטש... נאָר ער האָט געוויזען אַ פרעהליך פנים און ביידען געדריקט די האַנד.

אויף צומאָרגענס איז אלקנה געגאַנגען צום ענגלישען קאָנסול אין לייפּציג. ער האָט געוויזען דעם קאָנסול, אַז ער האָט אַכצען טויזענד מאַרק און דער קאָנסול האָט איהם צוגעזאָגט געבען אַ וויזע. אלקנה האָט נישט פערגעסען וויזען דעם קאָנסול אויך די טויזענד־מאַרק־שיינען מיט די „רויטע סטעמפּעלעך“ און אַפילו די רוסישע שפּאַר־ביכלעך, וואָס זעלדע האָט מיטגעבראַכט פון גראַיעווא.

דער קאָנסול האָט געשמייכעלט און בעמערקט: „דאָס קענט איהר לאָזען

דאָ". „ניין, ניין!" האָט אלקנה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט בע־סער געוואוסט ווי דער קאָנסול, און די פּאַפּירלאַך מיט די ביכלאַך פאַרזיכטיג אַריינגעטאָן צוריק אין בוזעם־קעשענע.

אין אַ חודש אַרום זענען אלקנה און זעלדע געפאָהרען צוזאַמען מיט וואָלפ'ן קיין ארץ־ישראל. — אַז זיי זענען אַריבער די דייטשע גרעניץ און זיך אויפגע־האַלטען אויפ'ן וואַקזאַל אין זאַלצבורג, האָט אלקנה כסדר געפרעגט וואָלפ'ן, צי זיי זענען שוין זיכער אַרויס פון דעם פערפלוכטען „פּרייסען". און ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז ס'איז אַזוי, האָט ער אויפגעהויבען דעם שטעקען אויף דער זייט פון וואַנען זיי זענען געקומען און געשריען: „ס'איז אמת! איך האָב טאַקע געזאָגט, אַז אַ שלעכטער סוף וועט אויסגעהן צו דעם. וואָס פערטשעפּעט זיך מיט אידען, און איהר וועט עס נאָך דערלעבען, פערפלוכטע באַנדע!" זעלדע האָט איהם אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנד און איהם געוואָלט בערוהיגען. זי האָט זיך ביי איהם געבעטען מיט אַ וויינענדיגער שטימע: „ראַטעווע מיך, דו הערסט אויף? איך פאַל דיר דאָ אַנידער!" וועלוועלע האָט געלאַכט און געפּרובט איהר צו בערוהיגען: „זעלדינקע, דאָ קען מען אויסגיסען דאָס האַרץ". „פונדעסטוועגען—" האָט זעלדע געטענהט.

— איהר וועט האָבען המנ'ס מפּלה! — האָט אלקנה ווייטער געשריגען זיך נאָך פערמעסטענדיג מיט'ן שטעקען אויף „פּרייסען".

* * *

זיי זענען אָנגעקומען אין ארץ־ישראל און מיט זיי „גאַנץ פּרייסען".

אַז אלקנה'ס פוס איז נאָר אַרויף אויפ'ן באָדען פון תל־אביב און ער האָט געזעהן די פרישע, שענע, שטאָרק און אומעטום אידען, ריינע, פרישע און נישט־צושראָקענע אידען, האָבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. „דאָס איז אונזער פּרייסען", האָט ער געזאָגט און נישט גערעדט מעהר. זעלדע האָט געוויינט אויפ'ן קול. אלקנה האָט איהר געלאָזט וויינען: דאָ איז זי דאָך נישט צווישען גויים, זי איז צווישען אידען און זי קען וויינען וויפיעל איהר האַרץ גלוסט.

נאָך דעם ערשטען אָוונט האָט אלקנה געהערט אין האָטעל, וואו זיי זענען איינגעשטאַנען, אַז ער קען אוועקגעבען זיין געלד אויף אַ היפּאָטעק און זיך לע־בען אויף דער עלטער רוהיג; און אַז ער וויל, קען ער קויפען אַ קליין הייזעל און לעבען גאַנץ שען פון דירה־געלד. ער האָט זעלדען אַ קלאַפּ געטאָן אויפ'ן פּלייצע און איהר געזאָגט:

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען, זעלדע, אַז אויף דער עלטער וועלען מיר דאַרפען אָנקומען צו מענשען.

און זי האָט בעמערקט מיט אַ רמז: „בפרט אַז יענץ געלד וועט אויך זיין געלד" — געמיינט האָט זי די „רויטע סטעמפּעלעך" און די שפּאַר־ביכלאַך.

יענע גאַנצע נאַכט האָבען זיי אַנ'אויג נישט צוגעטאָן. זי האָט געזאָגט: „איך פיהל זיך עפּעס, ווי מיר וואָלטען היינט חתונה געהאַט". „דו ביסט גערעכט, זעלדע", האָט אלקנה געלאַכט אויפ'ן קול.

די „שבעת ימי המשתה" זענען פאַרביי אין בעזוכען ביי גראַיעווער. וואָס זענען אַמאָל געווען אין גראַיעווע אָנגעזעהענע בעלי־בתים, סוחרים אָדער קרע־

מערס. אין גראיעווא האבען אלקנה מיט זעלדען נישט געהאט די זכיה מיט זיי א ווארט צו רעדען, און דא האט מען זיי אויפגענומען ווי אלטע גוטע פריינד און מען האט זיי געבעטען, אז זיי זאלען דורכאויס ווידער קומען. זיי זענען אין זייערע אייגענע אויגען חשוב'ער געווארען, נאר איינער האט עס דעם אנ־דערן נישט געזאגט.

וואלף האט זיי געהאלפען דינגען א דירה און איינקויפען מעבל. פאר נישט טייער זענען זיי געזעסען אין א דירה מיט א באדע־צימער און אפילו מיט א בית־כסא אין שטוב (לכתחילה האבען זיי די דאזיגע איינריכטונג געהאלטען פאר א חסרון), פשוט ווי די גראפען, ווי פירשטען. אז זיי זענען געלעגען די ערשטע נאכט אין דער נייער דירה, האט זעלדע זיך אנגערופען: „האבען מיר אמאל אין אויבער־שטיבעל אין מייסען נאר געחלומט וועגען אזא מלוכה'שער דירה?" און אלקנה האט איהר געזאגט גאנץ שטיל: „דערצעהל קיינעם נישט — וועמענס עסק איז עס? דא זאגט געווים יעדער איינער, אז אין חוץ לארץ איז ער געווען א „גביר" און געזעסען אין א פאלאץ". זי האט געענטפערט: „איך רעד דען עפעס? איך זאג דאך נאר; און נאר דיר זאג איך עס".

אין „האניג־מאנאט", יעדען פארנאכט, זענען זיי ביידע געזעסען אין די שדרות־רוטשילד — די ראטשילד־אלעען. ער האט שטארק הנאה געהאט פון דער פאליטיק פון די אלעען־חכמים — דארט קומען זיך צונויף אינדערפריה און פארנאכט תל־אביב'ער אלטווארג און רעדען ארום די וועלט־פאליטיק — נאר דא האט ער, דער פאליטיקער פון זאקסען, נישט געוואגט צו עפנען דאס מויל. ער פלעגט אויסהערען און צושאקלען מיט'ן קאפ. נאר אמאל פלעגט ער פלוצלונג ארייגפאהרען מיט א פראגע: „וואס מיינט איהר, רוסלאנד אדער דייטשלאנד וועלען אמאל בעצאהלען די חובות, וואס זיי זענען שולדיג פריוואטע מענשען?" — און מיט דעם האט ער געגעבען א געלעגענהייט א סך „פינאנץ־מבינים" אויסשיטען זייער חכמה. ער פלעגט אלעמאל שטעלען די פראגע, נאר נישט די זעלביגע מענשען. ער פלעגט אויסהערען די טענות און אמאל פלעגט ער ארוים פון אזא געשפרעך מיט האפנונג ארויסצוקריגען וואן עס איז זיין פער־מעגען פון די „צוויי אדירי עולם" און אמאל האט ער שטארק געהאפט, אז ער וועט אבקריגען ביז א פרוטה...

אין איינעם פון די פארנאכטען, זיצענדיג אליין אויף א באנק, קומט זיי אן אנטקעגען — ווער? — מאקס ענגעל. פון וויטען האבען זיי שוין דערקענט זיין דיקע מארדע פון עסען דאס זאקסישע פלייש און רויטע צורה פון מינכע־נער ביער. „הערר מילער!" האט ער אויסגעשריען מיט שמחה און געדריקט ביי־דענס הענד. „דו ביזט אויך דא, מאקס?" האט זיך אלקנה דערפרעהט מיט איהם, און זעלדע האט איהם געזאגט: „זעץ זיך — וואס מאכסטו, מאיר'קע?" דא האבען זיי אלע פארגעסען, אזוי ווי קיינמאל גארנישט געווען, די קאנקורענץ מיט די „איינגלעך" און די גרויסע שלעגערייי צווישען אלקנה'ן און מאקס'ן אין א הויף, פון וועלכער אלע פעד־אידען האבען לאנג גערעדט. זיי האבען זיך אונ־טערהאלטען פריינדליך. מאקס האט געזאגט:

— וואס האב איך דארט מעהר צו זוכען? ביי א אידען קויפט מען נישט, און אז מען קויפט בעצאהלט מען נישט. האב איך גארנישט לאנג געטראכט און געקומען אין ארץ.

אלקנה מילער האט ביי איהם געוואלט ארויסקריגען, צי ער האט געבראכט מיט זיך געלד.

— איך האב מיטגעבראכט מיין ווייב, זי איז מעהר ווערט ווי געלד — האט ער געענטפערט — און איך ארבייט אויפ'ן בוי,

— ווען איך בין יונגער וואלט איך אויך געגאנגען ארבייטען אויפ'ן בוי, זא וואהר איך לעב — האט אלקנה בעמערקט.

— אפשר וועט דיר גאט העלפען און דו וועסט עפעס אנדערש געפינען— האט זעלדע געזאגט — פון א סוחר אראב אויף א פשוט'ען ארבייטער, האב געדולד, דו וועסט עפעס בעסערס געפינען.

— דא איז אלץ גוט — האט מאקס געענטפערט.

— עס שטימט — האט אלקנה צוגעגעבען און זעלדע האט געשוויגען.

— מיין ברודער זיגפריעד קומט אויך באלד אהער — האט מאקס ווייטער געזאגט — ער ווארט אין בערלין אויף א סערטיפיקאט און ער האט גוטע אויסזיכטען איהם צו קריגען.

— זיגפריעד? דאס איז דאך זעליג, דער קליינער זעליגל, א? — האט זעלדע געפרעגט.

— אוודאי — האט אלקנה געענטפערט אנשטאט מאקסען — ער האט איי־בערגענעכטיגט א נאכט אין פרייסען, איז ער פון זעליג געווארען זיגפריעד.

מאקס האט געשמייכעלט. אזוי זיך אונטערהאלטענדיג האט ער ארויסגענו־מען א בריעף פון ברודער און זיי דערצעהלט א מעשה, וואס האט זיי אייסער זיך געבראכט: חאצקעל פון דעסוי — וואס איז געווען אין דער יוגענד א יונג ביי ר' אברהם חיימ'ען און דערנאך ביי ישראל משה'ן — איז מסתמא פון זינען אראב; ער איז ארויסגעשפרינגען פון באהן — אזוי שרייבט זיין ברו־דער, — ער איז געלעגען צוויי טעג אין לייפציג אין א שפיטאל און געשטאר־בען; איצט פאהרט זיין ווייב מיט צוויי קינדער ארעם און נאקעט צוריק קיין גראיעווא.

אלקנה און זעלדע זענען אויפגעציטערט געווארען, איהם בעפאלען מיט פראגען, און צום סוף האט אלקנה געזאגט:

— ער איז דאך געווען דער ראטשילד פון אנהאלט, אבער אז די גויים צאהלען נישט, העלפט נישט קיין חכמה און קיין ראטשילד.

און נאך א קורצען שווייגען האט ער ווייטער געזאגט:

— חאצקעל איז נישט פון זינען אראב, ער איז געווען א חכם — ער האט זיך דאס לעבען גענומען, ווייל ס'איז איהם נישט געבליבען קיין אנ־דער ברירה, ווי פאהרען צוריק קיין גראיעווא, און בעסער דער טויט איידער די גראיעווער באד־גאס.

בשעת מעשה האט ער א ווינק געטאן אויף זעלדען. אין אנ'אנדער צייט וואלט איהם שוין זעלדע אויפגעוויזען, ווער ס'איז נעהנטער צום באד־גאס, זי צי ער, נאר אין אזא צייט האט זי כמעט נישט געהערט וואס ער האט געזאגט, און זי האט געהאלטען אין איין בעדויערן חאצקעל'ס ווייב, וואס נאך די גוטע יאהרען אין פרייסען מוז זי נעביך צוריק קיין „גראנדעווקע".

— און אפשר וועט זי נאך דארפען אנקומען צו איהרע קרובים — האט

זי געזיפצט — זיי זענען אַלע שלעפּערס און דערצו כּלבים אויך — און זי האָט געענדיגט ווי צו זיך אַליין — די דזשעגטשאַרעס זענען קיינמאָל קיין גוטע מענ־שען נישט געווען.

— דאָרט איז מעהר קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר אונזער איינעם, די גויים קען־נען דיך אוועקהרג׳נען מיט העלצער. ווער עס איז קלוג און שאַרט זיך אַרויס פריהער מאַכט גוט — האָט מאַקס געזאָגט.

אַלע דריי זענען געזעסען אַראָבגעלאָזען די קעפּ, נישט געפינענדיג קיין ווערטער אויסצודריקען זייערע געפיהלען.

דערווייל איז אָנגעקומען וואָלף, וואָס האָט זיך אָבגערעדט מיט די אַלטע זיך דאָ צו טרעפען און געהן עסען ביי זיי אָוועגדברויט. אלקנה האָט איהם פאָר־געשטעלט מאַקס ענגלען, וועלכען ער האָט געקענט נאָר נאָכ׳ן נאָמען נאָך; ער האָט שטענדיג געהערט אין מייסען, ווי אלקנה שילט איהם צוליעב דער מחלוקת מיט איהם, וואָס ער האָט יאָהרען נישט פערגעסען. אלקנה האָט אָנגעוויזען מאַקס׳ן אויף וואָלפ׳ן:

— ווען נישט דער יונגערמאַן, מאַקס, וואָלטען מיר דאָ נישט געווען.

זעלדע איז אַריינגעשפּרונגען מיט איהרס:

— ווען איך וואָלט איהם די נשמה נישט דערבאַפּט אין דער מלחמה־צייט אין ביאַליסטאָק, ווער ווייס וואו זיין געביין וואָלט איצט געווען.

און זי האָט וואָלפ׳ן אַ קלאַפּ געטאָן מיט ליבע אויפ׳ן פּלייצע. זי האָט שוין פערגעסען דאָס שיקזאַל פון האַצקלען און זיין משפּחה.

אלקנה האָט איינגעאָטעמט דעם וואונדערבאַרען ריח פון די פּרדסים, האָט בעטראַכט די שענע אַלעע און די פרישע מאָדערנע הייזער, און טראַכטענדיג, אַז ס׳האָט קיין סך נישט געפעהלט, אַז ער זאָל האָבען האַצקעלס סוף, האָט ער זיך געפיהלט גוט און געזאָגט צו זיך אַליין עפּעס ווי מיט חרטה:

— אַי שען דאָ איז — אַ שאָד, וואָס איך בין אַהער נישט געקומען מיט פערציג יאָהר צוריק, איידער זיך אַרומשלעפּען אין אַ מדינה פון שונאים.

וואָלף האָט געשמייכעלט, און איידער ער האָט נאָך בעוויזען צו בעמער־קען, אַז מיט פערציג יאָהר צוריק איז תל־אביב נאָך אויף דער וועלט נישט גע־ווען, האָט זיך מאַקס אַרויסגעבאַפּט:

— דאַן איז אויך נאָך נישט געווען — היטלער...

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| דער ערשטער (אנשטאט אנ'הקדמה) | 3 |
| ישראל משה'ס ווינטער | 9 |
| אסרו הג | 19 |
| מזל טוב! א אינגעל! | 27 |
| ר' זינדעל תלמיד הכם | 37 |
| אויף קבר אָבות | 47 |
| צו קבר ישראל | 59 |
| משה בערל מחלל יום טוב | 69 |
| אשרי תמימי דרך | 81 |
| בראנדענבורגער נסיעות | 93 |
| א ליבע פון גרינעם בארג | 105 |
| שמשון הגבור | 119 |
| ביים גראף ביסמארק | 127 |
| ווען דאס לעבען איז נישט ליעב | 133 |
| די לעצטע נסיעה | 143 |
| אין דער גרויסער וועלט | 157 |
| דער ערשטער ניצוץ | 169 |
| דער סוף | 179 |